STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03819

ALE VERK

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק פון שלום עליכם

עלפטער באַנד

אידישע ראָמאַנען

ווילנע—וואַרשע 1925
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

עס איז שטרענג פארבאטן צו קויפן און פאר
קויפן דאס דאזיקע בוך אין צפון און דרום
אמעריקע, אין דרומאפריקע און אין ענגלאנד

Copyright 1917, by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

צוליב דעם פארלאנג פון שלומעליכמס יורשים, איז די
אויסגאבע געדרוקט לויט דער אמעריקאנער אויסגאבע.

Szolem-Alejchem. T. XI. „Idisze Romanen".
Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie" B. KLECKINA.

אידישע ראָמאַנען

אינהאלט

פענדער בלאנק און זיין געזינדעל 7

סטעמפעניו 121

סענדער בלאַנק
און זיין געזינדעל

אַ ראָמאַן אָהן אַ „ראָמאַן“

געשריבען אין יאָהר 1887.

דאָס ערשטע קאַפּיטעל.

דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף — און די קאָמעדיע הויבט זיך אָן.

צו אַ גרויסען צווייגאָרענדיגען מויער אויף דער שענסטער גאַס פון דער שטאָדט .א (אַזוי הויבען־אָן אַלע ראָמאַניסטען, אַזוי הויב איך אויך אָן) פאָהרען־צו און פאָהרען־אָפּ אַ גאַנץ פריהמאָרגען פאַיעטאָנען מיט דראָזשקעס מיט פערשיעדענע פאַרשוינען; די פאַרשוינען שפּרינגען־אַראָפּ און בעצאָהלען דעם קוטשער מיט דער ברייטער האַנד, נישט געדונגען זיך.

חוץ וואָס עס פאָהרען אַהער אַ גאַנצען טאָג מענשען, איז שוין דאָ געווען צוויי מאָל דער דאָקטאָר קלוגער, און נאָך יעדען מאָל, וואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דאַנען, האָבען איהם בעגלייט יונגע לייט מיט ווייבער און האָבען מיט איהם אַ היבשע ווײַלע פערבראַכט אויף דעם טראָטואַר, און איינע פון די ווייבער, די יונגערע, האָט אַלע רגע צוגעטראָגען אַ קלאָר ווייס טיכעלע צו די אויגען און האָט חוץ דעם געשנייצט די נאָז מיט אַזאַ כח, גלייך ווי זי האָט געוואָלט אויסשנייצען אינגאַנצען איהרע צרות דורך דער נאָז. דער דאָקטאָר קלוגער האָט זי בערוהיגט מיט אַלע מעג־ליכקייט; ער האָט אויסגעשאָטען פאַר דער אומגליקליכער פרוי אַ סך מיט שענע ווערטער, וואָס איך מיין, אַז קיינער האָט פון זיי ווינציג־וואָס פערשטאַנען, מחמת דער דאָקטאָר קלוגער האָט ליעב איבערצושיטען זיין שפּראַך מיט זעהר פיעל הויכע ווערטער, אָדער גאָר ווערטער פון דער מעדיצין.

— בערוהיגט זיך, מאַדאַם זעמעל, קומט צו זיך! באַטראַכט זיך, אַז איהר זענט אַ מוטער פון קינדער, אַ יונגע מוטער, — וואָס טהוט איהר דאָס? זייט רוהיג: אייער פאָטער וועט, אם ירצה השם, זיין געזונט. אמת, ער דאַרף איבערטראָגען! זעהר אַ שווערען

קריזים, נאָר די נאַטור פונ'ם מענטשען איז שטאַרקער פון אייזען. איהר האָט געווים געהערט דאָס וואָרט: „אַ מענטש איז שוואַכער פון אַ שטרוי און שטאַרקער פון אַ שטיין". אַ וואָהל וואָרט, בלע־בען, אַ קלוג וואָרט! מיר דאַרפען זיין צוגעגרייט צו אַלעם, ווי אַ גרויסער חכם האָט געזאָגט: „סי וויזע פּאַצום פּאַרראַבעלאַם". אויף אונזער לשון הייסט דאָס: ווילסט דו שלום, טאָ גרייט זיך צו אַ מלחמה... פאַרשטעהט איהר, מיינע ליעבע דאַמען? אדיעו! אין צוויי שעה אַרום בין איך ווידער דאָ...

— אוי, שוויעגער! איהר פאַרשטעהט וואָס דער דאָקטאָר זאָגט? ער זאָגט, מע דאַרף זיין גרייט, מע דאַרף זיך ריכטען, איהר פאַרשטעהט, שוויעגער?

— אוי, איך ווייס ניט! איך ווייס נאָר, אַז איך בין אומ־גליקליך, עלענד און אומגליקליך! וועה איז צו מיר און צו מיינע יונגע יאָהר!...

פון דעם טיעפען הארצען איז דער מחבר זיך מודה ומתודה, אַז דער טוידט פונ'ם נגיד מאַכט אויף איהם אַ סך אַ גרעסערען איינדרוק ווי, למשל, פון דעם קבצן; ער האָט זיך נאָך ביז אָהער ניט אָפּגעגעבען קיין דין וחשבון, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי; דער קבצן איז דען ניט אַזאַ מענש, ווי דער נגיד? פאַר וואָס זשע הערען מיר אויס גאַנץ קאַלט, ווען דער שמש קלאַפּט מיט דער פּושקע: „צדקה תציל ממות!", אַז יוסעל דער שניידער, אָדער הערשעל דער שוסטער איז געשטאָרבען? און אַז מע זאָגט אונז: „איהר ווייסט? רב יוסעלע איז דאָך געשטאָרבען!" אָדער „רב הערשעלע איז געשטאָרבען!" — טהוט עס אונז אַ חאַפּ און אַ טראָג אין דער לופטען, און מיר ווערען פערצאַפּעלט: „הא? וואָס? רב יוסעלע? וויפיעל איז געבליבען געלד? וויפיעל קינ־דער? ער האָט מסתמא געלאָזט אַ צוואה? אַזאַ גוטס! אַזאַ גוטס! אַ רחמנות, בלעבען, אויפ'ן ווייבעל!" ווען אונז דען קומען אויפ'ן זינען אפילו צו בעדויערען די לאַגע פון יוסעל דעם

שניידער׳ס, אַדער הערשעל דעם שוסטער׳ס אַלמנה? וועד וועט זיך דאָס פּלוצים אַנידערזעצען מאַכען אַ רעכענונג, וויפיעל קינדער זיי האָבען געלאָזט? וואו וועלען זיי זיך פּריטולען מיט די וויסטע אַלמנות, זייערע מוטערס, און וואָס וועט זיין פון זיי דער תכלית?

מען קאָן אָבער פון דעם אמת ניט אַוועקגעהן אפילו אויף קיין טריט, און מיט׳ן גאַנצען ווילען בעגעהרען מיר צו וויסען, וואָס טהוט זיך דאָ אין דעם דאָזיגען הויז? ווער איז דאָ אַזוי מסוכן קראַנק? מיר ווייסען, אַז דאָ וואָהנט סענדער בלאַנק, כמעט דער גרעסטער גביר פון דער דאָזיגער שטאָדט! קאָן עס דען געמאָהלט זיין, אַז סענדער אַליין זאָל זיין שלאַף און אַזוי מסוכן שלאַף? מיר קאָנען דאָס שוין מעהר אויף זיך ניט טראָגען און בעטען אונזערע נייגיערינע לעזער מטריח זיין זיך מיט אונז צוזאַמען צו סענדער בלאַנק אין שטוב אַריין איהם מבקר חולה צו זיין. נאָר לעת־עתה וועלען מיר אויף אַ ווייל אָפּשטעלען זיך דאָ פון הינטען און צו־הערען די שענע רעדע, וואָס פּרויקע דער משרת האַלט פאַר דעם גאַנצען קאָמיטעט דיענסטען, משרתים און פּריקאַזטשיקעס; און הגם עס איז זעהר ניט שען איבערהויפּט אונטערהערען זיך, ובפרט נאָך אין קיך, וואָס דיענסטען רעדען צווישען זיך, נאָר וואָס זאָל נעבאָך טהון, זאָגט אַליין, איין אַרעמער פּאַנאַראַמשטשיק, וואָס וויל צופריעדען שטעלען אַלע זיינע ליעבע געסט? וואָס זאָל נעבאַך טהון אַ מחבר אַ ראָמאַניסט, וואָס וויל, אַז אַלע קלאַסען לעזער זאָלען זיין צופריעדען? לאָז אייך צו קיין חרפּה ניט זיין, ערעל־סטע דאַמען! צווישען אייך געפינען זיך אַ סך בעלי־בית׳טעס אַזעלכע, וואָס שטעהען ניט איין מאָל מיט׳ן אויהער הינטער דער טיר צו חאַפּען עפּיס אַ וואָרט פון די דיענסטען אין קיך; פון דעם רעדט מען שוין ניט, אַז אַ שוויגער איז מחויב זיך אונטערהערען, וואָס רעדט עפּיס דאָס איידעמעל מיט דער טאָכטער אויף איהר, אויף דער שוויגער? און די שנור פון איהר זייט מוז דאָך אַוודאַי וויסען, וואָס שושקעט זיך עפּיס דער שוועהר מיט דער שוויגער דאָרט, און וואָס ווינקט עפּיס דער שוואָגער מיט דער שוועגערין?

אויהערען, מיינע ליעבע פריינד, אויהערען האָט אונז גאָט געשענקט במתנה, אז מיר זאָלען דורך זיי הערען, וואָס מע רעדט!...

— איך ווייס ניט, — זאָגט פּרויקע, ווישענדיג די גלעזער און קייענדיג קאָרענעם לעקאָך — איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַ רוח האָט זיך אַריינגעחאַפּט צו אונזער „אַלטען“ אין בויך אַריין! אַליין ליגט ער, ווי אַ קלאָץ, אויסגעצויגען, מיט אָנגעבלאָזענע באַקען, מיט אַ רויטען פּיסק, מיט אַ קאַרק, אויף מיר געזאָגט געוואָרען, און שרייט, ווי אַ משוגע׳ן קעלבעל: „אוי, מיין סוף! אוי, מיין עק!“ ניט מיט אַזאַ פּנים לעגט מען אין דער ערד אַריין, ניין! און דער דאָקטאָר גיסט אין איהם רעצעפּטען, מיט פלעשלעך, מיט דער רוח ווייסט וואָס! מע זאָל ביי מיר פרעגען, וואָלט איך איהם געהייסען אויסטרינקען אַ גלאָז ריצענאויל, אַ טאָפּ סאַראָוועץ מיט אַ דריי קריגלעך זויערמילך, וואָלט עס איהם באַלד געעפענט די אויגען! ניט אַזאַ בויך נעמט מען מיט פלעשלעך!

— די בעל־הבית׳טע וויינט דאָך און זאָגט, אַז ער שטאַרבט שוין אַוועק? — האָט זיך אָנגערופען זעלדע די קעכין און האָט אַריינגעקוקט אין אויוועז אַריין.

— זי זאָגט? שפּייט איהר אָן אַ פולען פּנים! — האָט פּרויקע מיט היץ געענטפערט און אַרויסגעשלעפּט פון קעשעני נאָך אַ שטיק לעקאָך. — זי ווייסט דאָך יאָ מעהר פון אַ טוידטען! דאָס האָבען איהר די קינדער איינגערעדט; דאָס וואַכסט פון רעוועקע׳ן!

— וואָס האָסטו צו מיין מאַדאַם, פּרויקע? — האָט זיך איינגעשטעלט פאַר איהר בעל־הבית׳טע אַ יונג מיידעל פון אַ יאָהר צוואַנציג מיט דעם נאָמען מלכה־סאָסעל.

— ד י י ן מ אַ ד אַ ם? — איז אויף איהר פּרויקע אָנגעפאַלען.— דיין מאַדאַם וואָלט שוין לאַנג געהרען, אַז דער „אַלטער“ זאָל אויסציהען די פיסלעך; פאַר וואָס — דאָס איז שוין „אונזער“ עסק און ניט פאַר דיין קאָפּ צו פאַרשטעהן אַזעלכע זאַכען! דיין רעוועקע קאָן נאָר שפּיעלען אין קאָרטען מיט פרעמדע יונגע לייט און אַסיפּ׳ען אַרויסשטעלען דריי פייגען, און אַמאָל שטילערהייד, אַז קיינער זעהט

ניט, אָפּשטעקען איהם טאַקי אַ פינסטערען פּאַטש אויך. פון וואַנען איך ווייס — דאָס איז שוין „אונזער“ עסק! זי האָט אַזוי ליעב דעם טאַטען, ווי אויגען־וועהטיג; זי קאָן נאָר אָפּנאַרען איהם גוט! און איצט, אַז ער איז עפּיס ניט געזונט, האָט זי זיך עס אַביסעל צעפּעסטעט — ננו! גראָד איז זי איצטער געוואָרען אַ גוטע שוועסטער מיט דער שוועגערין; זי שושקעט זיך מיט איהר און סוד'עט זיך אַ גאַנצען טאָג, און נאָכדעם שיקט זי מיך, איך זאָל שטעהן אונטערהערען זיך, וואָס רעדט דאָרטען סאָני מיט דער שוויעגער. אַ גוטע סחורה דיין רעוועקע, קיין מעשה ניט! „מיר“ קענען זיי; „מיר“ זענען דאָ אויך ניט קיין נעכטיגע, פאַרשטעהסט דו מיך...

— מיין מאַדאַם סאָני הערט זי, ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי! — האָט זיך אָנגערופען זלאַטקע די שוואַרצע, סאָני'ס דיענסטמיידעל. — ביי אונז אין דער היים...

— דיין מאַדאַם — האָט איהר פרויקע איבערגעשלאָגען — איז אויך געקומען אַהער טאַנצען אויף דער חתונה און אָפּלעקען אַ ביינדעל; נאָר האָט צייט אַביסעלע — פּפיו!!! (דאָ האָט פרויקע אויסגעצויגען אַ לאַנגען סווישטש). דיין מאַדאַם האָט אויך גישט פיינד קיין פּליאָטקעס פיהרען און אָנרעדען אויף איהר אייגענער שוועסטער כל הצרות אויף איהר קאָפּ! אומזיסט האָט זי מיך געמוטשעט דריי טעג מיט דריי נעכט כסדר, איך זאָל איהר דערצעהלען וואָס טהוט מאַרקוס? וואוהין געהט ער דאָס אַלע טאָג? צו וועמען שרייבט ער דאָס קוויטעלעך, און וואָס לויף איך אַלע טאָג אויף דער פּאָסט נאָך בריוולעך? אָ! דיין סאָני איז דאָך גאָר איין אַנטיק! דערפאַר אָבער האַלט זי דער מאַן שטאַרק אין די הענט! נאָר איין אָסיפ איז אַ בראַווער מאַן. ער וואָלט יאָ געוועז אפשר אַ שטיקעל לייט, ווען ער זאָל ניט זיין אַזאַ שקרן, אַזאַ לאָך, אַז ער זאָל ניט האָבען אין זיך קיין וואָהר וואָרט און זאָל...

פרויקע האָט געהאַלטען אָפען דאָס מויל און וואָלט נאָך אפשר גאַנץ לאַנג גערעקאָמענדירט פאַר אונז זיינע פּרינציפּאַלען; נאָר אַ שטאַרקער קלונג פונ'ם גלעקעל האָט איהם איבערגעשלאָגען אין

מיטען די רעד. ער האָט אַ וואָרף געטהאָן דאָס האַנטוך מלכּה'ן אין פּנים אַריין און האָט זיך געשווינד געלאָזט לויפען צו די טרעפּ אַרויף, אויף דעם אויבערשטען עטאַזש; אָבער ווי פערוואונדערט און דערשטוינט איז ער געוואָרען, אַז ער האָט אַליין מיט זיינע אויגען דערזעהען, ווי צוויי הויכגעשעצטע און געעהרטע דאַמען שטעהען הינטער דער קיך־טיר! און אַז די דאַמען האָבען איהם דערזעהען, האָבען זיי זיך גלייך מיט איהם געלאָזט לויפען אויף די טרעפּ! אונזער אָרעמע פעדער איז ניט אימשטאַנד אַרויסצו־לאָזען די דאָזיגע ווערטער, נאָר דער אמת פאָדערט פון אונז אויפ־דעקען פאַר אונזערע ליעבע פריינד, אַז... גוואַלד! די דאָזיגע צוויי דאַמען זענען געווען נישט קיינער, נאָר די הויכגעשעצטע מאַדאַם רעוועקאַ זעמעל און די געעהרטעסטע מאַדאַם סאָני בלאַנק, וועלכע האָבען מיט אונז קיין וואָרט ניט דורכגעלאָזט פון דעם, וואָס פּרויקע דער משרת האָט גערעדט.

אונזערע פיעלגעשעצטע דאַמען, רעוועקאַ און סאָני, לויפענדיג אַרויף אויף די טרעפּ, האָבען זיך פּלוצים ביידע אין איין אויגענ־בליק אַ חאַפּ געטהאָן צוריק אַראָפּ, און מיט דעם דאָזיגען מאַנעווער האָבען זיי געוואָלט אָפּנאַרען פּרויקע'ן, בכדי ער זאָל מיינען, אַז זיי קומען ערשט אָן און לויפען גאָר אַראָפּ, ניט אַרויף. צי דער מאַנעווער איז זיי געראָטען, צי ניין, — דאָס קאָנען מיר בשום אופן נישט וויסען, ווארום פּרויקע האָט נאָר אַ קוק געטהאָן אויף זיי מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, האָט געטהאָן אַ שמייכעלע, אַ וואָרף מיט דער גריווע (נויטיג צו בעמערקען, אַז ביי סענדער בלאַנק זענען אַלע געגאַנגען אָהן היטלען, חוץ סענדער'ען אַליין, וואָס האָט גע־טראָגען אַ יאַרמעלקע) און געשווינד אַרויפגעלאָפען אויף די אויי־בערשטע טרעפּ.

אונזערע געעהרטע דאַמען זענען תחילת געבליבען שטעהן און געקוקט איינע אויף דער אַנדערער מיט גרויס חרפּה ובזיון, און גאָט ווייסט, מיט וואָס דאָס אַלץ וואָלט זיך געקאָנט ענדיגען, מיט וואָס וואָלט פּרויקע אָפּגעשפּיעלט פאַר זיין שאַרפע צונג, און ווי

אַזוי וואָלטען די דאָזיגע צוויי דאַמען געקאָנט זיך קוקען גלייך אין פּנים אַריין, ווען צווישען זיי וואָלט זיך ניט פערבונדען, טאַקי דאָ אויף די טרעפּ, אַזאַ מין שמועס:

— נו, וואָס זאָגט איהר עפּיס, רעוועקאַ, אויף אייער טאַטענ׳ס משרתים? דעם גרעסטען בזיון קאָן מען דורך זיי האָבען! אַ מערכה באַלעדיגט צו ווערען דורך אַזעלכע הינט? עס איז מיר אַ חידוש, כלעבען, אַז איהר, רעוועקאַ, זאָלט דערלאָזען האַלטען אַזאַ הונט אין שטוב? מיר דאַכט זיך, אַז אייערס איין וואָרט וואָלט ביי׳ם שוועהר...

— זאָגט דאָס ניט, סאָני! דער פּאַפּאַשאַ איז ניט שולדיג; דאָס איז „איהר" פליגעל־אַדיוטאַנט, און דאָס בן־יחיד׳על „איהרס" הענגט זיך פּשוט אויף זיין האַלז. דער פּאַפּאַשאַ זאָל וויסען אַ צעהנט־חלק, אַ הונדערט־חלק פון אַט די אַלע זאַכען... אַ, סאָני! ניט אומזיסט קרענקט ער פון „איהר"! „זי" איז זיין מלאך־המות! „זי" דערגעהט איהם דעם עק!...

— און פון דעסטוועגען באַריהמט „זי" זיך, אַז „איהר" מאַר־קוסעל וועט זיין אַ האַלבער יורש... אייער טאַטענ׳ס גוטס וועט אַריינפאַלען אין אַ מקום קדוש...

— וואָס מיינט איהר דאַמיט? איהר האָט תמיד ליעב, סאָני, יענעם באַלעדיגען אומזיסט און אומגישט מיט שטעכווערטלעך און אויפ׳ן וואונק...

— שטעכווערטלעך, רעוועקאַ? איך וויים ניט, ווער האָט ליעב יענעם צו שטעכען, אַזוי ווי איהר, רעוועקאַ?

— סאָני! איהר זענט ערשט נעכטען געקומען אַהער, הויבט איהר זיך שוין אָן צו קריעגען! איהר מיינט, עס איז אַמאָליגע יאָהרען, ווען איהר זענט געזעסען ביי אונז אויף קעסט?

— ב י י אַ י י ך אויף קעסט, רעוועקאַ?...

ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיגט, ווען אין דער מינוט זאָל נישט געוועזען דורכלויפען דער יונגער הערר בלאַנק, מאַרקוס בלאַנק, מיט וועלכען מיר וועלען זיך אין גיכען בעקענען,

און ווען מאַרקוס זאָל ניט געווען מיט אַ שמייכעלע אַ קוק טהון אויף די דאָזיגע צוויי דאַמען, וואָס האָבען געפונען, אַז דאָס דאָזיגע שמייכעלע איז פאַר זיי די גרעסטע בעלעדיגונג.

— וואָס זאָגט איהר עפּיס, סאָני, אויף „איהם“?

— אויף אייער ברודער, רעוועקאַ? וואָס זאָל איך זאָגען? אַ וואוילער יונגערמאַן, אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן; איין עבירה וואָס ער איז ביז אַהער נישט אַנטלאָפען, נישט באַנומען דעם שוועהר און נישט אַנטלאָפען שאַרלאַטאַנעוועז...

— אַנטלאָפען?

— ווייסט איהר וואָס? נאָט אייך אָט דאָס בריוועל, לייענט — וועט איהר אויך וויסען.

און איינע האָט איבערגעגעבען דער אַנדערער אַ בריעף, וואָס מיר ערלויבען זיך איבערגעבען אונזערע לעזער וואָרט אין וואָרט, ווי אַ דאָקומענט, וואָס איז נויטיג צו דעם דאָזיגען ראָמאַן.

„מיין טייערער אַריה־לייב! מיין עהרליכער לעהרער! מיין גוטער חבר! מיין ליעבסטער פריינד! וואָס וועט זיין פון דעם דער תכלית? איך קאָן דאָס שוין מעהר נישט איבערטראָגען! וואָס ווייטער ווערד אַלץ ערגער און ערגער. וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? מע מוטשעט מיך, מע האַלט מיך אויף איין אייזערנער קייט, מע בעלעדיגט מיך אויף יעדען טריט! מע רעדט מיר שידוכים, מע וויל מיך חתונה מאַכען. איהר פערשטעהט, אַריה־לייב? חתונה מאַכען מיט גוואַלד! מע וויל מיר אַנהענגען אַ ווייב, אַ ווייב צו נייענצעהן יאָהר! איהר פערשטעהט? מע וויל מיך פערקויפען, ווי מע פערקויפט אַ זאַך, אַ חפץ, פונקט אַזוי ווי עס ווערד בעשריבען אין אַ ראָמאַן! און ווען? דעמאָלט, ווען איך בין דערפון אַזוי ווייט, נאָך ווייטער ווי איהר, אַריה־לייב, זענט פון מיר! אָ, גוטער, ליעבער, טייערער אַריה־לייב! גיט מיר איין עצה: איך בין גרייט אויף אַלעם! איך פיהל, אַז אין דער דאָזיגער מינוט איז ביי מיר אויסגעוואַכסען פליגעל — און איך וואָלט זיך

געלאזט פליהען, לויפען אין דער וועלט אריין, וואוהין די אויגען וועלען מיך טראגען! אבי אנטלויפען, אנטלויפען ווייט פון דאנען, ווייט פון די דאזיגע ווילדע חיות, מערדער, דעספאטען, טיראנען, וואס האבען קיין שום געפיהל פון קיין מענשען, וואס האבען קיין שום בעגריף פון דער השכלה, וואס האבען נישט געהערט פון קיין ציוויליזאציע, וואס זענען איבערגעגעבען מיט זייער גאנץ חיות צו דעם געלד און צו די אלע נארישע, בלינדע, אונמענשליכע געפיהלען. א! קיינער, קיינער פערשטעהט מיך נישט, נאר איהר, אריה־לייב! נאר איין מענש אויף דער וועלט!... ווי אזוי רייסט מען זיך ארויס פון דאנען? קיין לעהרער ווילען זיי מיר נישט האלטען; קיין ביכער ווילען זיי מיר נישט קויפען — און איך בין עלענד, עלענד, ווי א שטיין, ווי א פערבלאנזעטער אין דער וויסטעניש, ווי אין געפענגעניש. איך האב אפילו נישט פאר ועמען אויסגיסען מיין ביטער הארץ, א חוץ אייך, מיין עהרליכער אריה־לייב, איז דאס — מיט גרויס מיה, ווייל איך האב מורא פיעל צו שרייבען, זיי זאלען מיך נישט בעמערקען, — און איהר ווייסט דאך, ווי עס איז שווער אויסצוהאלטען מיין פאטער'ס אפעקע. דערום קאן איך אייך אפט ניט שרייבען, און די בריעף אפטראגען אויף דער פאסט אליין קאן איך ניט, מע זאל מיך נישט בעמערקען. איהר ווייסט דאך, ווי אזוי דא האט מען ליעב צו קוקען מיט זיעבען אויגען, דערום מוז איך שיקען דעם בריעף דורך אונזער פרויקע'ן, פון וועלכען איך האב גענוג צרות מיט יסורים ביז איך רעד איהם צו און ביז איך בעצאהל איהם גוט — איהר געדענקט דאך וואס פאר א פארך און א גנב ער איז... ווי גאט איז אייך ליעב, אריה־לייב, ענטפערט מיר וואס גיכער אויף דעם דאזיגען בריעף מיט איין עצה פון איין אמת'ען גוטען ברודער: וואס זאל איך טהון? אצינד וועל איך אייך פאלגען אלעס, וואס איהר וועט מיר שאפען — אפילו אין פייער אריין! אייערע בריעף שיקט ווידער אויף דעם זעלבען אדרעס, וואס פריהער, און פערגעסט ניט צו שרייבען „Для пере-дачи Фройкѣ Крокману", — ווען ניט בין איך א פערפאלענער!

„אייער איבערגעגעבענער תלמיד, געטרייער חבר און בעסטער,
בעסטער פריינד
מ א ר ק ו ס ב ל א נ ק.

P. S. אריה־לייב! איהר געדענקט דאָך מיין שוואָגער אָסיפּ זעמעל? האָט דער דאָזיגער פראַלער נישט לאַנג אריינגעשריבען א בריעף, אז ער עפּענט א ניי געשעפט, איין אמעריקאַנישע וואַש־פאַבריק, און האָפט צו געווינען א גרויסען פּראָצעס פון אָנדער־האַלבען מיליאָן! עס פערשטעהט זיך, אז מע האָט איהם דערויף אָפּילו נישט געענטפערט...
אייער מ א ר ק ו ס".

— וואו האָט איהר געקריגען אזא בריעף, סאָני?
— וואו? אייער אָסיפּ האָט דאָס מיר געגעבען, טאַקי אָסיפּ אַליין!
— מיין אָסיפּ? ווי ארום? וואָס הייסט דאָס?
דאָס דאָזיגע שענע בריוועל האָט אין איין אויגענבליק אויפ־געמונטערט די פערזאָרגטע, פערקלאָגטע רעוועקאַ. שען, הויך, גע־זונד און פריש איז רעוועקאַ געוועזען, חאָטש זי האָט געהאַט געלע האָר מיט גרויע אויגען. א קליינינקע, א שוואַרצינקע, א לעבעדיגע, מיט גאַנץ שוואַרצע האָר, מיט גרויסע שוואַרצע אויגען, מיט א קליין נעזעל, א צענויפגעציפּעט מיילכעל, ווי אויף שנירלעך, מיט גריבעלעך אין די בעקלעך, אפילו ווען זי האָט נישט געלאַכט — אָט האָט איהר סאָני'ן אינגאַנצען.
— סאָניטשקע! ליובעניו, הארצעניו, נשמה'ניו! — אזוי האָט זיך רעוועקאַ גאַנץ פריינדליך געווענדעט צו איהר שוועגערין. — איך בעט אייך, געהט, נעמט, רעדט מיט אָסיפּ'ען! לאָז ער אייך אָקו־ראַט דערצעהלען, וואו האָט ער דערטאַפּט דאָס דאָזיגע בריוועלע? אַלץ, אַלץ, אַלץ ווערד געוואָהר, איך בעט אייך, סאָניטשקע, האַר־צעניו! טאַקי באַלד לויפט ארויף! איך וועל אריינגעהן צום פּאַ־פּאַשאַ און וועל אייך ארויסשיקען אָסיפּ'ען. גיכער!

— די רגע! — האָט סאַני געענטפערט. און ווי די פויגעלעך, זענען אונזערע געשעצטע דאַמען אַרויפגעפלויגען אויף דעם אויבערשטען עטאַזש, וואוהין מיר בעטען אויך אונזערע לעזער, זיי זאָלען זיך מיט אונז מטריח זיין.

דאָס צווייטע קאַפּיטעל.

די אַקטיאָרען שפּיעלען געצייכענט גוט.

ווי איין אָרענטליכער ראָמאַניסט, זענען מיר מחויב פאָרצושטעלען אַ בילד פון סענדער בלאַנק'ס הויז און ניט דורכלאָזען קיין קלייניגקייט; נאָר מחמת מיר זענען זעהר נייגיעריג שוין אָנצוקוקען דעם הערר בלאַנק עטליכע שעה פאַר זיין טוידט, מוזען מיר די בעשרייבונג פון'ם שענעם הויז אָפּלעגען אויף איין אַנדער צייט, און איצט נאָכגעהן טריט ביי טריט אונזער געשעצטע העלדין, רעוועקאַ זעמעל, גלייך צו סענדער'ען אין צימער אריין.

דער שאַרפער ריח פון די אַפּטייק-פלעשלעך שטעלט אונז פאַר אין דער פאַנטאַזיע איין אויסגעצויגענעם חולה מיט אַ בלאַס געזיכט, מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגען און מיט פערשמאַכטע ליפּען, און מיר פיהלען, אַז דאָ האָט זיך דער טוידט געמאַכט אַ נעסט, און דער מלאך-המות ליגט ערגיץ אין אַ ווינקעלע און מיט אַ לאַנגען שעכט-מעסער אין דער האַנד היט ער איהם די נשמה, אַזוי צו אַ פראָסט לויפט דורך איבער'ן לייב; און יעדער פון אונז, אַפילו דער גרעסטער אַפּיקורס, דערמאַנט זיך אויך אין דעם לעצטען טאָג פון'ם קורצען לעבען, און יעדער, נאָך זיין פערשטאַנד, הויבט אָן צו פילאָזאָפירען אויף זיין שטייגער: דער מאַטהעמאַטיקער זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז געגליכען צו אַ ראָד, און דער טוידט איז דער צענטר, און מיר, מענשען, זענען נישט מעהר ווי אומגלייכע ראַדיוסען, וואָס שפּאַרען זיך אָן אַלע אויף איין פונקטום... דער זייגערמאַכער זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז געגליכען צו אַ

ציפערבלאַט, די ווייזערס — דאָס איז אונזער לעבען, דער אומ־
רוה — דאָס זענען מיר, און אַז די וואָג פאַלט אַראָפּ — איז אונ־
זער לעצטע היסטאָריע... דער שוסטער זאָגט, אַז די וועלט איז גע־
גליכען, להבדיל, צו אַ חאַליוועס, און דער מענש — דאָס איז דער
האַמער... דער בעל־עגלה זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז בעשאַפען
געוואָרען נאָר צוליעב דעם בעל־עגלה; אי וואָס דרעהען זיך דאָ
אַרום אַזוי פיעל מענשען? — דאָס, זאָגט ער, זענען אונזערע
פּאַרשוינען, פון וועלכע מיר האָבען פּרנסה... פון אַ באַנדער האָב
איך אַליין געהערט, ווי ער האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז
געגליכען, להבדיל, צו אַ פּעסעל, וואָס אַז סע ווערד נאָר צעלעכצט,
מוז דאָס דער באַנדער אָנשלאָגען...

ארייננעקומען צו סענדער בלאַנק אין חדר אריין, צום חולה,
האָט זיך פאַר אונזערע אויגען פאַרגעשטעלט אַזאַ מין בילד: אויף
אַ גרויסען אייזערנעם בעט ליגט מיט'ן בויך אַרויף אַ איד פון אַ
יאָהר פופציג, מיט געלע האָר, מיט אַ גרויסער געלער באָרד, דאָס
גאַנצע פּנים כמעט מיט די הענד בעוואַכסען מיט גילדענע האָר,
מיט לאַנגע געלע ברעמען אויף די אויגען (אַ סך עהנליכקייט מיט
זיין טאָכטער רעוועקאַ). סענדער איז געשלאָפען, ווי עס האָט
אויסגעוויזען, מיט אַ זיסען געזונדען שלאָף, און אויף זיינע באַקען
האָט געפלאַמט אַ פייערעל.

רעוועקאַ איז שטיל צוגעגאַנגען צו זיין בעט, האָט צוגעלעגט
אַ פינגער צום מויל: „ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש!!!" — און דער
אומגליקליכער חולה האָט זיך נעבאַך אויפגעהאַפּט, האָט אויפגע־
עפענט זיינע גרויסע גרויע אויגען און האָט אַרויסגעלאָזט עפּיס ווי
פון אַ לעדיגען פאַס: „אוי, מיין סוף! אוי, מיין עק!" — אַז די
פענסטער האָבען געציטערט. אין איין אויגענבליק האָט זיך רע־
וועקאַ'ס פרייליך שען געזיכט ווידער פערענדערט, און אויף איהר
שענעם ווייסען שטערן האָבען זיך פּלוצים אויסגעלעגט מיט אַ מאָל
עטליכע טיעפע, טיעפע קנייטשען, און איהרע אויגען האָבען זיך
בענעצט מיט אמת'ע, ביטערע טרערען.

— פּאַפּאַשאַ! — האָט איהם אונזער העלדין געזאָגט, אַרומ־שיקענדיג אַסיפּ'ען מיט אַ וואונק, און האָט זיך געזעצט ביי'ם פּאַ־טער צוקאָפּענס און האָט אַנידערגעלעגט איהר ווייכע, ווייסע האַנד אויף זיין שטערן. — פּאַפּאַשאַ! ווער שוין געזונט. סע איז שוין צייט. זעה, וואָסער אַ פּנים דו האָסט באַקומען, פּאַפּאַשאַ! שטאַרק זיך! פּאַל ניט אַראָפּ ביי זיך! לאָז זיך ניט אָפּ אײַנגאַנצען!

— אוי, שלעכט, שלעכט, טאָכטער! — האָט איהר דער פּאָטער געענטפערט. — איין עק! איין עק! גאָט ווייסט, צי איך וועל דערלעבען מאָרגען, גאָט ווייסט! רבקה! קינדער! חיים! מאַר־קוס! וואו זענט איהר? וואו זענען מענטשען? רופט מיר מענ־טשען! איך וויל שרייבען אַ... אַ... אַ... צוואָה!

— אַ צוואָה? ווייס איך, וואָס דו רעדסט, פּאַפּאַשאַ! נאַ דיר גאָר אַ צוואָה! מילא, אַז מע איז ניט געזונט, איז וואָס? סע מאַכט זיך! אַ מענטש איז ניט קיין אייזען...

— אַ... אוי, טאָכטער, איך וויל שרייבען אַ צוואָה. איך האָב עטליכע געצעהלטע שעה צו לעבען, צו מוטשען זיך. גוואַלד! גוואַלד!

דער דאָזיגער „גוואַלד" האָט אויפגעהויבען דאָס גאַנצע הויז אויף די פיס. צום אַלעם ערשטען האָט מרים־חיה, סענדער'ס ווייב, גע'חלש'ט, און דאָס ווייסען מיר דאָך אַלע, ווי גרינג דער שוואַכער פרוי איז צו חלש'ען; צו איהר איז צוגעלאָפען די מאַדאַם סאַני מיט אַזאַ שרעקליך געשריי „שוויעגער! — אַז ווען מרים־חיה זאָל טאַקי אויף איין אמת געוועזען חלש'ען, וואָלט זי זיך אויך בע־דאַרפט אויפחאַפּען — און זי האָט זיך טאַקי אויפגעחאַפּט, אויפ־געעפענט די אויגען, אַנידערגעלעגט דעם קאָפּ ביי דער שנור אויפ'ן האַרצען און גענומען צו לייענען אַ צעטעל, ווי אַזוי אומגליקליך און עלענד זי איז, ווי אַזוי זי בלייבט ווי אויפ'ן וואַסער, ווי אַ פער־ווייסטע אַלמנה — אַ יונגע נאָר אַ פערוויסטע אַלמנה! ווער וועט זיך אויף איהר אַרומקוקען?

אויף איהר קוקענדיג, איז סאַני צעגאַנגען געוואָרען פאר געוויין, און פאר גרוים רחמנות האָט זי כמעט פערגעסען אין איהרע אייגענע צרות און האָט גענומען טרייסטען די „וויסטע אלמנה" מיט די דאָזיגע ריהרענדיגע און הארצרייסענדיגע ווערטער:

— געננג אייך צו טרויערן, שוויעגער, כּלעבען, גענוג! פאַרגעסט נים אָן גאָט און זינדיגט נישט מיט אייערע רעד, שוויעגער! גאָט וועט אייך נים פארלאָזען. איהר זענט נאָך א יונגענד, און אייער מזל קאָן קיינער נישט וויסען. איהר זענט נים די ערשטע, און נים די לעצטע. גאָט קאָן אייך נאָך באַשערען, און איהר קאָנט נאָך וויסען פון א וועלט, און מסתמא וועט אייך דער שוועהר נים פארגעסען אין דער לעצטער מינוט און וועט אייך באַוואָהרענען. אָבער איך, שוויעגער, איך קאָן זיך צו אייך נישט גלייכען, איך בין באַפּאַלען מיט קינדער, און דארף האָבען פיעל זכות־אָבות, ביז איך זאָל פּועל'ען ביי גאָט, אז דער שוועהר זאָל מיך אויך נישט פארגעסען מיט מיין מאַן. איהר ווייסט, איך האָב נאָך כמעט קיין חיי־שעה נישט געהאַט, חוץ דחקות, יסורים און הארצוועהטיג, האָטש מיין חיים איז איין עהרליכער, א שטילער, א לייטישער יונגערמאַן, נים אזוי ווי אונזער אָסיפ, דער שאַרלאַטאַן, וואָס פארשפּיעלט, זאָגט מען, אין קאָרטען א יאָהר וויפיעל איך מיט מיין מאַן און מיט מיינע קינדער דארפען פארלעבען, און פון דעסטוועגען ווייסט איהר, וויפיעל מתנות רעוועקאַ האָט תמיד פונ'ם שוועהר, און איך, א חוץ דעם נדן, נישטאָ וואָס צו רעדען!...

און מיט די דאָזיגע ווערטער האָט נעבאך סאַני בעהאַלטען איהר וויינענדיג פּנים ביי מרים־חיה'ן אויפ'ן הארצען, און אזוי האָבען נעבאך די דאָזיגע צוויי אומגליקליכע ווייבער אויסגעגאָסען איינס פאר אנדערען זייערע הערצער, זייערע ביטערע הערצער, וואָס זענען אָנגעזאָדען פון א צייט מיט יאָהרען מיט קנאה, שנאה, פערדראָס, הארצוועהטיג מיט נאָך אנדערע געפיהלען... מיר זענען אַלע אזוי, לעזער, ווער ווינציגער, ווער מעהר, ווער קליגער, ווער נארישער, ווער אָפען, ווער פערבאָרגען — אָבער עגאָאיסטען זענען מיר אַלע,

האָט אויף מיר קיין פּאַראיבעל ניט! אמת, מיר האָבען אַ בעקאַנטען איינעם, רב הערץ אָדער רב זרח — דאָס איז אַלץ איינס — געדענק איך גאַנץ גוט, ווי אַזוי צוריק מיט אַ יאָהר צוויי, אָדער דריי, אַז דער דאָזיגער רב הערץ אָדער רב זרח האָט בעדאַרפט שטאַרבען און זיינע קינדער מיט זיינע פריינד זענען זיך צענויפגעפאָהרען צו איהם — איז כדאי געווען צו זעהען, מיט וואָס פאַר אַ ריהרענדיגער פריינדליכקייט, מיט וואָס פאַר אַווירקליכער איבערגעבענהייט און ליעבשאַפט דאָס דאָזיגע געזינדעל איז געגאַנגען און געהאַנגען אַרום דעם חולה; עס איז כדאי געווען צו זעהען, ווי אַזוי דער גאַנצער עולם האָט אַרומגערינגעלט דעם דאָקטאָר, און ווי אַזוי איינער איבער'ן אַנדערען זענען געלאָפען צו בעדיענען דעם חולה; און שטעלט אייך פאָר, אַז אַלע האָבען פערגעסען אָן זיך און מע האָט נאָר געהאַט צו טהון מיט'ן חולה, און ביז דער לעצטער מינוט האָבען זיינע קינדער און זיין ווייב זיך נישט געזעצט צו בעדויערען זייער אייגענע לאַגע, ווי אונזערע געשעצטע פרויען מרים־חיה בלאַנק מיט איהר ליעבסטער שנור סאָני בלאַנק, וואָס האָבען, ווי עס ווייזט אויס, בעצייטענס בעוויינט ניט דעם הערר בלאַנק, וואָס האָט זיך געקליבען שטאַרבען, — זיי האָבען בעקלאָגט זיך אַליין. שטעלט אייך פאָר, אַז בשעת רב הערץ אָדער רב זרח האָט זיך געראַנגעלט מיט'ן מלאך־המות, האָט קיינער נישט אין זינען געהאַט קיין צוואָה מיט קיין בעוואָהרענישען, און ווען עמיצער זאָל זיך געווען דערפון אויסרעדען, וואָלט דאָס געווען די גרעסטע בעלעדיגונג פאַר דעם גאַנצען הויזגעזינד. ניט אַזוי ווי דאָ, ביי אונזער בעריהמטען הערר בלאַנק, וואו די מאַדאַם רעוועקאַ זעמעל האָט אַ וואונק געטהאָן צו איהר פיעלגעליעבטען מאַן אָסיפּ זעמעל, ער זאָל לויפען און ברענגען וואָס גיכער מענשען, דעם רב, דעם נאָטאַריוס, און אַז דער דאָזיגער וועלטליכער דיפּלאָמאַט, מיט וועלכען מיינע לעזער וועלען זיך באַלד בעקענען גאַנץ נאָהענט, אַז דער דאָזיגער הערר זעמעל, זאָג איך, איז געקומען צום נאָטאַריוס, האָט ער מיט איהם געמאַכט אַ גאַנץ לאַנגען שמועס וועגען זאַקאָנעס

בכלל און וועגן ירושה בעזונדער. ער האָט בעוויזען, ווי ווייט ער איז קלאָר אין זאַכאָנעס, און חאָטש ער איז, דאַנקען גאָט, ניט אַזוי נויטבעדערפטיג, דאָך פערהאָפט ער, אַז זיין געליעבטער שוועהר, דער הערר בלאַנק, וועט איהר אָפּשרייבען דעם גרעסטען חלק ירושה, מחמת איהם, אָסיפּ׳ען, האָט ער ליעב, ווי איין אייגענעם זוהן. און שפּעטער, אַז דער נאָטאַריוס מיט די איבעריגע זענען געקומען צום חולה, האָט אָסיפּ אַרום זיי שטאַרק אַרומגעטאַנצט, און אַזוי איינגענומען און אויפגעלעגט, אַז אַ מענש פון דער זייט האָט גע־קאָנט מיינען, אַז דאָ וועט מען שרייבען תנאים, ניט קיין צוואָה, אַז דאָ איז אַ חתונה, ניט קיין נעפּעהרליכער קראַנקער, וואָס גע־זעגענט זיך מיט׳ן לעבען... נאָר איין רעוועקאַ האָט זיך ניט פער־לאָרען: די דאָזיגע געטרייע טאָכטער איז ניט אָפּגעטראָטען אויף קיין מינוט, אויף קיין רגע, פון׳ם קראַנקען פאָטער; אויף איהר פּנים זענען געווען אָנגעצייכענט אַזעלכע יסורים, אַזעלכע טיעפע שמערצען, אַז דער געפעהרליכער מענדער האָט זי געטרייסט:

— וואָס וויינסט דו, נאַרלע?

די דאָזיגע עטליכע ווערטער האָבען געעפענט ביי דער זעל־טענער טאָכטער אַ נייעם קוואַל פון טרערען, און קוים מיט צרות האָט זי געקאָנט אויסרעדען אָדער אויסקוויטשען:

— טאַטע! מע דאַרף ניט! מע דאַרף ניט!

— וואָס, נאַרעלע? וואָס דאַרף מען ניט, נאַרעלע?

— קיין צוואָה דאַרף מען ניט! מע דאַרף ניט! איך וויל ניט! איך קאָן דאָס ניט איבערטראָגען! דו וועסט נאָך לאַנג, לאַנג לעבען!

— געה שוין, געה, נאַרעלע! זעהסט דאָך, אַז איך עק זיך!

- מע דאַרף ניט! מע דאַרף ניט!

וואָס האָט געקלערט אונזער שענע רעוועקאַ, שרייענדיג: „מע דאַרף ניט", ביי זיך אין הארצען? עס איז נישט גרינג צו וויסען, ליעבער פריינד, וואָס איהר אָדער איך קלערען אין הארצען; דאָס איז בכלל זעהר אַ שווערע זאַך צו טרעפען, און היינטיגע יאָהרען איז גאָר ניטאָ דער נאָר, וואָס זאָל אַרויסגעהן און דערקלערען, וואָס

דער אָדער יענער טראַכט ביי זיך אין האַרצען; יעדער אויף זיינע געדאַנקען איז בעל־הבית און קאָן זיך מיט זיי בענוצען, ווי ער פער־שטעהט... על כל פּנים, דאָס קאָן איך אייך זאָגען, אַז נאָך דעם געוויין מיט'ן געשריי פון אונזער פיינער העלדין רעוועקאַ „מע דאַרף ניט! מע דאַרף ניט!" האָב איך אַליין מיט מיינע אויגען געזעהן, ווי זי, רעוועקאַ, האָט אָוועקגערופען איהר געשעצטען מאַן, אַסיפּ זעמעל, און האָט זיך מיט איהם עפּיס גע'סוד'עט און גע־שושקעט עטליכע מינוט, און איהרע אויגען זענען געווען טרוקען, ווי פּעפער. וואָס האָבען זיי גערעדט — קאָן איך עד היום נישט וויסען; איך האָב נאָר געכאַפּט עטליכע ווערטער: „ירושה"... „צוואָה"... „אַ חלק"... „זאַקאָן"... „איין אַכטעל"... „אַ זוהן"... „אַ טאָכטער"... און דאָס איז שוין גענוג פאַר אונז, און מיר שטויסען זיך שוין אָן, פון וואָס דאָס דאָזיגע פּאָרפאָלק האָט דאָ געשמועסט. די מאַדאַם רעוועקאַ איז געווען עפּיס זעהר צעטראָגען, ווי אַ סוחר בשעת ער שמועסט פון אַ גרויס געשעפט, און דער הערר אַסיפּ זעמעל האָט אַריינגעשטעקטביידע הענד אין די הויזענקעשענים, פערריסען די נאָז מיט די אַשקאַלירענע ברילען און האָט אַביסעל ווי אונטערגעשפּרונגען, ווי אונטערגעטאַנצט, סקריפּענדיג שטאַרק מיט די שטיוועל, און אויף זיין פריילין פּנים איז געווען קלאָר, אַז עס איז איהם היינטיגען טאָג בכלל זעהר אויפגעלעגט אויפ'ן האַרצען...

דאָס אייזערנע בעטעל, וואָס דער אומגליקליכער קראַנקער ליגט אויף דעם אַצינד און אַמפּערט זיך מיט'ן מלאך־המות, איז, אייגענטליך, ניט קיין שלאָף־בעטעל, נאָר אַזאַ מין קושעטקע, אַ גאַנץ גרויסע, וואו סענדער האָט ליעב געהאַט צו לעגען זיך אָפּרוהען נאָך יעדען מאָהלצייט מיט אַ גאַנץ גרויסער גראָבער ציגאַר אין די ציינער. ווי עס ווייזט אויס, האָט סענדער ליעב פון תמיד אָן שטאַרק און מאַסיוו מעבעל; דאָס קאָן מען בעמערקען נאָך דעם גאַנץ גרויסען דעמבענעם שרייבטיש, און נאָך דער הויכער דעמ־בענער קרעסלע (פאָטעל), וואָס האָט ניכער אַ פּנים פון אַ נאָר־

דראָבנע שאַפע, איידער פון אַ קרעסלע, חאָטש אין מיטען איז אויסגעהאַקט איין אָרט אויף סענדער'ס געזים, בעצויגען מיט אַ גאַנצער יוכטענער פעל. מערקווירדיגער, שטאַרקער און מאַסיווער פון אַלץ איז דאָס שרייב־געצייג מיט די אַלע שמאַכטעליאַקעס, וואָס געפינען זיך ביי יעדען לייטישען מענשען פון היינטיגער וועלט אויפ'ן שרייבטיש. אַלץ איז אָפּגעאַרבייט און אָפּגעטעסעט אַזוי ערנסט, אַזוי אָרענטליך, אַזוי געטריי, — ניט אַנדערש, ווי „פאַ־זאַקאַזו" געמאַכט געוואָרען, וואָרום אַז מע קויפט ביי די היינטיגע טאַנדעטניקעס, איז דאָס נאָר קיי און שפּיי, מיט'ן ווינד און מיט'ן רויך, אַבי נאָר געלד אויסצונאַרען און גענוג! ניין, סענדער איז ניט פון די דאָזיגע שפּרינגערס, וואָס היינט לעבען זיי און מאָרגען פו־פּאַ! סענדער האָט ליעב שטאַרקס, פעסטיגס, מאַסיוועס — און איז אַליין אויך שטאַרק, פעסטיג און מאַסיוו, פערפראַוועט פון געזונדע מאַכלים מיט די בעסטע וויינען און פערזאָרגט אויף היבשע, היבשע עטליכע יאָהר. נאָר — אַך! ניטאָ קיין אייביגע זאַך אויף דער וועלט! איין איבעריגער טראָפּען וואַסער אין טייך מאַכט אַ גרויסע בעוועגונג אין די חוואַליעס; איין איבעריג שטיקעל געפּילטע פיש פון אַ דריי־פּיער פונט מאַכט־אָן אַ גאַנצע סומאַטאָכע, אַ רעוואָלוציע אין בויך — און מיר זענען אַלע ביי גאָט אין די הענד!... ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטען, אַז איבער אַ האָהן מיט אַ הוהן זאָל חרוב ווערען אַזאַ גרויסע שטאָדט, ווי ביתר? ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטען, אַז איבער אַזאַ גאָרנישט מיט אַ נישט, ווי אַ שטיקעל העכט, זאָל עס נעמען אומוואַלגערען אַזאַ מויער, ווי סענדער בלאַנק, וואָס האָט זיך נאָך אויף זיין לעבענס לעבען קיינמאָל נישט געקלאָגט, אַז סע זאָל איהם עפּיס וועה טהון? און פון דעסטוועגען זעהט איהר דאָך, אַז אויף דער וועלט קאָן זיך אַלץ מאַכען.

דאָס דריטע קאַפּיטעל

איז אַביסעל צו גרויס, דען עס ווערד דאַ בעשריבען אַ סך פאַרשוינען און געשמועסט פון פערשיעדענע זאַכען.

אַלסדינג קאָן זיך מאַכען אויף דער גרויסער וועלט, און יעדער צופאַל קומט־אָן אַזוי אומגעריכט, פּלוצים, אַז אונזער מענשליכער פערשטאַנד שטעלט זיך אַנידער און ווערד פערגליווערט, אַז ער בעגעגענט אַזעלכע וואונדערליכע זאַכען אין דער נאַטור.

דער פּערפאַסער פון'ם דאָזיגען בוך איז אַליין געווען איין עדות ביי אַ סך אַזעלכע אומגעריכטע צופאַלען. ווי היינט שטעהט אונז פאַר די אויגען אונזער „רב יוסעל־דוד פּאָני" מיט דער גרויסער באָרד, מיט דער צעפּלעצטער נאָז, מיט'ן גראָבען בויך, מיט דער ברייטער ליסענע אויפ'ן קאָפּ; אָט איז ער געקומען פון'ם דאַווענען, אָט האָט ער געמאַכט „שהכל" אויף אַ גלעזעל ספּירט און האָט פערביסען מיט עטליכע הייסע קאַרטאָפּליס, אָט האָט ער זיך צוגעלעגט אַ מינוטקעלע אויפ'ן טאַפּטשאַן — און אָט האָט ער ניט געסטייעט!... און אַלי? אַלי דער טלית'ניק ווי אַזוי איז געשטאָרבען? אין באָד פרייטאָג, אויף דער אויבערשטער באַנק! נאָר ווען מיר זאָלען נאָר וועלען זיך אַריינלאָזען אין לאַנגע שמועסען, וואָלטען מיר געקאָנט אָפּצעהלען נאָך צוואַנציג אַזעלכע צופאַלען, וואו דער טוידט קומט פּלוצים, נישט געריכט. נאָר ניט דאָ איז דער אָרט צו פערנעמען זיך מיט אַזעלכע „ספּורי־מעשיות", און אַז אַ ראָמאַניסט זאָל וועלען אין איין בוך אַרויסשרייבען אַלץ, וואָס ער ווייסט, וואָלט זיין ראָמאַן קיינמאָל קיין עק ניט געהאַט, ביז'ן טוידט אַריין...

מיט אונזער געעהרטעסטען סענדער בלאַנק איז אויך געווען איין אומגעריכטע זאַך. דאָס איז געווען אין אַ שענעם פריהמאָרגען, נישט אין קיין חמאַרנעם טאָג, איז זיך סענדער אויפגעשטאַנען, ווי אַ מענש דאַרף אויפשטעהן, און טרינקענדיג טיי האָט ער, פּונקט ווי אַלע טאָג, אַ ציח געטהאָן ביי'ם גלעקעל, און עס איז אַריינגע־

קומען אונזער בעקאנטער פרויקע, אויסגעצויגען זיך פאר דעם בעל־הבית, ווי א סטרונקע.

— מע האט שוין געבראט די פיש? — האט סענדער א פרעג געגעבען און האט אפגעזופט א האלבע גלאז טיי.

— געבראכט! — האט פרויקע געענטפערט, ווי א חוואט.

— העכט?

— העכט.

— גרויסע העכט?

— גרויסע העכט.

— פרישע?

— פרישע.

— זאג זעלדע'ן, די פיש זאלען זיין מיט מעהרען געקאכט, — האט סענדער ארויסגעגעבען א בעפעהל און האט א זופ געטהאן די אנדערע האלבע גלאז טיי.

— מיט מעהרען געקאכט, — זאגט איהם פרויקע נאך, ווי נאך א סידור.

— עטליכע קארטאפלים אין די פיש איז אויך נישקשה, — האט סענדער בעפעהלען ווייטער.

— אויך נישקשה, — זאגט פרויקע.

— און בע'טעם'ט, מאסטקע, ווי מיט קליי, רויטליך, גערעכט, מיט פעפער, היים, אויסגעזאדען. דו הערסט, צי ניין?

— איך הער, איך הער.

— קיין זראזע דארף מען היינט ניט, — האט סענדער ווייטער ארויסגעגעבען א אינסטרוקציע.

— דארף מען היינט ניט, — זאגט פרויקע.

— אויפ'ן ארט פונ'ם זראז — איין עסיג־פלייש.

— עסיג פלייש, — זאגט פרויקע.

— גענזען־פלייש אין סופ.

— גענזען־פלייש אין סופ, — זאגט פרויקע.

— די דרויבעלעך פון די גענז אויך אין סופ אריין.

— אויך אין סוף אריין.
— באַשיטען מיט גרייפּלעך.
— מיט גרייפּלעך.
— אַ צימעס פון פּאַסטערנאַק.
— פון פּאַסטערנאַק.
— סע איז נאָך דאָ ביי אונז פונ'ם ווייסען ווייןַ? — האָט פּלוצים סענדער אַ פרעג געטהאָן און אַנידערגעשטעלט אויף פּרוי־קע'ן אַזעלכע אויגען, גלייך ווי איינער רעדט: „זאָג שוין, זאָג, ממזר, נאַ, שטעך מיך, קוילע מיך!"... פּרויקע איז גאָר צעמישט געוואָרען; ער האָט זיך אַ חאַפּ געטהאָן מיט ביידע הענד ביי'ם שטערן, ביי די קנעפּלעך פונ'ם פּידזשאַק, ביי די עלענבויגענס, ביי די קעשענים, און האָט אַ וואָרף געטהאָן מיט די אויגען אויף דער סטעלי, גלייך ווי דאָרט איז געוועזן אָנגעצייכענט, וויפיעל בוטעל־קעס ווייַן עס געפינט זיך נאָך ביי סענדער'ען אין קעלער, און קוים מיט צרות געענטפערט:
— האַ? וואָס? ווייסער ווייןַ? ניין! יאָ! סע איז נאָך דאָ.
— פּאַרגעס ניט שיקען נאָך ביער.
— נאָך ביער, — זאָגט פּרויקע.
— מע מעג שוין עפּענען אַ נייע פאַס אוגערקעס.
— אוגערקעס.
— געדענק זשע, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט מכח די פיש.
— מכח די פיש, — זאָגט פּרויקע.
— איצט געה!

פּרויקע איז אַרויסגעגאַנגען, און סענדער האָט גיך־גיך געענ־דיגט מיט'ן אָנבייסען, האָט זיך אַרומגעטרייסעלט, אָפּגעווישט מיט דעם טישטיכעל די ליפּען, די הענד, אויפגעשטאַנען, אויסגעגלעט דעם בויך, פערדרויכערט אַ גראָבע ציגאַר און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער בעקאַנטער קרעסלע אַריין. די ציגאַר האָט אַרויסגעלאָזט און צעטראָגען איבער'ן גאַנצען קאַבינעט זעהר אַ שענעם אַראָמאַט, און סענדער'ס געדאַנקען זענען אַוועק ווייט־ווייט אין קיך אַריין.

און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער הערט אַ ריח פון געקאָכטע פיש; סענדער האָט צעשפּרייט די נעזלעכער און האָט מיט'ן גאַנצען כח גענומען אַריינשלעפּען צו זיך אין נאָז אַריין דעם שענעם, געשמאַקען אַראָמאַט פון די אויסגעצייכענטע געפילטע פיש, און אַזוי האָט ער געחאַפּט אַ דרימעל, זיצענדיג אין קרעסלע, אויף אַ האַלבע שעה. אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך גענומען אַביסעל צו די געשעפטען, אָפּגערעדט מיט אַ צוויי־דריי מעקלערס, איבערגעזעהן די בריעף פון דער פּאָסט, אָפּגעענטפערט וועמען מע דאַרף און האָט אַ קלונג געטהאָן צו פרויקע'ן און האָט געהייסען גרייטען צום טיש.

אַז אונזער סענדער האָט אַריינגעטראָטען מיט אַ פּער'חלש'ט האַרץ אין עס־צימער אַריין, איז שוין דער לאַנגער דעמבענער טיש געווען אינגאַנצען גרייט מיט די טעלער, מעסערס, לעפעל, פלעשער און קליינע פלעשעלעך, גלעזער און קליינע גלעזעלעך, מיט אַלערליי געזאַלצענס, הערינג געשניטענער, הערינג געהאַקטער, שמאַלץ־הערינג, גערויכערטער הערינג, געמאַראַנירטער הערינג, קליינע הערינגלעך, סאַרדעלען, איקרע און וואַרשעווער קאַלבאַסען. דאָס עס־צימער אַליין האָט מיט דער שטאַרקייט פונ'ם מאַסיווען מעבעל געחאַפּט דעם אָפּבליק פון סענדער'ס קאַבינעט; די דאָזיגע צוויי חדרים האָט סענדער ליעב געהאַט מעהר פון זיין גאַנצען גרויסען הויז, מחמת די איבעריגע חדרים זענען געווען אויפגעפּוצט אויף היינטיגען מאַניער, און זייער גרינג, רויכיג מעבעל האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטען אויף זיך דעם שווערען קערפּער פונ'ם געשעצטען הערר בלאַנק. דריי פּריבאָרען זענען אויפ'ן טיש געשטאַנען: פאַר סענדער'ען, פאַר זיין ווייב און פאַר מאַרקוס'ען.

אונזערע לעזער זענען נאָך ניט בעקענט מיט די איבעריגע צוויי פּאַרשוינען. ביז וואַנען סענדער וועט זיך אָפּפּאַרטיגען מיט די געזאַלצענע זאַכען, וואָס שטעהען דאָ אויפ'ן טיש, וועלען מיר מיט איין קוק בעטראַכטען סענדער'ס ווייב מיט איהר זוהן מאַרקוס'ען.

מרים־חיה, די מאַדאַם בלאַנק, איז נאָך גאָר אַ יונגע פרוי, פון אַ יאָהר זעכס און דרייסיג, נישט מעהר; זעהר אַ שענע, אַ קלאָר־ווייסע, ווי געפאַלענער שניי, מיט זעהר שענע בלויע אויגען און שווארצע ברעמען, מיט זעהר איין איינגענומען סימפּאַטיש געזיכט; די גוטסקייט איהרע ליגט איהר, ווי מע זאָגט, אויפ׳ן פּנים. מרים־חיה איז אַ פּשוט׳ע, עהרליכע און אַ פרומע אידישע פרוי. זי טראָגט נישט קיין אייגענע האָר. פרעמדע טונקעל־רויסאַווע צעפּ בעשענען איהר קאָפּ. און געקליידט איז זי ניט נאָך דעם לעצטען זשורנאַל, נאָר ריין, ציכטיג, טשעפּקע, איינגענומען. איהר וואוכס איז ניט זעהר קליין, דאָך וויזט זי אויס ווי אַ קינד, ווי אַ ליאַלקע, אַקעגען איהר מאַן, וואָס זי שעצט איהם העכער און גרעסער פון אַלעמען אויף דער וועלט. און סענדער׳ס וואָרט איז ביי איהר, להבדיל, אַ דין. זי איז ביי איהם די צווייטע פרוי און האָט מיט איהם איין־און־איינציגען זוהן מאַרקוס, וואָס די נאַטור האָט איהם געשענקט מרים־חיה׳ס שענקייט מיט סענדער׳ס גבורה. און אינ־איינעם איז פון איהם אַרויס אַקוראַט אַזאַ זעלטענער העלד, ווי מיר דאַרפען אין אונזער ראָמאַן. אַרויסלאָזען איהם אויף דער גאַס, ווען עס שפּאַציערען אונזערע מאַמזעלען מיט די דאַמען, איז געווען, מיין איך, אַ געפעהרליכע זאַך, וואָרום אין דער שטאָדט, וואו עס קומט־פאָר אונזע אמת׳ע געשיכטע, איז דער צווייטער מאַרקוס ניט געווען. אמת, סע זענען געווען נאָך צוויי, דריי מאַרקוסען, נאָר ניט אַזעלכע מאַרקוסען, ווי אונזער מאַרקוס, מיט אַזעלכע גרויסע בלויע אויגען, מיט אַזאַ ברייטען ווייסען שטערן, מיט אַזעלכע שענע בלאָנדע געקרייזעלטע האָר, מיט אַזעלכע שענע ווייסע הענד, מיט אַזאַ הויכען גרויסאַרטיגען שטאַלט, מיט אַזאַ שען ליכטיג ריין פּנים, מיט אַזעלכע איידעלע מאַניערען, מיט אַזאַ איינגענומענעם רעדען... לאַכט, לאַכט, איהר געבילדעטע מאַמזעלען, קורסיסטקעס! אויב אייערע איידעלע הערצער זענען נאָך ניט פערדאָרבען געוואָרען פון פערשיעדענע פרייע, מאָדנע געדאַנקען, וועלען זיי זיך נאָך מאַנען קלאַפּען, בעגעגענענדיג אַזאַ מאַנספּאַרשוין, אַזאַ שענעם סאַ־

וואליער, ווי אונזער יונגער העלד מארקוס בלאנק, מיט וועלכען מיר טרעטען־ארויס מיט גרויס גדלות אויף די בלעטלעך פון אונזער אמת׳ער ערצעהלונג. איך וויים, איהר וועט מיר ענטפערען: וואס קומט אונז ארויס פון א שען פנים מיט א גרויסען שטאלט? דער עיקר איז — צי האט ער עפּיס אין קאפּ, אין הארצען? וואס אמת איז אמת: מיין העלד האט די נאטור ניט געשענקט קיין בעזונ־דערע פעהיגקייטען, אדער טאלאנטען; ווער פערמאגט אבער אזא גוט, ווייך, ווארעם הארץ, ווי מארקוס האט? ווער פערמאגט אזא גליקליכע לאגע צו זיין א זוהן, א בן־זקונים ביי סענדער בלאנק, וואס קאן איהם געבען נדן, וויפיעל מיינט איהר? צוואנציג טויזענד, דרייסיג טויזענד, און פאר וואס ניט קיין פופציג טויזענד רובעל? סענדער וועט איהם געווים געבען פופציג טויזענד רובעל, אויב ער וועט גרויבען דעם שידוך, וואס ער וויל. און דעם שידוך, וואס ער וויל, פאר וואס זאל ער איהם ניט גרויבען? מיט וואס איז סענדער בלאנק ערגער פון גרשון מירמעלשטיין?

— וואס זאגסט דו, מרים־חיה, אויף דעם דאזיגען פארך? — זאגט סענדער צום וויב און קוקט אריין אין די פיש אריין.

— אויף וואסער פארך, סענדער? וואס פאר א פיש ווילסט דו? א מיטעלשטיק? איין עקשטיק? צי א קאפּ?

— לאז זיין א מיטעלשטיק מיט איין עקשטיק מיט א קאפּ, — זאגט סענדער. — איך רעד פון דעם שייגעץ, רעד איך.

— וואסער שייגעץ, סענדער? נעם — אט דאס איז א גוט שטיקעל, סענדער.

— טויזענד מאל דארף מען דיר זאגען, צי וואס? איך רעד פון גדליה דעם שדכן, רעד איך. ער שרייבט שוין ווידער א מאל וועגען דעם דאזיגען גראביאן!

— וועגען וואסער גראביאן?

— איך האב דיר שוין, דאכט מיר, צעהן מאל געזאגט, אז גדליה דער שדכן דולט מיר א ספּאדעק, איך זאל א שידוך טהון

מיט מאיר קוואַשע, אַט דעם בעל־עגלה־יונג, וואָס פאַרמאָגט ניט מיין מיסט. דו פאַרשטעהסט? אַ העזה פון אַ שייגעץ!

— וואָס הייסט, סענדער? מע זאָגט דאָך אָבער, אַז ער איז איין עושר, אַ גביר! נעם, סענדער, דו האָסט דאָך ליעב אַ געפילטען קאָפּ?

— איין עושר? אַ גביר, זאָגסט דו? אַ קבצן, איין עני ואביון! זעהסט דו, דער שותף זיינער, מאָטעל פריעדמאַן, האָט אביסעל געלט, נאָר וואָסער אַ געלט? געראַבעוועט, גע׳גזל׳ט, אויסגעריסען מיט גוואַלד. אַזוי ווי ראובן בייטשעלע, אָדער שמחה פייג איז אויך אַ גלייכער שידוך? האַ? ווי מיינסט דו, אַשטייגער? איאַ, אַ פיינע זאַך? סענדער בלאַנק מיט שמחה פייג — צוויי גלייכע מחותנים, איאַ?

— איך ווייס? מיר דאַכט, אַז רב שמחה איז אַ... פיינער מענטש...

— אַ פיינער מענטש, זאָגסט דו? נו, און רב יואליק שלעפּער? און רב אייזיק פּאַטשיילע? און זלמן קרום־פּנים? אויך פיינע מענטשען? האַ? זאָל איך זיך מיט זיי אויך משדך זיין? ווי מיינסט דו?

— איך זאָג דען, סענדער, אַז...

— אַז וואָס? חס ושלום! דו ווילסט נאָר, איך זאָל נעמען אויף מיינע עלטערע יאָהרען און אוועקגעבען אַזאַ קאַפּיטאַל מיט געלט דער רוח ווייסט וועמען — עפּיס פייפערס, גנבים, שלעפּערס!

— שלעפּערס?

— פאַרשטעהט זיך, שלעפּערס! זאָלסט דו טאַקי ווייסען, אַז סע איז שלעפּערס, קבצנים, כלבים, שאַרלאַטאַנעס, פליהערס, אַנזעצערס, ניטאַ איינער אַ רעכטער, אַלע אויף פרעמד געלט, אַבי קאַרעטעס, פערדלעך! סע איז גאָלע חולטאַיעס, בלוטזויגערס, קורלעטפּאַט... קולעספּאַטאַרניסעס... ווי אַזוי הייסט דאָס דאָרטען ביי דיר, מאַרקוס, אין די הייננטיגע ביכלעך?

— עקספּלאָאַטאַטערען — פערעכט איהם מאַרקוס.

— עקסלאַפּאַטאַטשניקעס, מערזאַוווצעס, סוואָלאַטשעס, און נע־נוג! און מע וויל, איך זאָל מיך מיט זיי משדך זיין! אַ, ווי לאַנג קרענקען זיי, ניט דערלעבען זאָלען זיי דאָס!

— עס, סענדער. דערווייל עסט דו ניט.

— איך עס, איך עס, וואָס דען טהו איך? זעהסט דו, אָט דער דאָזיגער גרשון, גרשון מירמעלשטיין — אָט דאָס הייסט אַ לייט־שער מענטש, אַ מענטש, אַ פיינער מענטש, אַ געשטעלטער מענטש, אַ באַרוהטער מענטש, אַ מענטש, וואָס סע הייסט מענטש, וואָס מע קאָן אויף איהם זאָגען מענטש, מיט איינעם וואָרט — אַ מענטש!... ווי מיינסט דו, מרים־חיה, אשטייגער, אז איך זאָל וועלען מיט איהם אַ שידוך טהון, וואָס וואָלט ער געזאָגט, הא?

— איך ווייס? וואָס קאָן ער זאָגען, סענדער? איך ווייס וואָס?

— אדרבה, ווי מיינסט דו, מרים־חיה? איך וויל הערען דיין מיינונג.

— מיין מיינונג? איך מיין, אז... איך מיין גאָרניט.

פאַרהאַן ביי אונז אַ סך אַזעלכע ווייבער, וואָס מיינען גאָר־ניט, וואָס מיינען נאָר דאָס, וואָס דער מאַן וויל און וואָס דער מאַן הייסט. מרים־חיה איז געווען איינע פון די ווייבער, וואָס האָבען דרך־ארץ פאַר'ן מאַן, נישט מחמת „אהבה", נאָר מחמת „יראה", דאָס הייסט, נישט אַזוי פאַר ליעבשאַפט, ווי פאַר אָפּשיי. סענדער איז געווען אַ איד, וואָס ביי זיך אין שטוב האָבען אַלע פאַר איהם געהאַט דרך־ארץ, פונ'ם ווייב ביז'ן געבאַלעוועטען מי־זיניק מאַרקוס. אויפ'ן לשון פון די „העכסט־אינטערעסאַנטע ראָ־מאַניסטען" קאָן מען זאָגען, אז סענדער איז געווען אַ דעספּאָט, אַ טיראַן... איך וואָלט נאָך צוגעזעצט דאָס וואָרט „מערדער", איז ער אָבער געווען ווייט פון אַ מערדער. ער איז געווען אַ איד גלייך מיט אַלע אידען, וואָס ביי זיך אין שטוב האָט ער געהאַט די דעה, און ווייטער קיינער ניט: און אז מיר האַלטען שוין דער־ביי, געבען מיר דאָ איבער אַביסעל זיין ביאָגראַפּיע אין קורצען:

סענדער איז געווען אמאל א קליין מענשעלע, גאר א קליין מענשעלע. דאס איז געווען שוין לאנג, אבער גאנץ לאנג, נאך איידער ער האט געהאט די קלינגערס, אז ער האט נאך געהייסען סענדער חלפן (למאי זאלען מיר לייקענען? ער איז געווען א חלפן), האט ער זיך דעמאלט אנגעליטען פון די שענע אידען, זיידענע יונגעלייט, נגיד'ישע קינדער. אוי, האט ער זיך פון זיי אנגעליטען! אוי, פלעגט ער שטעהן פאר זיי כעבדא קמיה מאריה, האבען דאס נייעניעהריגע קדחת! אוי, פלעגט ער זיי מקנא זיין, און אוי, פלעגט איהם אויף זיי ברענען!... און נאכדעם, אז ער איז פון א חלפן ארויף אויף דער מדרגה פון א בעל־הלואה, און פון א בעל־הלואה — אויף א פעלהענדלער, פון א פעלהענדלער — א גראבארשטשיק, פון א גראבארשטשיק — א צעלניקער, פון א צעלניקער — א קאמיסיאנער, פון א קאמיסיאנער — אליין א סוחר, א צוקערהענדלער, א גרויסער סוחר, א רייכער סוחר, ביז א באנקיר, — איז ער אלץ געוואכסען העכער און העכער אין די אויגען פון זיינע בעקאנטע, און ער האט אנגעהויבען אראפווארפען איינציגווייז די פריהעריגע נעמען, ווי א פויגעל, וואס ווארפט פון זיך איינציגווייז די אלטע פעדערען, און האט אנגעהויבען צו בעקומען נייע נעמען: סענדער גראבארניק, סענדער צעלניקער, סענדער הארטאווניק. איינער פון זיינע ארעמע קרובים האט איהם געשענקט פון זיך א „על" — איז געווארען „סענדערעל". און צום סוף (א צייט מיט יאהרען האט מען נישט געוואוסט זיין פאמיליע) — סענדער בלאנק!... רב חיימ'קע, רב זיאמקע, רב מאיר'על האבען ביסלעכווייז אויפגעהערט צו פערדייסען פאר סענדער'ען די נאז און האבען אנגעהויבען ארומדרעהען זיך ארום דעם אויפגעקומענעם נגיד, פריהער געבענדיג איהם צו וויסען, אז ער איז פון די „אויפגעקומענע", מיט אזעלכע אויסרעדלעך, למשל: „א! שלום עליכם, א באקאנטער איד! דאכט זיך, סענדער? וואס זשע מאכט איהר עפּיס גוטס? עפּיס זאגט מען אויף אייך, אז סע געהט אייך, אהן עין־הרע, זעהר גוט?"... און נאכדעם שוין: „רב סענדער סערדצע!

מיר שטעהען, דאכט זיך, אויף איין סטאנציע? קומט אריין אויף דער נאכט צו אונז אביסעל!"... "א, רב סענדער! איהר דער־ווייטערט זיך שוין פון אונז?"... "איך האב צו אייך א קליינע בקשה, רב סענדער: עטליכע טויזענד קערבלעך אויף צוויי חדשים"... "אך! ווען איך ווייס, אז איהר ווען איך? ווען איך ווייס, אז איהר זענט היע!"... און נאכדעם: "מיר ווילען, די גאנצע שטאדט וויל, זי חלש'ט, אויסקלויבען אייך פאר א גבאי, פאר גלאסנע, דעפוטאט, פאר דירעקטאר אין באנק"... "הערר בלאנק! מיר האבען די עהרע, מיר בעטען, איהר זאלט אונז ניט אפזאגען. זייט אזוי גוט און געהט אריין אין אונזער לאגע, איהר זענט דאך ביי אונז, ווי זאגט מען עפּיס, איהר פארשטעהט, צי ניין?"...

אונזער סענדער איז ניט געווען פון די דאזיגע, וואס פער־חלינען זיך מיט זייער מזל און בלאזען, ווי מע זאגט, פון זיך; ניין! ער קאן אויסהערען די דאזיגע אלע קאמפּלימענטען גאנץ גלייכגילטיג, מיט עניוות, גלייך ווי ער וואלט גאר אזא כבוד ניט פערדיענט, און ענטפערען, אז ער איז נישט מסוגל, נישט מיט אלעמען, נישט אויפגעלעגט, סע איז דא גרעסערע פון איהם. אבער דארט, טיעף־טיעף אין הארצען, האט ער געמעגט שטארק אנקוועלען פון ביידע זייטען: אי וואס ער האט דערלעבט אזא כבוד, אי וואס אט די אלע כלבים האבען אראפּגעלאזט די וויידלען און פערשטעהען דרך־ארץ. און נישט פאר קיינעם, נאר פאר'ן ווייב האט ער ליעב זיך פערגיסען אמאל מיט א געלעכטער.

— וואס זאגסט דו עפּיס, מרים־חיה, אויף רב זיאמקע דעם מיוחס, הא־הא־הא? געדענקסט איהם האטש, א רוח אין זיין טאטען?...

קיין פעטער אנבייסען, קיין גוט גלאז ווייץ האט ניט געקאנט איהם צושטעלען אזא פערגעניגען, ווי רב זיאמקע וכדומה אזעלכע לייט, ווען זיי האבען בעדארפט אנקומען צו איהם. אויפ'ן שענ־סטען אופן און מיט'ן גרעסטען כבוד האט אונזער סענדער צוגע־נומען דעם געעהרטעסטען גאסט ביי זיך אין קאבינעט, געבעטען

זיצען, געגעבען אַ פּאַפּיראָס, אַנגעצונדען און אונטערגעטראָגען דעם גאַסט אַ שוועבעלע, געפרעגט: „וואָס האָט איהר עפּיס אַזאַ שלעכט פּנים?" און געגעבען איין אויסרעד: „פאַר וואָס זעהט מען אייך עפּיס ניט?" ווי אויף נאָדלען איז דער גאַסט געזעסען; ער האָט שוין לאַנג אויסגערויכערט דעם געשענקטען פּאַפּיראָס; ער האָט שוין לאַנג זיך אויסגעהוסט דריי מאָל און אַכצעהן מאָל זיך אונטערגעהויבען אויפ'ן בענקעל, אָפּגעווישט דעם שווייס, גוט אויסגעשנייצט די נאָז, אַרויסגענומען און געמאַכט זיך איין אייגענעם פּאַפּיראָס, איינעם, דעם אַנדערען, דעם דריטען, עטליכע מאָל געפּרובט אָנהויבען צו רעדען, וואָס ער בעדאַרף, און איבערגעהאַקט געוואָרען אויפ'ן ערשטען וואָרט, — און סענדער האָט אַלץ דערצעהלט פון זיינע געשעפטען, פון זיינע פערפאַלענע חובות, פון זיינע משפּטים, וכדומה, מיט גרויס התלהבות, גלייך ווי דער גאַסט בעט איהם, וויינט און חלש'ט פאַר איהם, ער זאָל איהם „אינגאַנצען" דערצעהלען און חס־ושלום ניט דורכלאָזען קיין ברעקעלע... נאָר יעדע זאַך דאַרף זיך אָבער האָבען איין עק, און אַ מענש האָט אין זיך אַ גאַל! דער גאַסט, רב זיאַמקע, אָדער רב חיימ'קע, חאַפּט די מינוט און הויבט־אָן גלייך, אין איין אָטהעם:

— איך האָב אייך געוואָלט בעטען, רב סענדער, איהר האָט דאָך געהערט מסתמא, אַז איך האָב אָוועקגעקויפט ביי דעם פריץ שישינסקי'ן אינגאַנצען די וויַיץ, און מחמת...

— איך ווייס, איך האָב געהערט! — שלאָגט איהם סענדער איבער אינמיטען. — איך האָב געהערט פון אייער גילדענעם געשעפט. איך בין אייך וועניג־וואָס מקנא, רב זיאַמקע, אָבער גאָר וועניג! ווייסט איהר זשע, פאַר וואָס? איך וועל אייך דערצעהלען! אָט דער שישינסקי האָט ביי מיר פאַר פיער יאָהרען געוואָלט לייהען פופציג טויזענד קערבלעך, און דוקא אויף גוטע קאָנדיציעס. איך האָב אָבער דעמאָלט געהאַט איין עסק מיט'ן קאַשיוועקער פריץ. די מעשה איז אַזוי געווען...

און סענדער האָט אוועקגעצויגען אַ שפּאָגעל־נייע מעשה אויף נייע זעכם שעה. רב זיאַמקע איז שוין פּיטש־נאַס: עס רינען פון איהם ריקעס שוויים; ער ווישט זיך נעבאָך מיט דער פּאָלע און זיפּצט, ווי איין אומגליקליכער פּלענער אין געפענגעניש; רב זיאַמקע שלאָגט איהם איבער די רעד:

— האָט מיר קיין פאַראיבעל ניט, רב סענדער, וואָס איך שלאָג אייך איבער די רעד... איהר ווייסט, וואָס איך בין געקומען צו אייך?

— ניין; פון וואַנען זאָל איך וויסען?

סענדער בלאַנק האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס רב זיאַמקע'ס וויזיט בעדייט, נאָר ער מאַכט אַ נאַאיווו פּנים און קוקט איהם אין די אויגען אריין.

רב זיאַמקע איז אויפגערעכט געוואָרען און זאָגט זיך גאַנץ פרייליך:

— פאַרשטעהט איהר מיך, רב סענדער, די מעשה דערפון איז אזוי: איך האָב די ווייץ אוועקגעקויפט מיט אַ שותף, מיט אברהם זאַלצוואַסער...

— מיט אַברהם זאַלצוואַסער? גאָט זאָל אייך אָפּהיטען, רב זיאַמקע! דאָס איז דאָך אַ שווינדלער, אַ דרעהער, אַ רוצח, אַ קוילער! שטעלט אייך פאָר, אז פאַר צוויי יאָהרען ווינטער, אַרום חנוכה, צי אַרום פּורים, — איך געדענק ניט אַקוראַט — קומט צו מיר אריין אַ איד. גוט מאָרגען! — גוט יאָהר! זעהר פיין! און מישט מיר אויף אַ מעשה...

רב זיאַמקע בייסט זיך די נעגעל, קראַצט זיך אונטער דער יאַרמעלקע. ער הוסט, ער קלאַפּט מיט די פיס, עס פערשפּיליעט זיך די קאַפּאָטע, ער רוקט־אָן דאָס היטעל שטאַרק, שטאַרק. און סענדער דערצעהלט גאָר אַ נייע מעשה גאַנץ אַנגענעהם, בהדרגה, מיט זעהר שענע וויצען פערפּראַוועט, אָהן איין אויסלאָז, אָהן איין עק! רב זיאַמקע שפּרינגט שוין אונטער און פאַלט אריין אין די רעד, שוין גאָר אָהן דרך־ארץ:

— פאַרשטעהט איהר, רב סענדער? האָב איך ביי אייך געוואָלט בעטען אַ גמילות־חסד אויף אַ קליינער צייט.

— אַ גמילות־חסד?! — פרעגט סענדער שטאַרק־שטאַרק פערוואונדערט, גלייך ווי מע האָט איהם דערצעהלט, אַז דער און דער האָט גענומען דאָס גרויסע געווינס, אָדער ס'איז געווען נאַר־וואָס אין דרויסען אַ הריגה, אַ שרפה, אַ מגפה...

— יאָ, אַ גמילות־חסד, — ענטפערט זיך רב זיאַמקע נישט הויך, נישט שטיל, נאָר אַזוי, מיטעלמעסיג, ניט צו פערשטעהן, וואָס וואונדערט זיך דאָס עפּיס אַזוי רב סענדער? — יאָ, אַ גמילות־חסד, ביז וועסנע; נישט קיין סך: אַ רובעל צעהנטויזענד.

— איצט האָב איך נישט, בנאמנות, איך האָב ניט איצט ביי זיך, איך זאָל אַזוי ניט האָבען קיין שלעכטס, איך זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעק מיט אייך אינאיינעם. פאַר וואָס האָט איהר מיר נעכטען ניט געזאָגט? נעכטען האָב איך גראָד יאָ געהאַט, איז געקומען צו מיר אַ מענטש פון גבריאל פעלקענשטיין און לעגט מיר פאַר איין עסק, אַזוי ווי אין טיטיקיוועקע סטראָיעט זיך היינט אַ נייע פאַבריק, און גבריאל פעלקענשטיין האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט די שותפים נאָך פאַראַיאָהרען, אַז דער וואַלד דער טיטיקיוועקער... און אַזוי ווייטער — אָהן איין אויסלאַז, מיט מעשיות און מיט קליינע מעשה'לעך געבונדען און געפלאָכטען, אַזוי, אַז סע ברעכט דעם מוח!...

און אַזוי געהט זיך רב זיאַמקע אוועק נעבאַך אָהן געלד, אָהן כח, איין אויסגעמוטשעטער, אַ נאַסער פון שוויס, און פאַר זיין אוועקגעהן מוז ער נאָך אויסהערען אַ לאַנגע נאָטאַציע פון רב סענדער'ען, אַז ניט אַזוי האַנדעלט מען, אַז מע זאָל דאַרפען אָנקומען צו יענעם, און מע טאָר זיך ניט פיהרען אַזוי גרויס, און מע דאַרף זיך היטען פון שלעכטע שותפים, און מע דאַרף וויסען, ווי אַזוי צו האַנדלען און מיט וועמען צו האַנדלען, און מע זאָל פרעגען ביי איהם, ביי סענדער'ען, וואָלט ער קלאָר געמאַכט און געוויזען אַ דרך אין אַלע געשעפטען. און ביי'ם געזעגענען זיך בעט איהם

סענדער אמאָל אריינקומען, מהיכא תיתי, אביסעל שמועסען... רב זיאַמקע לויפט אַהן איין אַטהעם און האָט מורא זיך ארומקוקען! עס געהט איבער א קליינע צייט. מע דאַרף אָבער פּאָרט די קליינערס, — וואָס טהוט מען? ער געהט נאָך א מאָל צו רב סענדער'ען, טאָמער, א קשיא אויף א מעשה?... און ווייטער די זעלבע געשיכטע; ווייטער א מאָל דאָס אייגענע! און אזוי איז מיט רב זיאַמקע'ן, מיט רב חיים'ען, מיט רב איציקל'ען, און אזוי איז מיט אַלע זיינע אַלטע בעקאַנטע. אַט אזא מין נפש איז ער.

אונזער סענדער איז ניט בעסער און ניט ערגער פון אַלע אַנדערע אויפגעקומענע גבירים, פּשוט'ע מענשלעך, וואָס קאָנען קיין אַנדערע פערגעניגענס נישט האָבען פון קיין זאַך, א חוץ געלד און כבוד.

אייגענטליך, וואָלט איך דאָ בעדאַרפט אביסעל בעשרייבען די ביאָגראַפיע זיינע: ווער איז ער? פון וואַנען שטאַמט ער ארויס? ווער זענען זיינע עלטערען? מיט'ן גרעסטען און מיט'ן שענסטען כבוד וואָלט איך דאָס געטהאָן, ווען איך זאָל דאָס וויסען. איז דען מעגליך, אז ראַמאַניסטען זאָלען קענען א גאַנצע וועלט? און וואָס איז אונז דער אונטערשיעד — לאָמיר שמועסען עפענטליך: — וואָס געהט אונז אָן, ווער איז געווען סענדער'ס זיידע, צי סענדער'ס באָבע? צי איז זיין פאָטער געווען א מלמד, א שוסטער, א באָנדער, צי א מעקלער? מיר ווייסען נאָר סענדער'ען; מיר געדענקען איהם, אז ער איז אמאָל, ניט היינט געדאַכט, געווען א געמיינער איד, א חלפן, א פעלהענדלער, א מוכר־תבואה'ניק, און היינט... היינט איז ער ס ע נ ד ע ר ב ל אַ נ ק! קוקט אייך גוט צו צו איהם: אפשר איז ער אייך אויך קענטליך, אזוי ווי מיר?

דאָס פיערטע קאַפּיטעל.

טראַקטירט פון מאַרקוס'ען אַליין.

שוין צייט, שוין צייט צו פערנעמען זיך אביסעל מיט דעם יונגסטען פון דער פאַמיליע בלאַנק; שוין צייט, אז אונזערע לעזער

זאָלען אַביסעל נעהענטער זיך בעקענען מיט אונזער יונגען העלד, מיט אונזער שענעם מאַרקוס בלאַנק, — דאָס קלענסטע און דאָס בעסטע קינד פון סענדער'ען.

„דאָס קלענסטע און דאָס בעסטע" — אַזאַ מיינונג איז געווען וועגען מאַרקוס'ען דער פאָטער אַליין איבער צוויי זאַכען. ערשטענס, האָט סענדער ליעב געהאַט זיינע קינדער, ווען זיי זענען נאָך געווען קליינע, ברעקעלעך, קאַראַפּוזיקעס; און ווי באַלד די דאָזיגע קאַראַפּוזיקעס האָבען אָנגעהויבען אונטערצוואַכסען, אַזוי האָט אונזער פיינער סענדער אָנגעהויבען בעקומען צו זיי אַ שנאה, וועלכע איז געוואַכסען אַלע מאָל שטאַרקער און גרעסער. ער האָט געקוקט אויף זיי, ווי אויף שותפים, ווי אויף פּרעטענדענטען אויף זיין גוטס, און אָהן קריעג, אָהן סצענעס, אָהן פּעטש האָט זיך נישט געמאַכט קיין שמחה, קיין חתונה; דער פאָטער האָט געאַרבייט מעשים, געטופּעט מיט די פיס, די מוטער האָט געוויינט, די קינדער האָבען געגאָסען מיט טרערען, — און דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז סענדער האָט געמוזט עפּענען די האַנד און מיט טוידטע קללות אָפּצעהלען געלד, וויפיעל מע האָט בעדאַרפט.

ביי אַ סך גאַנץ לייטישע מענשען פיהרט זיך אַזוי. דער מחבר פון דער דאָזיגער געשיכטע איז ניט איין מאָל געווען איין עדות ביי אַזעלכע פיינע סצענעס, ניט איין מאָל געווען אַ פערמיטלער צווישען פאָטער מיט זיינע אייגענע קינדער, וואו דער גאַנצער סכסוך איז געגאַנגען וועגען איבעריגע עטליכע הונדערטערס, וואָס מיט דעם האָט מען געקאָנט פּשוט מציל זיין פון הונגער און פון דחקות אַ גאַנצעס הויזגעזינד; געלד האָט מאַקי דער פאָטער געגעבען, נאָר בלוט האָט ער אָפּגעצאַפּט ביי די אומגליקליכע קינדער אַ סך מעהר, ווי אויף עטליכע הונדערטערס... אַז איך האָב אויף אַ ציקאַוועסט אַ פרעג געטהאָן דעם איינגעשפּאַרטען פאָטער, צו וואָס האָט איהם געטויגט דער גאַנצער טאַרעראַם מיט די בזיונות, מיט די טרערען אומזיסט און אומנישט? — האָט ער מיר גאַנץ ערנסט געענטפערט:

— א קינד טאָר מען ניט ווייזען קיין וועג. א קינד איז א חזיר. א קינד דאַרף מען לערנען. סע זאָל וויסען, אז א קערבעל איז ניט קיין הונט. וועט ער אויך וויסען אויף דער עלטער, ווי אזוי זיך צו באַגעהן מיט א קינד און ווי אזוי מע דאַרף היטען א קערבעל היינ־טיגע יאָהרען...

סע פערשטעהט זיך, אויף אזא לאָגיקע האָב איך ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען...

די צווייטע סיבה, וואָס מאַרקוס איז געווען טייערער ביי סענ־דער'ען כמעט פון אַלע קינדער, איז ווייל מרים־חיה איז ביי איהם געווען דאָס צווייטע ווייב, און אינגאַנצען איהר לעבען איז געווען אָפּגעהאַנגען פון איהר טייערען בן־יחיד.

„נו, מילא? — פרעגט מיך דער לעזער. — וואו שטעהט דאָס, אז די קינדער פונ'ם צווייטען ווייב דאַרף מען בעסער ליעב האָבען?"

נו, מילא! — ענטפער איך אויך דאָס אייגענע. מילא אהין, מילא אהער — סע איז פאַרט אזוי איינגעפיהרט ביי א געוויסער קלאַס אידען. נאָר לְמאַי זאָלען מיר אוועקגעהן פונ'ם אמת? מאַר־קוס איז טאַקי געווען איין אַנטיקעל, וואָס מע קריגט עס גאָר ניט. די גאַנצע שטאָדט האָט מיט איהם געהאַט צו טהון; אז סענ־דער האָט געבראַכט דעם ערשטען שבת דעם פּינפּיעהריגען מאַרקעל אין בית־המדרש מיט א זיידען העמדעל, סאַמעטענע הויזלעך און מיט א גילדען היטעלע, האָבען איהם אַרומגערינגעלט א מאַסע יונג־לעך, ווייסע־חברה'ניקעס, און יעדער האָט איהם א טאַפּ געטהאָן. פון יענעם שבת אָן איז אוועקגעגאַנגען א שם אויף דער גאַנצער שטאָדט, אז ביי סענדער בלאַנק איז דאָ א מיזיניקעל, א מאַרקעל, עקט זיך מיט איהם די וועלט! עס איז איהם ניט אין פּנים אַריינ־צוקוקען, און קלוג איז ער, אז עס זאָל איהם גאָר קיין גוט אויג ניט שאַדטען... איך וואָלט א בעלן געווען אָנטהון לייזער דעם בעל־עגלה'ס יונגעלע אין א זיידען העמדעל, סאַמעטענע הויזלעך מיט א גילדען יאַרמולקע, און הערען, וואָס וועלען זאָגען אָט די אַלע צבוע'קעס, וואָס דאַרפען אָנקומען צו סענדער'ס קעשעני, אויף

לייזער׳ס אנטיקעל, וואס איז שען און קלוג, אז „עס עקט זיך מיט איהם די וועלט“? אבער דערווייל זעהען מיר פאר אונזערע אויגען סענדער׳ס מיזיניקעל און מיר לייענען גרויסע גילדענע אותיות, אנגעצייכענט אויף זיין ווייסען שטערן:

„געלד וועסט דו האבען,
א פערד וועסט דו זיין“...

און דארט, ביי דער זייט, שטעהט לייזער דעם בעל־עגלה׳ס א זוהנדעל, א שווארץ „אינגבערעל“ מ׳ט א שטיק בולקע אין דער האנד (קוים דערלעבט דעם גליקליכען שבת!), אפגעריסען און בארפיס, מיט א פאר גלעזערנע אויגען, און אויף זיין בעוואכסע־נעם שווארצען שטערן איז אנגעצייכענט פערקעהרט:

„א פערד וועסט דו האבען,
א קבצן וועסט דו זיין“...

אך! פאר וואס בין איך ניט קיין פאעט? איך זיץ אצינד בע־גייסטערט, פול מיט מחשבות; איך וואלט אנגעשריבען דערויף א גאנצען שיר אין שענע קלינגענדיגע פערזען, מיט מעלאנכאלישע, פילאזאפישע, הויכע געדאנקען, מיט טענות צום בורא־שמים, פאר וואס קומט דאס, אז סענדער׳ס קינד, וואס איז פונקט אזוי קלוג און מיט די זעלבע טאלענטען, ווי לייזער׳ס אידיאט, און פון דעסט־וועגען געהט יעדער צו צו מארקלען מיט א פארטיג שמייכעלע, מיט א חנופה׳לע, מיט א קניפ אין בעקעל, און צו לייזער׳ס פעמ־פעק וויל קיינער אפילו קיין קוק ניט טהון, און אז ער קומט זיך יא עמיצען אונטער די הענד, טהוט מען איהם א שטורך, א שנעל אין נ׳זועל, א ציפ בײ׳ם אויהער, אדער מע רוקט איהם אן דאס היטעלע איבער די אויגען און מע מאכט פון איהם חוזק...

און שפעטער, אז מיר האבען דערלעבט צו זעהן אונזער קליינעם העלד צו דער בר־מצוה, האבען מיר זיך זאט ניט געקאנט אנקוקען זיין שענע צורה, און הגם מיר האבען פון איהם אליין קיין בע־זונדערע שארפע חכמות ניט געהערט, דאך האט מען אונז דער־צעהלט פון דעם דאזיגען פייער, פונ׳ם דאזיגען מארקעל, אזעלכע

אנטיקלעך, אז מיר זענען באמת געווען אנטציקט פון דעם דאָזיגען יונגאַטש. „שטעלט אייך פאָר, — אזוי האָט דערצעהלט חיים־חנא דער מלמד — אז מיט זיינע פּליצליכע קשיות, וואָס ער פרעגט ביי איהם, ביי זיין רבי'ן, שטעלט ער איהם אזוי אנידער, אז ער, רב חיים־חנא, מאָהלט אייך, וואָס איז באמת א חריף, בלייבט אָפּהענ־טיג און קאָן קיין מויל ניט עפענען אקעגען דעם דאָזיגען תלמיד, וואָס דאַרף אויסוואַכסען עפּיס א מין גאון, אָדער איך ווייס אליין ניט וואָס!"... איז נאָך דאָ וואָס צו רעדען פון סענדער'ס פערגנע־גיגען און פון מרים־חיה'ס גליק, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אין טרערען? מיט וואָס האָט זי פערדיענט ביי גאָט אזא ברכה? מיט וואָס האָט זי זוכה געווען צו האָבען אזא תכשיט, וואָס גאָט און לייט טהוען זיך פרייהען מיט איהם? ניט אנדערש, אז דער־וואָס־לעבט־אייביג האָט זיך ארומגעקוקט אויף איהר, ווי זי קומט נעבאָך אָפּ ביי סענדער'ען, כמעט ווי א דיענסט — גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד! ניט אנדערש, אז דאָס איז איהר א רפואה צו דער מכה...

נאָר מרים־חיה האָט, אַפּנים, ניט פערדיענט ביי גאָט, אז איהר זוהן זאָל באמת זיין א גאון־עולם; כל זמן רב חיים־חנא דער מלמד האָט געלעבט, איז מאַרקעל געווען אזא תכשיט, אזא גילדען קעפּעל, אז קיינער האָט איהם ניט געקאָנט נעמען פערהערען, מחמת חיים־חנא איז דערצו געווען א מזיק; ער האָט קיינעם ניט געלאָזט אויס־רעדען א וואָרט: ניט דעם פערהערער, ניט דעם תלמיד. ער האָט גערעדט פאַר אלעמען; ער האָט אליין געפרעגט און אליין גע־ענטפערט. און אז יענער האָט געפרעגט דעם תלמיד, למשל: „וואָס לאָזט מיך דאָ, מאַרקעל, דער תנא הערען?" — האָט חיים־חנא פערקאַטשעט די אַרבעל, געמאַכט מיט די הענד און אין דער גיך געענטפערט: „נו, זאָגט ער דאָך אייך, אז עבודה זרה איז ניט גלייך, זאָגט ער, צו דער פּרה אדומה; פאַר וואָס? זאָגט ער, מחמת עבודה זרה, זאָגט ער, איז איין אנדער זאך, און די פּרה אדומה, זאָגט ער, איז וויעדער איין אנדער זאך; איז געדרונגען, זאָגט ער,

אַז דער תנא האָט זיך געשטעלט, זאָגט ער, אויף דעם פסוק, צו פרע־
גען, זאָגט ער, אַ ווערעראַנאַנד: מה דאָך, זאָגט ער, עבודה זרה
איז אַזוי, איז דאָך פרה אדומה, זאָגט ער, על אחת כמה וכמה!"...
און מיט דעם דאָזיגען „זאָגט ער" האָט חיים־חנא אַזוי פערדערט
און פערקלאָפּט די צייהן, אַז דער פערהערער איז געבליבען זיצען,
ווי אַ מענש, וואָס מע האַפּט איהם אויף פונ'ם שלאָף און מע זאָגט
איהם: „קוק!" — ער קוקט און קוקט און ווייסט ניט, וואו ער
איז אין דער וועלט...

אַז חיים־חנא איז געשטאָרבען, און מאַרקעל איז אַריינגעפאַלען
צו אַנדערע מלמדים אין די הענד אַריין, האָבען די דאָזיגע אָנגע־
הויבען בעמערקען, אַז רב סענדער'ס זוהן האָט אביסעל „אַ האַרטע
קעפּעל", אַ „שווערע תפיסה" מיט אַ „קורצען זכרון"; דערצו האָט
סענדער אָנגעהויבען ווערען רייכער און רייכער, און ביי לייטען האָט
ער געזעהען, ווי אַזוי מע לערענט קינדער אויף דעם נייעם שניט.
האָט ער געקריגען מאַרקוס'ען אַ צוויי־דריי לעהרערס פון „היינטי־
גער וועלט", וואָס אונזער יונגער העלד האָט ביי זיי גענאַשט פון
יעדער זאַך צו ביסלעך, עטוואָס פון אויבען, אַזוי, אַז צו זיבעצעהן־
אַכצעהן יאָהר האָט ער געהייסען זעהר אַ פיין בחור'על, ניט ער־
גער פון אַ סך אַזעלכע בחורים'לעך, וואָס איך מיט אייך קענען
זיי זעהר גוט: זיי געהען זעהר שען אויסגעפּוצט, זיי האָבען ביי
זיך אַ סך ביכלעך; צווישען זיך שמועסען זיי אויף דער גאַס וועגען
טורגעניעוו'ען, און שרייען אַזוי שטאַרק, אַז איהר מוזט זיי
בעמערקען; ציימונגען לייענען זיי אַלערליי, און מיט פרעמדע
הענד שרייבען זיי אַליין אויך אַ מאָל אַריין אַ קאָרעספּאָנדענציע
אין אַ אידיש בלאַט, און שפּעטער, אַז ער ווערד עלטער, דערמאָנט
ער אייך, אַז ער האָט אַמאָל, אין די יונגע יאָהרען, „געשריבען אין די
ציימונגען". מיט איינעם וואָרט, אונזער אויסגעצייכענטער מאַר־
קוס וואָלט געוועזען אַ יונגעל אַ משכיל, ווי אַלע משכילים אין דער
פּראָווינץ, אַ „אינטעליגענט", אַ געוועהנליכער טיפּ פון אַ אידיש
בחור'על אַ נאַחאַל, וואָס נעמט אַ שענע כלה מיט רויטע בעקלעך־

און מיט א סך נדן, — און האט חתונה, און ווערד א פיין איידע־
מעל, א בעל־הלואה, א שטיקעל סוחר, א גרויסער סוחר, א יונגער־
מאן א גביר מיט עטליכע קינדער, וואס בעקומען ביי איהם פונקט
אזא ערציהונג, ווי זיינע עלטערען האבען איהם געגעבען, און אזוי
איז „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת“ — איין דור געהט
נאך דעם אנדערען, ווי א זייגער... נאר ניין! אונזער שענער העלד
האט געהאט איין אנדער השגה אין דער וועלט, און זיין צוועק איז
געווען ניט אזוי, ווי מיר האבען פון זיינעטוועגען אויסגעבעט. יע־
דער מענש האט זיך זיין קאפריז, זיינע השגות; פאר וואס זאל
מארקוס בלאנק זיין ערגער פון אלע אנדערע מענשען? איך זעה,
אז מיינע לעזער ווילען טרעפען, אז מסתמא מוז דא זיין א שען מיי־
דעל אינמיטען, און מארקוס איז שטארק פערליעבט... ניין! איהר
דארפט גערענקען, אז מיין ראמאן איז „א ראמאן אהן א ראמאן“!
איך וועל אייך ניט געהן שווערען, אז ווען מיין שענער העלד זאל
געווען בעגעגענען ערגיץ א מין ראזא, אדער א יעליזאבעטא, וואלט
ער פון איהר אנטלאפען וואו דער שווארצער פעפער וואכסט. איך
וויים נישט. די עפאכע צווישען אכצעהן און צווישען צוואנציג
יאהר איז די געפעהרליכסטע צייט פאר די יונגע קינדער, און אזוי
ווי דאס ברעקעלע קינד מוז נעבאך איבערקומען פאקען, מאזלען
און צייהענדלעך, אזו מוז דאס גרעסערע קינד איבערקומען די צייט
פון ליעבע, — און למאי זאלען מיר זיך נארען? מיר האבען דאך
אלע געפאקט, געמאזעלט, ליעב געהאט און, דאנקען גאט, איבער־
געקומען אט די אלע וועהטיגען געזונדערהייד... וואס קאן איך אבער
טהון מיט מיין יונגען העלד, אז עס האט זיך איהם פארט ניט גע־
טראפען דער צופאל? קאן איך איהם דען מיט גוואלד זאגען: „געה,
מארקוס, ליעב זיך אייך, שרייב פלאמפייעריגע בריוולעך, ווער צע־
גאנגען ווי א וואכס, הענג זיך, טרינק זיך, אבי איך זאל האבען
שטאף אויף א „העכסט־אינטערעסאנטען ראמאן“? ובפרט, אז מיין
יונגער העלד האט געהאט גאר איין אנדער אידעע, איין אנדער ציעל,
וואס ער האט זיך צו דעם געשלאגען דורך טיר און דורך טויער מיט

אַלע כחות פון זיין געזונדען יונגען קערפּער, — מיט איינעם וואָרט, מיין מאַרקוס האָט געוואָלט שטודירען. איין מאָל פאַר אַלע מאָל שטודירען: אויף דאָקטאָר, אויף אַדוואָקאַט, אויף אינזשיניער — שטודירען און גענוג!

ווען און ווי אַזוי איז דער דאָזיגער געדאַנק איינגעפאַלען מאַרקוס'ען אין קאָפּ אריין — קאָן איך אייך אַקוראַט ניט זאָגען; נאָר די בריוולעך, וואָס ער האָט געשריבען צו איינעם פון מיינע חברים, צו אריה־לייב'ען, זענען געווען מיט אַזאַ פייער געשריבען, אַזוי הייס, אַזוי ענערגיש, אַזוי אמת, אַז איך האָב זיך אויף קיין מינוט ניט פערטראַכט, אַז דער דאָזיגער יונגער מענש וועט זיין צוועק דערגרייכען. (איינע פון די דאָזיגע שענע בריעף האָט דער לעזער בעגעגענט אין דעם ערשטען קאַפּיטעל פון אונזער אמת'ער מעשה).

נאַטירליך, האָט דער פאָטער ניט געטאָרט וויסען פון דער דאָזיגער פיינער אידעע, און איך רעכען, אַז עס איז גלייכער, וואָס סענדער האָט ניט געוואוסט, וואָס מאַרקוס טראָגט ביי זיך אין קאָפּ און אין הארצען: גאָט וויסט, וואָס עס וואָלט געקאָנט דער־פון ארויס! סענדער האָט געהאַט צו טהון מיט די שידוכים, און מאַרקוס האָט געשריבען הייסע בריוולעך צו אריה־לייב'ען, אַזוי ווי אויבען איז געשטאַנען.

מעהר ווי אַלע מאָל האָט זיך אויפגעהויבען דאָס פייער ביי אונ־זער יונגען העלד זומערצייט, פונקט אין דער עפּאָכע, ווען עס קומט פאַר אונזער נאַטירליכע געשיכטע; אין דער דאָזיגער צייט זענען זיך צענויפגעפאָהרען אַלע תּלמידים פון די גימנאַזיעס מיט אַלע סטודענטען פונ'ם אוניווערסיטעט. אַך! ווי שטאַרק אונזער מאַר־קוס האָט זיי נעבאַך מקנא געווען אויף זייערע גילדענע קנעפּלעך, די אַפּיצערסקע היטעלעך, די העמדלעך פון די סטודענטען; ווי פרייליך, ווי פריי, ווי גליקליך זענען די דאָזיגע מענשען, און ווי טרויעריג, געבונדען און אומגליקליך איז ער נעבאַך! דעמאָלט, ווען זיי שיפען זיך אויף דער לאָדקע אין דער אויסגעצייכענטער זומער־

נאכט און זינגען ליעדלעך אקעגען דער זילבערנער לבנה, מוז ער נעבאך זיצען אין דער היים און אויסהערען אט די אלע מעשיות מיט די רעד פונ׳ם פאטער, וואס האבען זיך איהם שוין אזוי צו־געגעסען! ער איז פשוט געפענטעט אין קייטען; ער איז אין גע־פענגעניש; מע האט איהם פערשפארט, מע האלט איהם אין אפ־טראג; מע לאזט איהם ניט ארויס אויף דער ליכטיגער שיין. וואס האט מען נעבאך צו איהם און צו זיינע יונגע יאהר און טעג? פאר וואס קאן ער ניט געניסען פון דער זיסער יוגענד, גלייך מיט אט די אלע יונגע מענשען? פאר וואס איז פאר איהם אלץ פערשלאָ־סען, אלץ בעהאלטען, אלץ פערבאטען? אלע מעגען, נאר ער, מאר־קוס, טאר ניט; ער דארף דא זיצען און פערשווארצט ווערען — ביז וואנען? ביז ווי לאנג נאך?

מיט אזעלכע שווארצע געדאנקען זיצט נעבאך אונזער יונגער העלד, אנגעשפארט דעם שענעם קאפ אויף די ווייסע הענד, און סענדער דערצעהלט זעהר א שענע געשיכטע, ווי אזוי א שותף האט איהם אריינגעפיהרט אין א געשעפט אריין, ווי אזוי ער האט איהם געוואלט „אפקאכען", ווי אזוי זיי זענען ביידע געקומען צום פריץ, ווי אזוי דער פריץ האט איהם געבעטען זיצען, ווי אזוי דער שותף האט זיך אריינגעהאפט צו איהם אין די הענד אריין, ווי אזוי דער פריץ האט זיך מיט איהם אפגערעכענט און האט איהם געזאגט: „עי, מאשקא! יאק סיעמאש, פאן מאשקא?" חא־חא־חא! — סענדער לאכט, און זיין פעט לייב טרייסעלט זיך פאר געלעכטער. מרים־חיה לאזט ניט אראפ קיין אויג פון איהר טייערען זוהן, וואס איז נעבאך שוין פון א צייט אזוי בלאס, אזוי אומעטיג; ער עסט ניט, ער טרינקט ניט — וואס איז „דעם קינד"?

— וואס איז דיר, מארקעל? וואס טהוט דיר וועה, מיין קינד? — אזוי זאגט איהם די געטרייע מוטער פאר׳ן שלאף, קוקט איהם אין די אויגען אריין און נעמט איהם אן ביי דער האנד, און טרערען קלויבען זיך איהר אויף די אויגען.

— אַי, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! גאָרניט! גאָרניט! — מאַר־קוס שלעפּט אַרוים זיין האַנד פון איהרע הענד, און מרים־חיה געהט־אַוועק מיט אַ טיעפען זיפץ פונ'ם האַרצען.

איך פרעג אייך: ביי אַט אַזעלכע פערשיעדענע אומשטענדען, וואָס איז דער חדוש, אַז יעדען צופאַל, וועלכער זאָל קאָנען אונזער פיינעם העלד אויסלייזען פון זיין טרויעריגער לאַגע, וואָלט ער בע־געגענט מיט פרייד? וואָס איז דאָ צו וואונדערען זיך, וואָס מאַר־קוס האָט גלייך מיט אַלע אונזערע בעקאַנטע ביי סענדער'ען אין הויז אַרויסגעקוקט אויף דעם דאָזיגען צופאַל, וואָס קיינער פון זיי האָט אויך ניט אַרויסגערעדט און וואָס יעדער בעזונדער האָט גע־טראַכט ביי זיך טיעף־טיעף אין האַרצען?...

ליעבער לעזער, טייערער פריינד! ווער דו ביזט דאָרטען און וואָס דו ביזט דאָרטען — געב מיר אהער דיין האַנד און לאָמיר זיךביידע ווינשען, אַז עס וועט קומען אַמאָל די צייט, ווען מיר וועלען זיך דאַרפען אָפּגעזעגענען מיט'ן דאָזיגען נאַרישען וועלטעל, זאָל אונז גאָט שומר ומציל זיין פון אַזאַ טרויעריגער לאַגע, וואו אונזער געעהרטער סענדער בלאַנק האָט זיך געפונען אין דער צייט, ווען זיין פיינע משפחה האָט זיך צענויפגעפאָהרען צו איהם „מבקר חולה זיין"...

דאָס פינפטע קאַפּיטעל.

סענדער'ס משפחה פאָהרט זיך צענויף ביסלעכוויין.

מיר האָבען איבערגעלאָזט סענדער בלאַנק אין קאַבינעט נאָך דעם גרויסאַרטיגען אָנבייסען. סענדער האָט זיך געפיהלט עפּיס ניט אין בעסטען; אַ שרעקליך שניידעניש איז אויף איהם אָנגעפאַלען, און אַ גאַנצע מלחמה האָט זיך אויפגעהויבען אין זיין בויך.

— שלעכט! שלעכט! — האָט ער געזאָגט צו מרים־חיה'ן. — ס'איז מיר שלעכט, זעהר שלעכט!

— וואָס זשע איז דיר אזעלכעס? גאָט איז מיט דיר, סענדער!

— איך ווייס ניט. אָט דאָ איז ביי מיר איין אומגליק! — און סענדער האָט אָנגעוויזען מיטביידע הענד אויפ'ן בויך. ראשית חכמה, האָט מרים־חיה געשיקט רופען דעם דאָקטאָר. הגם סענ־דער גלויבט ניט אין קיין דאָקטאָר און זאָגט, אז די גאַנצע „שפּיעל" (די מעדיצין) איז נאָר אַ שאַנטאַזש, אַ „פּאָקוס" אויף צו נאַרען געלד, פון דעסטוועגען לאָז איהם וועה טהון אַ פינגער — שיקט ער באַלד צום דאָקטאָר. פאַרהאַן אַ סך אַזעלכע צווישען אונזערע אי־דען, וואָס האָבען עפּיס קיין „אמונה" ניט אין דער מעדיצין, האָטש (די מעדיצין) איז נאָר אַ שאַנטאַזש, אַ „פּאָקוס" אויף צו נאַרען אויף דער וועלט, און ער מעג יאָ גלויבען און ניט גלויבען — אַלץ איינס!

אונזער געהערטער סענדער האָט זיך געהאַט זיין דאָקטאָר, דעם דאָקטאָר קלוגער, און מיט איהם האָט ער ליעב געהאַט אין אַ פרייער צייט אַריינצושמועסען מכח „דאָקטאָריע". דער דאָקטאָר האָט לאַנג געקנעלט, ביז ער האָט איהם איינגעבילדעט, אַז פּונקט אַזוי ווי ער קאָן שטאַרבען פון אַ שלאָפקייט, אַזוי קאָן מען זיך געזעגענען מיט'ן לעבען געזונדערהייד. דער דאָזיגער כלל איז סוף־כל־סוף איהם אַריין אין קאָפּ, און פון יענער צייט אָן האָט ער געפיהלט, אַז זיין לעבען הענגט אויף אַ האָר, האָטש אפילו ער איז געזונד און שטאַרק אויף אַלע אברים. דעריבער האָט ער זיך געריכט טאָג אויף טאָג און האָט זיך שוין לאַנג צוגעגרייט אַ צואה, אויסגערע־כענט ביז דער לעצטער פּרוטה (דאָס איז ביי איהם געוועזען בסוד), און יעדער טאָג איז ביי איהם געוועזען אַ געשענקטער, און דעריבער טאָקי פלעגט ער זיך אָנטהון כל התענוגים אויף דער וועלט: גוט עסען, רעכט טרינקען, אויסרוהען די ביינער, גענוג אויסלאַכען זיך אויף „די היינטיגע", „די קבצנים", אָפּגעבען גאָט זיינס, דאָס הייסט, דאַווענען אַלע טאָג, אַמאָל, אַז עס איז געוועזען צייט, אָפּ־זאָגען אַ צוויי־דריי קאַפּיטלעך תהלים, און אַמאָל שענקען אַ נדבה (זעלטען, זעהר זעלטען). אַך! ווען יעדער פון אונז זאָל האָבען

בכח, אזוי ווי מיין העלד, מקיים זיין אלע חובות, וואס ליגען אויף אונז, און דערצו נאך אזוי בערוהט אפלעבען זיך דאס וועלטעל — אך, ווי גרינג וואלט אונז געווען צו געהן פון דער וועלט! ווי אנגענעהם וואלט ביי אונז געווען דער טוידט! בערעכענט זיך אליין: איך עס מיר אפ אנבייסען, פעררויכער מיר א געשמאקע ציגאר, טרינק מיר אוים א גוט גלאז ביער, זאג מיר אפ א פאר קאפיטלעך תהילים, שענק מיר איין ארעמאן א צוויי גראשען, איך נעם מיר דעם טינט־און־פען און מאך מיר א חשבון: דעם זוהן אזוי פיעל, דער טאכטער אזוי פיעל, עטליכע קערבלעך אויף דער שוהל, א פאר רובעל אויפ'ן מרחץ, להבדיל, עטליכע גריוונעס אויף צעטיילען די תלמוד־תורה־יונגלעך פאר דער מטה, אז זיי זאלען פון מיין כבוד וועגען שרייען: „צדק לפניו יהלך!" נאכדעם זאג איך מיר אפ גאנץ בערוהיגט ווידוי מיט א גלאטען לונג־און־לעבער און מיט א ריינעם סאוועסט, איך לעג מיך צו, פערמאך מיר איין אויג, דאס אנדערע אויג — און ווער אנשלאפען... און אויף מארגען ווידער א מאל דאס אייגענע... אז דער דאקטאר איז געקומען צו סענדער'ען, האט ער איהם געפונען זעהר אין א טרויעריגער לאגע.

די ערשטע פראגע, וואס סענדער האט פארגעלעגט דעם דאקטאר, איז געווען:

— איז מיין שלאפקייט ניט געפעהרליך, און צי וועל איך נאך קאנען געזעגענען זיך מיט מיינע קינדער?

— ווען איהר זאלט זיין אזוי געפעהרליך, — האט איהם דער דאקטאר קלוגער גאנץ ערנסט געענטפערט — וואלט איך איצט ניט געהאט דאס גליק מיט אייך צו רעדען; נאר נאך די קינדער שיקט וואס צום גיכסטען. טהוט־אפ אייערס, וועט איהר זיין רוהיג, א טראפ א משא!

טוידט ווי די וואנד איז סענדער געווארען, אז ער האט דערהערט דעם דאקטאר'ס רעזאלוציע. און ער האט אנגעהויבען צו ציטערען, צאפלען מיט אלע אברים: „אוי, מיין סוף! אוי, מיין עק! אט דאס איז שוין מיין עק! אט דאס איז מיין עק!"...

— זאָגט מיר, דאָקטאָר, דעם אמת, דעם ריינעם, לויטערן אמת: צי קאָן איך האָבן אַ שטיקעל האָפענונג? איך בין ערשט אַלט דריי און פופציג יאָהר! מיין פאָטער האָט געלעבט פיער און אַכציג יאָהר, מיין מוטער — זעכס און נייענציג יאָהר, און מיין זיידע, זאָגט מען, האָט אָפּגעלעבט מעהר אַלס הונדערט יאָהר; פאַר וואָס זשע קומט עס מיר, איך זאָל אַזוי גיך?...

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך סענדער צעוויינט, ווי אַ קליין קינד. מרים-חיה האָט גע'חלש'ט, און מאַרקוס, וואָס האָט געהאַט זעהר אַ גוט ווייך האַרץ, האָט זיך געווישט די נאַסע אויגען.

און דער דאָקטאָר קלוגער האָט צענומען די הענד, אויסגעצויגען דעם קאָפּ און געמאַכט אַזאַ מינע, פונקט ווי דער רייזענדער מאַכט, בשעת עס ברעכט זיך איבער איין אַקס און דער וואָגען טהוט אַ טראַסק אין דער ערד אַריין.

די דאָזיגע מימיקע האָט אויף אונזער סענדער'ען געווירקט שרעקליך: עס האָט זיך איהם דייטליך פאָרגעשטעלט, ווי זיין אינגעניגסטע „מאַשינעריע", די „געדערים", האָבען פלוצים געלאָפּנעט, און צוהערענדיג זיך צום בויך, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דער מאָגען האָט זיך איהם ווירקליך אַנידערגעשטעלט אויף אייביג. דאָך האָט ער זיך געשעמט אַ פרעג טהון דעם דאָקטאָר און האָט איהם נאַר געבעטען, ער זאָל איהם נאָך אַ מאָל גוט בעטראַכטען. דער דאָקטאָר קלוגער איז מרוצה געוואָרען צו בעטראַכטען דעם חולה נאָך אַ מאָל און האָט זיך צוגעלעגט מיט'ן אויהער צום קראַנקען'ס בויך. בעטראַכטענדיג איהם, האָט דער דאָקטאָר ניט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס פונ'ם מויל, נאַר גלאַט אַזוי געקנייטשט מיט די פּלייצעס, געדרעהט מיט'ן קאָפּ, געסמאַרעט מיט דער נאָז, לאַנג-לאַנג געטראַכט, געקוקט דעם חולה אין די אויגען אַריין, געזיפצט, וויטער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געקנייטשט מיט די פּלייצעס און אַזוי ווייטער. סענדער בלאַנק האָט דאָס אַלץ גוט בעמערקט, און טראָפּענס שוייס, קאַלטער שוויס, האָבען אַרויסגעטראָטען אויף זיין פּנים. נאָכדעם האָט זיך דער דאָקטאָר אויס-

געחאַפּט, אויסגעשנייצט די נאָז שטאַרק־שטאַרק און האָט אַזוי געזאָגט:

— מיין ליעבער הערר בלאַנק! איהר ווייסט, אַז איך בין אייך אַ גוטער פריינד. איך וועל טהון אַלע מיטלען. נאָר איהר וועט מיך פאָלגען, צי ניין? רופט נאָך אַ דאָקטאָר, וועלען מיר מאַכען אַ קאָנסיליום. ביי אונז אין דער מעדיצין איז דאָ אַ גלייך וואָרט: איין קאָפּ איז גוט, צוויי איז נאָך בעסער... — מיט די דאָזיגע ווערטער האָט ער זיך אָפּגעזעגענט מיט'ן חולה און מיט אַלע אַנדערע און איז געשווינד אַרויסגעגאַנגען פון קאַבינעט. אַראָפּגעלאָפען פון די טרעפּ און געקומען אַראָפּ, האָט ער געטראָפען פרויקע'ן מיט זיין פּאַלטאָ אין די הענד. אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן דאָקטאָר דעם ראָק, האָט זיך פרויקע ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט אַ פרעג געטהאָן דעם דאָקטאָר: „וואָס הערט זיך מיט'ן בעל־הבית?“ האָט איהם דער דאָקטאָר קלוגער געענטפערט מיט אַ זיס שמייכעלע אויף לאַטיין (דער דאָקטאָר קלוגער איז זעהר אַ פּשוט'ער ביי זיך, זעהר אַ ליעבענסווירדיגער מענש און איז מיט יעדען אַ גוטער ברודער):

— נישקשה, אַביסעלע גאַרגולעס, אַביסעלע פלעריז קסוחאַטי־ווֹאַ, נאָר סע וועט זיין רעכט: דער דאָקטאָר קלוגער שלאָפט ניט!...

— דער רוח ווייסט איהם, וואו ער נעמט אַזעלכע טערקישע ווערטער! — האָט פרויקע געזאָגט צו זיך אַליין און פערשלאָסען די טיר.

מיר ווייסען וואָהל פאַר קלאָר, אַז פרויקע האָט זיך גאָרניט אָנגעקעהרט מיט די בלאַנקס; נאָר מחמת ער דיענט שוין דאָ אַ יאָהר זיעבען־אַכט, דערפאַר האַלט ער זיך מיט זיי שטאַרק היימיש, גאָהענט, כמעט ווי אַ וויטער קרוב. און דעריבער האָט זיך פרויקע פערעכענט ביי זיך, אַז על־פּי יושר קומט איהם אויך אַ שטיקעל חלק פון סענדער בלאַנק'ס ירושה. ער איז געווען, נאָך זיין השגה נאָך, זעהר גערעכט: האָרעווען האָט ער געהאָרעוועט, ווי איין אייזעל, און אין דער גאַנצער צייט פון זיין געטרייער דיענסט האָט

ער נאָך ניט געזעהען פון זיין בעל־הבית קיין מתנה אפילו פאר א צווייער, און חוץ לזה האָט נאָך סענדער געהאַט א טבע אָפּנעמען חשבון ביי פרויקע'ן פונ'ם מארק ביז דער לעצטער קאָפּיקע! מיט זיין גאַנצען לעבען איז פרויקע געווען איבערגעגעבען דעם בעל־הבית, און פון זיינעטוועגען וואָלט ער געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער, און דעריבער האָט פרויקע געשאַרפט די צייהן אויף דריי טויזענד זילבערנע לעפעל, א גרויסען זילבערנעם הדס, א גוטען בורשטינענעם, אין גאָלד געפאַסט, ציגאַרען־שפּיץ, וואָס נאָך זיין רעכענונג נאָך האָט ער בעדאַרפט ווערטה זיין, צום ווענינסטען, פינף און דרייסיג רובעל, א טויז געפּרעסטע העמדער, מיט נאָך אזעלכע קליינינקייטען, וואָס די יורשים וואָלטען זיך ביי'ם טראַסק ניט ארומגעקוקט. און איבערהויפּט איז פרויקע געווען אנטציקט פון סענדער'ס גילדענעם זייגער מיט דער מאַסיווער גילדענער קייט; דאָס דאָזיגע קייטעל האָט סענדער בלאַנק אליין געלאָזט מאַכען אין דער פאַבריק, און דעריבער איז דאָס געווען אזוי מאַסיוו. פרויקע פלעגט ניט איין מאָל האַלטען דאָס קייטעל מיט'ן זייגער, אָנמעסטען זיי אויף זיך, קוקען אין שפּיעגעל אריין און אָנקוועלען פון זיך. נאָר פרויקע איז ניט געווען קיין גנב; חלילה! גאָלד האָט געמעגט ליגען פאר זיינע אויגען, וואָלט ער ניט געטשעפּעט. „נאָר נאָך דעם בעל־הבית'ס טוידט, — האָט ביי זיך פרויקע גע'פּועל'ט — ווען אלע וועלען נעמען, וועל איך אויך נעמען: ווער וועט זיך ארומקוקען אויף דיעם עלענדען פרויקע'ן?“ און איצט, אז פרויקע האָט דערזעהען, ווי זיין בעל־הבית פּאַכט מיט דער נשמה, האָט אין איהם אָנגעהויבען קלאַפּען דאָס הארץ פאר שרעק, און זיצענדיג אונטען אויפ'ן בענקעל און וואַרטענדיג, אז אָט־אָט וועט מען איהם שיקען נאָך דער „חברה־קדישא“, האָט זיך פרויקע דערווייל געמאַכט א צעטעל, וואָס ער דאַרף, און אז עס איז געקומען צום זייגער מיט דער קייט, האָט ער זיך געטראַכט, וואָס זאָל ער טהון מיט זיי: צי זאָל ער זיי פערקויפען, צי זאָל ער נעמען זיך דעם זייגער און דאָס קייטעל אוועקשענקען בליומקע'ן (זיין כלה), צו

אפשר זאָל ער גאָר איבערמאַכען דאָס קייטעל אויף אויהערינגלעך מיט אַ בראָש פון בליומקע'ס וועגען ?...

— דזין! דזין! דזין! — האָט דאָס גלעקעל זיך געלאָזט הערען פון אויבען. פייל אוים דעם בויגען האָט זיך פרויקע געלאָזט לויפען אַרויף און אין עטליכע מינוט אַרום איז ער אַראָפּגעלאָפען מיט צוויי דעפּעשען, וואָס מע האָט איהם געגעבען אַוועקצושיקען עקספּרעס צו די קינדער און מע האָט איהם צעהן מאָל אָנגעזאָגט: „ער זאָל לויפען גיך, אויף איין פוס!“ פון דעסטוועגען האָט זיך פרויקע ערלויבט צו צוזעצען זיך אויף אַ רגע'לע, זעהען, וואָס שטעהט דאָ אין די דעפּעשען.

צום כבוד פונ'ם דאָזיגען געטרייען דיענער מוזען מיר בעמערקען, אַז אין די פינף יאָהר, וואָס פערשיעדענע לעהרערס האָבען פערבראַכט ביי די בלאַנקס אין הויז, האָט זיך פרויקע צוגעלערענט אַביסעל רוסיש לייענען און שרייבען. מע קאָן ניט זאָגען, אַז פרויקע האָט זעהר טייערע פעהיגקייטען צום לערנען; דערפאַר האָט אָבער מאַרקוס אַליין גענוג געקנעלט מיט איהם, ביז ער האָט דערלעבט, אַז פרויקע קען שוין האַלב טראָף (סקלאַדעס) און חתמ'ענען זיך אויף רוסיש: „פרויקע קראָקמאַן“, אַזוי אַז עס איז אויסגעקומען גאָר: „מאַנפרויקערקאָקער“. נאָר צום רעכענען האָט פרויקע געהאַט אַ זעלטענעם קאָפּ, און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ מאַטהעמאַטיקער פון איהם וואָלט אַרוים, ווען זיין פאָטער, קאָפּעל קראָקמאַן, זאָל ניט געווען זיין קיין קוימענקעהרער און זאָל ניט געווען פון בראָנפען שטאַרבען און פאַר דעם טוידט אָפּגעבען פרויקע'ן צו אַ קאָוואַל, און דער קאָוואַל זאָל איהם ניט געווען שלאָגען אַלע טאָג ווי אַ הונד, און פרויקע זאָל ניט געווען אָנקומען פריהער צו זיין אַ הויף־משרת און נאָכדעם אַ לאָקיי ביי סענדער בלאַנק. די גרעסטע „זאַדאַטשע“ האָט פרויקע געקאָנט אויסרעכענען אויפ'ן קאָפּ, אַזוי אַז דער בעל הבית פלעגט ניט איין מאָל נבהל ונשתומם ווערען.

בכן, האָט אונזער געבילדעטער משרת צוגעטראָגען די דעפּע־שען צום פענסטער און איז אָפּגעשטאַנען איבער זיי קרוב צו אַ האַלבער שעה, ביז ער האָט יאַקאַש צענויפגעלעגט.

— בוקי... אָן... על... יע... נאַש — באַליען... שלאַף! אָן... פּאַקאַי... אַז... סלאָווא... נאַש... אָן — אָפּאַסנאָ... זעהר געפעהר־ליך! אָפּאַסנע! דאָס הייסט, אַט שטאַרבט ער. אהא?...

און פּרויקע'ס געדאַנקען האָבען זיך ווייטער איינגעפלאָנטעט אין דעם גילדענעם זייגער מיט דער שווערער קייט... אויף דעם טע־לעגראַף האָט פּרויקע פריהער געוויזען די דעפּעשען עפּיס אַ רויטען אידען, ער זאָל זיך מטריח זיין איבערלייענען און געבען איהם צו פערשטעהן, וואָס שטעהט דאָרטען.

„אַך, ווען מע זאָל מיך געווען לערנען אין די יונגע יאָהרען!" — האָט זיך פּרויקע געטראַכט, אראָפּגעלאָזט טיעף אין דער אונטער־שטער קעשעני די צוויי רובעל מיט די פערציג קאָפּיקעס אויס־גאַב, אזוי, אַז זיי זאָלען טאַקי ביי איהם בלייבען, מחמת ווער וועט זיך היינט ארומקוקען, צי עס איז דאָ אויסגאַב, צי ניין? נאָר ווי איבערראַשט איז ער געווען, אַז ארייננעקומען צו רב סענדער'ען אין קאַבינעט, האָט איהם זיין געפעהרליכער פּרינציפּאַל באַלד אַ חאַפּ געטהאָן:

— אויסגאַב, פּרויקע! צוויי מיט פערציג!...

„ער האָט שוין אפילו אויסגערעכענט, דער אַלטער גאַנאַמ־ניק!" — האָט פּרויקע געטראַכט און האָט במחילת כבודו אויסגע־לעגט אויפ'ן טיש די צוויי רובעל מיט די פערציג קאָפּיקעס און איז מיט אַ ביטער הארץ אוועק אין זיין רוה אריין.

באַלד אויפ'ן אנדערען טאָג איז געקומען סענדער'ס עלטערער זוהן, חיים בלאַנק, מיט זיין ווייב סאָני און מיט צוויי קליינע קינ־דער: פּאַני — אַ מיידעל פון אַ יאָהר אכט, און מאַני — אַ קליי־ניטשקע פון זעכס יאָהר.

ווי אַזוי סענדער׳ען איז געגאַנגען אין זיינע געשעפטען גוט, אַזוי איז זיינע קינדער געגאַנגען שלעכט. אַז חיים איז אַראָפּ פון קעסט, האָט ער געהאַט זיינע עטליכע טויזענד רובל.

— געדענק, חיים, — האָט איהם דער פאָטער געזאָגט — אַז איך האָב פון מיין צד געגוג יוצא געווען: דיך אויסגעהאָדעוועט, התונה געמאַכט, געגעבען נדן, געהאַלטען פינף יאָהר אויף קעסט אויך — און וואָס נאָך? האָסט צו מיר כלל וכלל ניט! מיט מיר קעהרסט דו זיך שוין היינט ווינציג־וואָס אָן: איך האָב נאָך קינ־דער; איך האַלט אַ טאָכטער אויף קעסט און דאַרף חתונה מאַכען אַ זוהן. פאָהר דיר געזונטערהייד און זיי מצליח! אַז דו וועסט זיך שאַנעווען, וועסט דו האָבען געלט און סע וועט דיר זיין גוט, אם ירצה שם. זעה, היט־אָפּ אַ קערבעל, וועסט דו זיין אַ מענטש!...

אַז חיים איז געבליבען אָהן געלד, האָט ער צום פאָטער ניט געוואָלט שרייבען: ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז עס וועט זיין אומזיסט. נאָר אַז מע האָט שוין אַלסדינג אויסגעפערקויפט פון שטוב, און די קינדער האָבען געבעטען ברויט און עס איז ניט גע־ווען, האָט זיך חיים געזעצט און האָט אָנגעשריבען אַזאַ מין בריעף:

„לכבוד אהובי אָבי היקר הגביר המפורסם החכם ומופלג כש״ת מוהר״ר סענדער נ״י.

„שוין מעהר אַז צוויי יאָהר, זינט איך בין געבליבען אָהן אַ קאָפּיקע, האָב איך דיר דען אפילו מזכיר געווען, זעהסט דו דאָך אַליין, אַז מסתמא האָב איך שוין קיין געלד ניט... וואָס רעד איך? די קינדער און מיין ווייב און איך שטאַרבען פאַר הונגער... איך בין דאָ אַ פרעמדער... על כן, אהובי אָבי! פערשטעהסט דו שוין... ניטאָ וואָס צו רעדען... אַזעלכע צוויי קינדער, ווי איך האָב, דאַכט מיר... און מיין ווייב איז דוקא ניט קיין אויסברענגערין, ווי אַנ־דערע... און איך ווייס? פערקעהרט, מיט אַלע מעגליכקייטען... ווען ניט אָט דער פייפערמאַן, אָט דער גזלן... ער האָט ביי מיר אויסגע־נאַרט דריי טויזענד רובעל... מזומנ׳ע דריי טויזענד קאַרבען!... קיין אַנדערע געשעפטען איז דאָ ניטאָ... אפשר דאָרט, אין דיין

שטאָדט, וואו מע קען מיך, מע ווייסט ווער איך בין... מע זאָגט, אַז יעקב־משה צוקערשטיין האָט געוואונען צעהן טויזענד רובל... גריס לאמי ח' היקרה מרת מרים־חיה, לאחותי היקרה מרת רבקה עם בעלה היקר מו"ה יוסף זעמעל מיט זייערע קינדער... ווי געהט עס זיי היינט? גריס לאחי המשכיל החכם מוהר"ר מאַרקוס שיחיה. זייט געזונד און פיל גליקליך, ווי עס ווינשט אייך

דיין זוהן חיים בלאַנק.

„גם איך האָב דיר פערגעסען מודיע זיין, אַז זוגתי מרת סאָני שתחיה איז איצטער ניט בקו הבריאה, און מיין קלענערע טאָכטער מאַניטשקע פּאָקט.

חיים הנ"ל".

פון טאָג אויף טאָג איז חיים געגאַנגען אויף דער פּאָסט, און ערשט אין צוויי וואָכען אַרום איז אָנגעקומען אַ בריעף.

— אַ בריעף, סאָני, אַ בריעף פון דער היים!

סאָני איז שוין געזונד געוואָרען און האָט זיך קוים אַרומגע־שלעפּט איבער דער שטוב, נאָר דאָס קינד איז נאָך אַלץ געווען שלאַף. מיט גרויס ציטערניש האָבען זיי זיך געזעצט לייענען דעם לאַנג־ערוואַרטעטען בריעף:

„לבני היקר הרבני מוהר"ר חיים נ"י ע"ש זוגתו היקרה מרת סאָנע תחי' עכב"ב.

„ראשית מודיעכם, אַז מיר זענען אַלע ברוך השם אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון אייך צו הערען ניט ערגער. אָמן! והשנית, פערשטעה איך ניט, וואָס האָסט דו געהאַט צו מיר, בני היקר, וואָס זאָלסט מיר אָנטהון אַזעלכע יסורים, און מיר אַלע זאָלען האָבען איבער אייך אַ פערשטעהרטען יום־טוב? לאָז מען פרעגען ביי דער וועלט, צי האָב איך ניט יוצא געווען אָקעגען דיר. ווי דער בעסטער פאָטער? על כן, בני היקר, בעט איך דיך, זאָלסט מיר ניט מקצר ימים זיין און ניט שרייבען מיר אַזעלכע בריעף, וואָס זיי זענען מיר ניט לרצון. און אָהער האָסט דו ניט וואָס צו פּאָה־רען, מחמת אָהן געלד קריגט מען אין ערגיץ קיין געשעפטען ניט

היינטיגע יאָהרען, און אַזעלכע פּייפּערמאַנס, וואָס נאַרען־אויס געלד, זענען דאָ אומעדום אויף דער גאַנצער וועלט. וואָס זאָל מען טהון? שווערע יאָהרען היינט! פון דעסטוועגען, אַז מע איז אַ מענש, קומט מען ניט דערצו, אַז מע זאָל בלייבען ווי אויפ׳ן וואַסער. דיין שוואָגער מוהר"ר יוסף זעמעל האָט היינט דאָס גרעסטע געשעפט, און מע זאָגט, אַז ער פערדיענט גרודעס מיט געלד. איך זיץ שוין היער מעהר פון דרייסיג יאָהר, האָט זיך מיר נאָך איין מאָל ניט געמאַכט אַזאַ גליקליך געשעפט, ווי חתני מוהר"ר יוסף נ"י האָט בעקומען דאָרט אין זיין שטאָדט; עס איז אַ סברה, אַז ער קויפט זיך אַ דירה פאַר צוואַנציג טויזענד רובל, — לאָז איהם גאָט העלפען; איך פערגין איהם מיט׳ן גאַנצען האַרצען. היינט געהט מיר אַ נייע סדרה: מע דאַרף אַ שידוך טהון מיט מאַרקוס׳ען און געבען איהם אַ דרייסיג טויזענד רובעל נדן און אַ קוויטאַנציע פאַר אַ זעכס טויזענד רובל. היינט הלבשה און חתונה־הוצאות! איך האָב צורעכט געמאַכט מיין הויז, קאָסט מיך בלא גוזמא צעהן טויזענד רובעל! היינט איז ביי מיר געווען בתי מרת רבקה תחיה צו גאַסט מיט׳ן קינד (אַ זעלטען קינד!), האָט מען איהר געמוזט שענקען ת"ק קערבלעך אַ מתנה! פון וואַנען זאָל זיך דאָס נעמען אַלעס? גרים לזוגתך מיט די קינדערלעך.

פון מיר אָביך ס ע נ ד ע ר ב ל א נ ק".

נאָך אַ יאָהר — אַ שווער יאָהר! — האָט זיך חיים אָפּגעמוטשעט, ביז ער האָט זיך געקריגען ענדליך אַ שטעלע מיט פופציג רובעל אַ חודש געהאַלט, און אין אַ יאָהר אַרום האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז חיים איז איין אָרענטליכער מאַן און איז אַ געטרייער מענש, האָט מען איהם מוסיף געווען נאָך פופציג רובעל. דערפאַר האָט ער אָבער געהאָרעוועט און איז געווען אינגאַנצען פערקויפט דעם פּרינציפּאַל און האָט פערבראַכט גאַנצע טעג מיט נעכט אין וואַלד (דאָס איז געווען זיין שטעלע).

אין דער דאָזיגער לאַגע איז ער געווען, ווען ער האָט פּלוצים דערהאַלטען די עקסטרע־טעלעגראַמע פונ׳ם פאָטער, וואָס רופט איהם

אַרוים. ער זאָל תיכף ומיד קומען מיט די קינדער. חיים האָט ניט גע־קאָנט װאַרפֿען דעם װאָלד אַפּילו אויף צװיי טאָג; נאָר עס איז אַ תירוץ, אַז דער פֿאָטער איז געפֿערליך שלאַף און רופֿט, מע זאָל קומען?

אַז חיים איז אַריינגעקומען צום פֿאָטער אין קאַבינעט אַריין, איז ער איהם געפֿאַלען אויפ'ן האַלז, און אויף סענדער'ס אויגען האָבען זיך בעוויזען טרערען. ער האָט צוגערופֿען צו זיך די שנור, געפֿרעגט „וואָס מאַכסט דו?" און האָט אויסגעצויגען די לינקע האַנד די צוויי אייניקלעך, אַז זיי זאָלען אַ קוש געבען דעם קראַנקען זיידען; דערפֿאַר האָט ער זיי אַ קניפּ געטהאָן אין בעקעל און גע־הייסען זיי געהן זיך שפּיעלען. די קינדער זענען מיט גרויס פֿער־געניגען אַרויסגעלאָפֿען זיך שפּיעלען און דערוויל בעטראַכטען דעם זיידענ'ס גרויסען הויף מיט'ן שענעם גאָרטען. אונטען האָט זיי פֿרויקע איבערגענומען, געשענקט צו מאַרמעלאַדען און האָט זיך גע־נומען אויספֿרעגען ביי זיי: ווי רופֿט מען זיי? וויפֿיעל זענען זיי אַלט? וואָס טהוט זייער פֿאָטער אין דער היים? וואָס טהוט די מוטער? צי האָבען זיי אויך אַזאַ גרויסע שטוב, ווי דער זיידע? צי קאָנען זיי שוין לייענען, שרייבען? די עלטערע, פֿאַני, האָט איהם געזאָגט, אַז זי קאָן שוין גיך לייענען ניט נאָר געדרוקטע, אַפּילו געשריבענע אויך. פֿרויקע האָט זיך ניט געפֿוילט זי באַלד אויפ'ן אָרט אָפּעקזאַמענירען. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שטי־קעל פּאַפּיער פֿון דער קעשעני און האָט מיט אַ שטיפֿטעל אָנ־געצאַראַפּעט: „מאַנפּרויקערקאָקער". די קינדער האָבען אויסגע־שאָסען אַ געלעכטער און זענען מיט אַ קוויטש אַוועק אין גאָרטען אַריין, שרייענדיג: „מאַנפּרויקערקאָקער!!" אונזער גערי‏המטער פֿרויקע האָט דאָס געהערט, און פֿון יענער מינוט אָן האָט ער גע־טראָגען אַ שנאה אין הארצען אויף די דאָזיגע צוויי קינדער מיט זייערע עלטערען צוזאַמען.

חיים איז שפּעטער מיט צוויי שעה אַריינגעגאַנגען צו מאַר־פֿוס'ען אין קאַבינעט, וואו יענער האָט איהם בעוויזען אַלע זיינע אַנטיקלעך פֿון דער ביבליאָטהעק ביז די מינדסטע קלייניגקייטען.

אונזער יונגער העלד איז געווען אַזוי צופֿריערען, אַזוי גליקליך מיט'ן גאַסט, וואָס ער האָט זיך שוין אַזוי לאַנג מיט איהם נישט געזעהן, אַז ער האָט גאָר פֿערגעסען צו פֿרעגען חיים'ען, ווי געהט עס איהם. און חיים האָט פֿון זיין זייט אויך ניט געמאַכט פֿון זיך קיין רעדע און האָט די גאַנצע צייט, וואָס זיין יונגערער ברודער האָט געפּלאַפּעלט, קיין איינציג וואָרט ניט געזאָגט. און סאָני? סאָני איז געזעסען מיט מרים־חיה'ן אין אַ ווינקעלע און האָבען זיך שטילערהייד געשמועסט פֿון היימישע זאַכען: פֿון די דיענסטען די הולטייקעס, פֿון די קינדערשע מלבושים'לעך, ווי עס קאָסט יעדע זאַך געלד, פֿון דעם יקרות בכלל און פֿון היהנער, גענז, קאַטשקעס, אַז צו וואָס מע ריהרט זיך צו, הייסט מען זיך אָפּגילטען!

— אַנומעלט האָב איך מיר געהייסען ברענגען אייער — האָט מרים־חיה דערצעהלט דער שנור און זיי האָבען ביידע געפּלאַמט — ביי מיר איז שוין אַ מקח זיעבעציג קאָפּיקעס; סיידען ערב פּסח צאָהל איך אַ קערבעל, אַ קערבעל מיט פֿינף — אָבער נישט מעהר. איך צעהל־אָפּ די אייער... פֿינף שאָק האָב איך זיך געהייסען ברענגען, מחמת איך האָב געוואָלט אָפּבאַקען אַ טאָרט פֿון צעהן פֿונט. האָטש אפילו יענע וואָך האָב איך אָנגעבאַקען אַ פֿולע שאַפֿע מיט צוקערלעקאַך, און עס איז אין דריי טעג פֿאַרשוואונדען געוואָרען; איך זאָל זאָגען אויף דער אידינע — קאָן איך נים: ביי מיר איז היינט איין עהרליכע אידינע, איך זאָל האָבען אַזאַ יאָהר... שאַ! דו דאַרפֿסט זי קענען, זי איז ביי מיר געווען פֿאַר זעכס יאָהרען, זי הייסט זלאַטע...

— אוי! זלאַטע? שוויעגער, זלאַטע איז ביי אייך?

— יאָ, זלאַטע! זי האָט זיך שוין גע'גט מיט'ן מאַן און ווידער אַ מאָל חתונה געהאַט.

— וועמען האָט זי גענומען, שוויעגער?

— ווייס איך וועמען זלאַטע האָט גענומען! אַזאַ יאָהר זאָל ער האָבען! עפּים אַ שאַרלאַטאַן, איין אויסוואורף. ער איז כלומרשט אַ שניידער, אַ קורנאַסער שלים־מזל!...

— אפשר מרדכי צפורה'ס? איא איך טרעף, שוויעגער?
— יא, פון וואנען ווייסט דו, סאני?
— און וואו איז היינט צפורה? זי דיענט נעבאך?
— יא? אוודאי! שוין לאנג געשטארבען!
— אוי! צפורה איז געשטארבען?! וואס רעדט איהר, שוויע־בער?! אי־אי־אי!!!...

און גאט ווייסט, וואוהין די נעעהרטע דאמען וואלטען פער־קראכען אין זייער לאנגען שמועס, און צי זיי וואלטען זיך אמאל אומגעקעהרט צו די פינף שאק אייער, צי זיי וואלטען אזוי, שפרינ־גענדיג, ניט פערפאהרען העט־העט, אין די ווייטע לענדער אריין, — ווען פרויקע זאל ניט געוועזען פלוצים אריינגעהן און אנזאגען א נייע בשורה, אז דער הערר אסיף זעמעל מיט דער מאדאם און מיט'ן קינד, מיט נאך עפים איין אלטער אידינע, זענען געקומען צו פאהרען.

מיינע לעזער וואונדערען זיך, וואס אונזערע האכגעשעצטע דאמען האבען אין אזא צייט, ווען דער אלטער ליגט כמעט אויפ'ן טוידטען־בעט, נישט געפונען קיין אנדער זאך אויף צו שמועסען, נאר אייער מיט היהנער וכדומה?... שאט! איהר האט ניט וואס צו וואונדערען זיך: זיי זענען אומגעהרען אריינגעפאלען אין אזא אינטערעסאנטען שמועס מכח בעל־הבית'ישקייט, וואס עס קומען אריין אין דעם אי היהנער, אי אייער, אי פעטרעשקע, אי קובעבע מיט לאקריץ. דער מחבר פונ'ם דאזיגען בוך האט אליין געזעהען מיט זיינע אויגען, ווי א פראווינציאלע דאמע האט זיך צוגעגרייט אין טהעאטער, שען, פיין, ווי עס קעהר צו זיין; אפילו א בילעט גענומען אין דער ערשטער רייהה קרעסלעס פאר דריי רובעל מיט פופציג קאפיקעס. פלוצים, אין מיטען וועג, געהענדיג, דערזעהט זי, ווי א סאלדאט טראגט א ווייסען האהן אונטער'ן שיניעל און קוקט זיך עפים אלע מינוט ארום אויף אלע זייטען. דער מאדאם איז איינגעפאלען אין קאפ אריין א פרעג טהון דעם סאלדאט, עס קאן זיין אויף קאטאוועס:

— משטא טעביע זא פיעטוחא?

— דוואַרצאַט פּיאַט קאָפּעיעק סערעבראַמ'ס!

— וואָזמי דוואַרצאַט! — האָט איהם די דאַמע אויף געלעב־טער געענטפערט און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע'לע און האָט דערווייל געחאַפּט אַ קוק אויפ'ן האָהן.

— פּאַזשאַליטע דיענעך'ס! — האָט איהר דער יון געענטפערט אויף איין אמת. די דאַמע האָט לאַנג ניט געטראַכט און האָט זיך פּערקערעוועט צוריק אַהיים מיט'ן סאַלדאַט און מיט'ן האָהן.

ערשט צום דריטען אַקט, אַז איך האָב אַ קוק געטהאָן דורך מיין בינאָקל אַרויף, האָב איך דערזעהען, ווי מיין דאַמע פון'ם האָהן איז אַריינגעקומען אין טהעאַטער אַריין און דאָס פּנים האָט איהר צוויי מאָל אַזוי פיעל געשיינט, ווי פריהער.

געקומען אַהיים פון טהעאַטער, האָב איך זיך דערמאַנט, אַז מאָרגען איז ערב יום־כּפּור און מע דאַרף אַ ווייסען האָהן אויף כּפּרות...

„גליקליכער מאַן! — האָב איך זיך געטראַכט. — דו האָסט דאָס געטרייעסטע ווייב אויף דער וועלט!“...

דאָס זעכסטע קאַפּיטעל.

רעוועקאַ, איהר געשיכטע אין קורצען, און אַסיפ זעמעל מיט זיינע ירושות.

אַז די פאַמיליע זעמעל איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, איז די מאַדאַם רעוועקאַ זעמעל אַרויפגעפאַלען דער שטיפמאַמע און דער שוועגערין אויפ'ן האַלז אָהן ווערטער, און פון זיי איז זי מיט דעם אָנטהון מיט אַלעמען אַוועקגעפלויגען צום קראַנקען פאָטער אין קאַבינעט אַריין, און דער מאַן איהרער מיט די קינדער, מיט דער שוויגער און מיט דער שוועגערין זענען געבליבען דאָ. פאַר וואָס דער הערר אָסיפ זעמעל איז אויך ניט אַריינגעגאַנגען באַלד מבקר־חולה זיין דעם שווער — ווען מיר גיך געוואָהר ווערען; און דערווייל ווען מיר זיך בעגוצען מיט דער דאָזיגער געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט דעם הערר זעמעל.

ער איז אַלט אַכט און צוואַנציג יאָהר, און מע קאָן בשום אופן ניט וויסען, צי איז ער אַ שענער, צי אַ מיאוסער יונגערמאַן, ווייל די אויגען זענען פערשטעלט מיט אַשקאַלירענע ברילען, די האָר מיט דער געראַזירטער באָרד זענען אָפּגעפּארבט, אַנגעפּאָמאַדעט און לאָזען פון זיך אַ שרעקליכען אַראָמאַט. דער קאָלנער פון העמדעל איז אַזוי אָנגעקראָכמאַלעט, אַז דער הערר זעמעל קאָן זיך קיין ריהר ניט טהון מיט’ן קאָפּ און מוז זיך דרעהען מיט’ן גאַנצען קאָרפּוס פון זיין דינעם, לאַנגען שטאַלט. אויף זיין קלאָר־ווייסען קאַמזויל הענגען עטליכע קייטעלעך מיט מעדאַליאָנען, און אויף דריי פינגער — פּיער פערשיעדענע פינגערלעך מיט אַ גרויסען סיגנעט, און די שטיוועל סקריפּען ביי איהם אויף אַזאַ קול, אַז מע דאַרף אָפּטרעטען די שטוב. אונזער זעלטענער פּארשוין אָסיפּ זיצט ניט איין אויף איין אָרט, און אפילו ווען ער רעדט מיט עמיצען, האָט ער אויך ליעב אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק און קוועטשען די סקריפּקעס פון די שרייענדיגע שטיוועל, האַלטענדיג די הענד אין די קעשענים. מיר האָבען שיער ניט פערגעסען בעמערקען, אַז אין דעם טייערען האַלזטוך ביי איהם שטעקט אַ גילדענע שפּילקע מיט אַ קעפּעל פון אַ חזיר, מיט זעהר שענע אָפּגעאַרבייטע הזיר’שע אויהערלעך, און אויף’ן קליינעם פינגער פון דער לינקער האַנד איז ביי איהם אַ לאַנגער, גאַנץ לאַנגער נאָגעל.

— וואָס זשע מאַכט איהר עפּיס, סאָפיא אַבראַמאָוונאַ? — האָט זיך אָסיפּ געווענדט צו זיין געעהרטער שוועגערין און האָט זיך צוגעזעצט צו איהר; מרים־חיה איז אַוועקגעגאַנגען מיט די קינדער אין זאַל אַריין. — שוין אַ לאַנגע צייט האָבען מיר זיך ניט געזעהען!

— יאַ, אָסיפּ מאָיסעיעוויטש, — האָט סאָני געענטפערט, בעטראַכטענדיג דעם געשעצטען שוואָגער, — שוין גאַנץ לאַנג! אַ סך וואַסערען זענען אָפּגעלאָפען פון יענער צייט. נענוג צרות האָבען מיר איבערגעטראָגען! ווי געהט דאָס עפּיס אייך אין אייערע געשעפטען? דער שוועהר האָט אונז אַמאָל געשריבען, אַז דאָס גליק

זאָגט אייך פּשוט נאָך. איך ווייס ניט, ווי אַזוי היינט? מע זאָגט עפּיס, אַז אייערע שותּפים האָבען אייך ניט שען באַהאַנדעלט, אַזוי ווי אונז... דער געוויסער מערדער פּייפּערמאַן...

— אָ, סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ! — האָט איהר אָסיפּ געענטפערט און האָט זיך אויפגעחאַפּט פון'ם בענקעל, ווי איין אָפּגעבריהטער, און האָט אָנגעהויבען אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב, סקריפּענדיג מיט די טייערע שטיוועל. — אָ, איהר ווייסט גאָר ניט, וואָס פאַר אַ שווינדלער עס איז דאָ אויף דער וועלט! זיי האָבען מיך געוואָלט אומגליקליך מאַכען אויף טויזענדער, אויף הונדערט טויזענדער, אויף מיליאָנען! טשעסטנאָיע סלאָוואָ! נאָר איך האָב זיך יאָקאָש אויסגעדרעהט פון זייערע הענט און האָב מציל געווען אַ גרויסען קאַפּיטאַל. און הגם דאָס געשעפט האָט זיך צוגעשטעלט אויף אַ קליינער צייט, פון דעסטוועגען שלאָף איך ניט און וועל מיט גאָט'ס הילף אויספיהרען מיינס. איך רעכען, אַז היינטיגס יאָהר זאָל מיר אומקעהרען דאָס, וואָס מיינע שותּפים האָבען ביי מיר צוגענומען... אַ חוץ האָט ביי מיר דאָס הויז, וואָס איך האָב געקויפט, צוגענומען גוטע פופציג טויזענד רובעל... דער גאָרטען אַליין קאָסט מיך אַ קאַסע געלט... דער גערטנער נעמט ביי מיר ת"ק קערבלעך אַ יאָהר. היינט וואו איז דער עקיפּאַזש מיט די פערד? וואו איז זייטיגע הוצאות? וואָס מיך קאָסט אָפּ אַ יאָהר אונטערהאַלטען קרובים און פרעמדע, וואָלט מען זיך, איך ווייס?... טשעסטנאָיע סלאָוואָ!

— נו, אין קאָרטען שפּיעלט איהר היינט אויך? — האָט איהם סאָני געפרעגט מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די ליפּען.

— חס ושלום! — האָט איהר אָסיפּ געענטפערט מיט אַ גע־פיהל פון אַ מענשען, וועלכען מע בעלעדיגט אומזיסט. — לאָז מיך גאָט היטען! סיידען אַמאָל אין אַ פרייהער צייט, אין אַ לאַנגער ווינטער־נאַכט, אַז סע איז ניטאָ וואָס צו טהון, זעצט מען זיך אַמאָל צום „גרינעם טישעל“. אי דאָס, דאַרפט איהר געדענקען, אַז איך פאַרשפּיעל קיין מאָל ניט; פאַרקעהרט, איך געווין שטענדיג,

טשעסטנאָיע סלאָוואָ! (דאָ האָט זיך אָסיפּ צוגעשטעלט און האָט זיך צעלאַכט, בעוויזען זיינע שוואַרצע ציינער). אַט דאָ ניט לאַנג געפאָהרען פון אַדעס, האָב איך זיך בעקענט מיט אַ יונגענמאַן אין וואַגאָן ערשטער קלאַס. ער פרעגט מיך, ווער איך בין? זאָג איך איהם: דער און דער. זאָגט ער מיר: אַזוי? קען איך דאָך אייך! פרעג איך איהם: ווי אַרום? ענטפערט ער מיר: מיין פאָטער האָט ביי אייך פאַראַיאָהרען געהאַנדעלט ווייץ אויף הונדערט טויזענד רובעל. ווער זשע איז אייער פאָטער? — פרעג איך איהם. האָט ער אָנגערופען זיין נאָמען. בקיצור, אַהין — אַהער, מיר האָבען זיך געזעצט שפּיעלען, און ביז קיעוו האָט ער מיר אַנידערגעלעגט פופצעהן טויזענד רובעל און איז געוועזן טוידט ווי די וואַנט, און איך האָב איהם נאָך געמוזט לייהען אויף הוצאות אַ פופציגער, האַ־חאַ־חאַ! טשעסטנאָיע סלאָוואָ!...

ביי די לעצטע ווערטער איז רעוועקאַ אַריינגעקומען צוריק פון'ם פאָטער'ס קאַבינעט און האָט זיך ווייטער אַרומגעחאַפּט קושען מיט סאָני'ן לאַנג־לאַנג, ווי צוויי געטרייע שוועסטער, וואָס האָבען זיך שוין פון צעהן יאָהר ניט געזעהן, און דער גוטער גאָט האָט זיי געבענשט, אַז זיי קאָנען זיך ווידער זעהן און, קושענדיג און האַלזענדיג, קאָנען זיי אויסגיסען זייערע הערצער... אַך! אין דעם דאָזיגען מאָמענט האָבען אונזערע צוויי געעהרטע דאַמען גאָר פערגעסען, אַז בשעת זיי זענען געוועזן אויף קעסט, האָבען זיי זיך געריסען, ווי די קעץ, און זענען געוועזן אַ גאַנץ יאָהר ברוגז דערפאַר, וואָס רעוועקאַ האָט געזאָגט אויף סאָני'ן, אַז זי האָט ביי איהר אָוועקגע'גנב'עט אַ נאָזטיכעל, און סאָני האָט איהר אויסגעוואָרפען דעם מאָן דעם „קאַרטיאָזשניק". עס קאָן זעהר זיין, אַז אין דער דאָזיגער מינוט האָבען זיי זיך מיט'ן גאַנצען הארצען מוחל געוועזן, וואָס זיי האָבען זיך אַמאָל געקריעגט, געזידעלט, געיאָגט, און אַזעלכע צוויי גוטע פריינד, ווי אונזערע געשעצטע דאַמען, רעוועקאַ און סאָני, אין דער מינוט, זענען אויף דער גאַנצער וועלט גאָר ניט געוועזן. עס איז שווער געווען צו חאַפּען אַלץ, וואָס זיי האָבען גע־

רעדט; ווי די פֿויגעלעך, האָבען זיי געשטשעבעטשעט, און האָבען „אַנטפּלעקט" און פערגלויבט איינע פאַר דער אַנדרערער אַזעלכע זאַכען, וואָס פאַר זייערע געטרייע מאַנען וואָלטען זיי דאָס געוויס ניט געטרויעט! סע איז נאָר אַ תענוג צו זיצען פֿון דער ווייטענס און קוקען אויף אַזאַ שענער קאַרטינע, וואו שענהייט, גראַציע, אויפֿריכטיגקייט און אומשולדיגקייט ווערען צענויפגעגאָסען אינאיינעם, און איהר קוקט דערויף מיט פערגעניגען און מיט קנאה אינאיינעם...

ערשט אין אַ האַלבע שעה אַרום איז רעוועקאַ אויפגעשטאַנען, האָט אָוועקגערופען אָסיפ'ען אויף אַ זייט און האָט איהם געזאָגט אויפ'ן אויהער:

— געה נאָר אַריין צום טאַטען, אָסיפּ; נאָר זעה האַלט צונג, וואָרום ער קען דיך שוין, — גלויב מיר! טאָמער וועט ער דיך זידלען, שוויינ איהם אָפּ היינטיגס מאָל, בכדי זאָלסט קיין חרטה ניט האָבען. געדענק זשע!

אָסיפּ האָט זיך כלומרשט צעלאַכט, און רעוועקאַ האָט איהם געזאָגט אויף אַ קול:

— געה, אָסיפּ, דער פּאַפּאַשאַ וויל זיך מיט דיר זעהן! — און אָסיפּ האָט מיט אַ פערריסענעם קאָפּ און סקריפּענדיג מיט די שטיוועל אָוועקגעשפּאַנט ווייטער.

ווי אַזוי סענדער בלאַנק האָט איהם צוגענומען און וואָס זיי האָבען גערעדט — ווייסט נאָר איין פרויקע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער דער טיר און האָט זיך צוגעהערט צום שמועס פֿון דעם געשעצטען שוועהר מיט זיין געעהרטען איידעם אָסיפּ זעמעל.

אונזערע לעזער זענען אומזיסט אין כעס אויף דעם פאַלשען משרת, וואָס האָט אַ העזה צו אונטערהערען זיך, וואָס די פּרינציפּאַלען רעדען צווישען זיך. איהר דאַרפט מוחל זיין דעם עלענדען משרת, וואָס איז ניט מעהר ווי אַ פערקויפטער מענש, איין „אומגליקליכער קנעכט", וואָס מוז יעדען פאָלגען: — איהם האָט געשיקט אונזער געעהרטעסטע דאַמע סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ, ער זאָל

זיך אונטערהערען, וואָס זיי רעדען דאָרט, און דערפאַר וועט ער בעקומען אין יד אַריין וויפיעל ער האָט זיך קיינמאָל ניט געריכט...

שפּעטער מיט עטליכע שעה האָט שוין בליומקע (פּרויקע׳ס כלה) אויך געוואוסט, אַז רב סענדער האָט קראַנקערהייד געזידעלט דעם איידעם, ווי אַ הונד, און אָסיפּ האָט איהם דאָס אַנדערע וואָרט ניט געענטפערט און איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, ווי אַ גולם מיט גלעזערנע אויגען, און נאָך אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכען האָט פּרוי־קע דערצעהלט זיין געליעבטער כלה, פערבייסענדיג מיט שטיקער טאָרט פון דער קעשעני, מיט ניס און מיט נאָך גוטע זאַכען.

לאָזען מיינע לעזער ניט מיינען, אַז אונזער אָסיפּ האָט קיין שכל ניט געהאַט ענטפערען דעם שוועהר צוריק, אָדער ער האָט אויף איהם געלעגט כבוד; אָבער גאָר לאָ! אָסיפּ האָט געקאָנט פער־רעדען צעהן מענשען מיט אַ מאָל. און וועגען אָפּגעבען כבוד איז אויך אַ ספק. וואָרום סע איז געווען אַ צייט, ווען אָסיפּ איז געזע־סען ביי׳ם שוועהר אויף קעסט און האָט געהאַט אַ סך געלד, האָט, פערקעהרט, דער שוועהר איהם אָפּגעגעבען כבוד. און ווער שמועסט, אַז אָסיפּ מיט רעוועקאַ׳ן זענען אַראָפּ פון קעסט, און סענדער האָט דערהערט, אַז זיין איידעם מאַכט אַזעלכע גרויסע, גליקליכע גע־שעפטען, איז ער געווען צופריעדען גאָר אויף איין אַנדערען אופן; ער פלעגט זיי שיקען גאַנץ אָפטע בריעף און שענקען רעוועקאַ׳ן אַמאָל די שענסטע מתנה, און אויף אָסיפּ׳ען האָט ער געזאָגט, אַז איהם פּאַסט צו זיין אַ גרויסער גביר, אַז ער האָט אַ פּנים פון אַ „מיליאָנשטשיק“.

די ערשטע שפּעקולאַציע, וואָס אָסיפּ האָט זיך צו איהר גענו־מען, איז געווען דער האַנדעל פון ברויט, ווען עס האָט גראָד גע־גאָלטען, — האָט ער, געוועהנליך, פערדיענט אַ סך געלד; נאָר זאָ־גען האָט ער זיך ערלויבט צוויי מאָל אַזוי פיעל, און אַזוי איז ער אויסגעוואַכסען געוואָרען ביי יעדען אין די אויגען. דער מסחר פון ברויט האָט געפלאַמט, און אָסיפּ האָט נאָך מעהר געפלאַמט און האָט איינגעקויפט אַ היבשען טראַנספּאָרט ווייץ אויף אַ יאָהר און

אויף צוויי יאָהר; ווייץ איז געפאַלען, נאָר אָסיפּ איז ביי זיך ניט געפאַלען: ער האָט אָפּגעשאָטען דאָס ברויט אין די שפּייכלערס און האָט דאָס געהאַלטען אַזוי לאַנג, ביז האַלב איז כּפּרה געוואָרען, און די אַנדערע האַלב האָט ער נעבאַך געמוזט פערקויפען פאַר האַלב געלד. אַז סענדער איז געוואָהר געוואָרען פון אַזאַ מעשה, האָט ער איהם אריינגעשריבען אַ בריוועל, פול מיט שטעכווערטלעך, אַז ניט אַזוי האַנדעלט מען: מע דאַרף קאָנען טרעפען אַ צייט, מע דאַרף זיין געהיט, מע דאַרף ניט לאָזען קריכען ווייט. אָסיפּ האָט איהם אָפּגעענטפערט, אַז אַזוי האַנדלען, ווי ער, אָסיפּ, האַנדעלט, קאָן קיינער ניט, און סע וואונדערט איהם, אַז אַזאַ מענש, ווי זיין שוועהר, וואָס האָט קיינמאָל ניט אָנגעקוקט קיין פּוד ווייץ, לעהרענט איהם, אָסיפּ'ען, ווי אַזוי צו האַנדלען... דעם דאָזיגען ענטפער האָט סענדער צעריסען און איז געווען ברוגז אַ קליינע צייט, ביז ער האָט פּלוצים מקבל געווען אַ דעפּעש פון רעוועקאַ'ן, אַז אָסיפּ'ס באָבע, אַ רייכע אַלמנה, איז געשטאָרבען און האָט איהם אָפּגעשריבען הונדערט זעכציג טויזענד רובעל. סענדער איז אויפגעמונטערט געוואָרען און האָט אוועקגעשיקט אַזאַ מין בריעף צו די קינדער:

„לכבוד חתני הגביר המפורסם החכם המשכיל היקר ומהולל מוהר"ר יוסף נ"י הער זעמעל.

ולכבוד בתי הגבירה המפורסמת החכמה המשכלת היקרה המהוללה מרת רבקה שתחי' עכב"ב. מיט פיעל עגמת-נפש האָב איך איבערגעלייענט אייער טעלעגראַמע, און סע טהוט מיר הערצליך לייד, וואָס דיין געריהמטע באָבע, מיין הויכגעשעצטע מחותנת'טע, איז נאָך גאָר יונג פון דער וועלט געגאַנגען. תנצב"ה! נאָר וואָס קאָן אַ מענש העלפען מיט זיין וויינען און טרויערען, מסתמא הייסט גאָט אַזוי, און דיין געטרייהע באָבע ועסט דו שוין ניט לעבעדיג מאַכען; לאָז זי האָבען אַ ליכטיגען גן-ערן, און איהר זענט נאָך יונגע קינדער און דאַרפט נאָך לעבען אויף דער וועלט. לכן, חתני היקר ובתי היקרה, נעמט זיך ניט צום הארצען און פער-

געסט, און לאָז גאָט געבען, מיר זאָלען שוין מעהר פון קיין צער ניט וויסען מיט דעם כלל ישראל, און קיין יונגערע זאָלען ניט שטאַרבען — אָמן! מיין דעה איז, קינדער, אז דאָס געלד זאָל לעת־עתה ליגען אין באַנק, ביז גאָט וועט העלפען, איהר וועט זיך אַרומ־קוקען און סע וועט זיך אייך מאַכען עפּיס אַ רעכט געשעפט. איך רעכען, אַז דאָס פּריצענט פון אַזאַ קאַפּיטאַל דאַרף אייך טראָגען צום לעבען, ובפרט איהר ווייסט, אַז איך האָרעווע אויך פון אייערט־וועגען און וועל מיין געלד אין קבר אַריין ניט מיטנעמען, און אַ מענש לעבט ניט אייביג... בלייבט אייך געזונד און פיעל גליקליך, און איך זאָל האָבען פון אייך אַ גרעסערען נחת, ווי פון מיין זוהן חיים נעבאַך, וואָס האָט מיך ניט געוואָלט פאָלגען... גריסט אייער טחייער ליעב קינד גאָר פריינדליך.

פון מיר אייער געטרייער פאָטער

ס ע נ ד ע ר ב ל א נ ק.

גם זוגתי מרת מרים־חיה גריסט אייך אַלע הערצליך.

ס ע נ ד ע ר ה נ " ל".

דאָס דאָזיגע בריוועל איז געוועזען ביי אָסיפ'ען שטאַרק אָנגע־לעגט: ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהען, אַז זיין שוועהר זאָל איהם שרייבען: „הגביר המפורסם החכם המשכיל". האָט ער איהם צוריק אָפּגעענטפערט, דוקא אויף העברעאיש, אַ מליצה־בריעף מיט זעהר אַ סך גריוזען, און פון דעמאָלט אָן זענען זיי געוואָרען שלום אויף אַ היבשע צייט, ביז וואַנען אונזער פיינער אָסיפ זעמעל האָט אָנגעוואָרען דאָס געלד, און ביז וואַנען ער האָט דאָס ניט גע'פּטר'ט איינגאַנצען, האָט ער זיך ניט בערוהיגט. און אַז ער האָט דאָס גע־פּטר'ט, איז איהם געוואָרען גרינגער אויף דער נשמה און ער איז פון דעסטוועגען ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלען דאַמיט; אונזער דאָ־זיגער פיינער העלד איז געבאָרען געוואָרען אונטער אַזאַ גליקליכען שטערן, אַז כמעט זיין גאַנצען לעבען האָט ער גענומען איין ירושה נאָך דער אַנדערער, און ביז ער האָט צעטראַנזשירט איין ירושה,

איז איהם שוין אונטערגעשפּרונגען אַ נייע ירושה; דאָס פֿון אַ באָבע, דאָס פֿון אַ פֿעטער, דאָס פֿון אַ מוהמע! און איך מיט אייך, ליעבער לעזער, האָבען גאָר קיין זכיה ניט ביי גאָט צו האָבען אַזעלכע באָבעס, פֿעטערס מיט מוהמעס, וואָס זאָלען אונז אויך דערמאָנען פֿאַר'ן טוידט צו גוטען... ניין! איך מיט אייך האָבען אַנדערע גליקען: איין אָרעמע פֿלימעניצע חתונה מאַכען... אונטערהאַלטען אַ געפֿאַלענעם „שני שבשלישי"... צענויפֿלעגען זיך אויף אַ „נשרף" נעבאַך פֿונ'ם ווייב'ס צד, אָדער פֿיהרען צום פּריזיוו אַ גליעד־גליעד־שוועסטער־קינד, עפּיס אַ שלים־מזל, אַ דער רוח ווייסט וואָס!... ניטאָ וואָס צו רעדען, לעזער! מע דאַרף צומאַכען די אויגען און מע מוז שווייגען.

. . . .

מע קאָן ניט זאָגען, אַז רעוועקאַ האָט תמיד געלעבט גוט און פֿיין מיט איהר מאַן. אמת, אַז רעוועקאַ איז אַ כלה געוואָרען פֿאַר אַסיפֿ'ען, איז זי געווען כמעט איינגעליעבט אין איהר שענעם, רייכען חתן. רעוועקאַ איז נאָך געווען אַ קינד פֿון פֿופֿצעהן יאָהר, דאָך האָט זי פֿערשטאַנען, אַז עס ערוואַרטעט זי אַ גרויס גליק; דאָס האָט געזאָגט די גאַנצע שטאָדט, און ס'איז ניט געווען קיין ליגען: מ ש ה ז ע מ ע ל איז געווען אַ גרויסער גביר, און די מתנות, וואָס ער האָט איבערגעשיקט דער כלה, זענען טאַקי געווען גרויסאַרטיג, און די בריעף, וואָס דער חתן האָט איהר געשיקט אַ יאָהר כסדר, זענען געווען אַזוי שען, מיט אַזאַ פֿייער געשריבען, אַז די יונגע, שענע, געזונדע רעוועקאַ, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען בעגריף אין די שענסטע ראָמאַנען אויף דער וועלט, האָט זיך, ניט ווילענדיג, איינגעליעבט אין איהר חתן, וואָס איז שוין דענסטמאָל אַלט געווען צוואַנציג יאָהר. ניט איין נאַכט פֿלעגט די פֿערליעבטע רעוועקאַ אויסליגען אויפֿ'ן בעטעל מיט טרערען אויף די אויגען און איהר פֿאַנטאַזיע האָט איהר פֿאָרגעשטעלט איהר חתן, אַסיפֿ זעמעל, פֿאַר אַזאַ שענעם העלד, פֿאַר אַזאַ גרויסאַרטיגען, הויכען, קלוגען מאַנס־

פארשוין, אז יעדער טאג, יעדע שעה, יעדע מינוט האט זיך געצויגען ביי איהר אין די אויגען אזוי לאנג, אזוי לאנג!... אמת, זי האט זיך א מאל דריי געזעהען מיט איהר חתן, האט ער ביי איהר אויסגעוויזען ניט אזוי, ווי די פאנטאזיע האט איהר געמאהלט. רעוועקא האט פון איהם קיין גרויס קלוגשאפט, שענקייט און בילדונג ניט ארויסגעזעהען. פערקעהרט, זי האט בעמערקט אין איהם אייניגע קלייניגקייטען און נידעריגע תנועה'לעך, און אפטמאל געחאפט אין א ליגען. דאך האט זי גערעכענט, אז דאס איז דערפאר, ווייל ער איז א געבאלעוועטער, א ציטעריגער און אויף ראסקאש אויפגעצויגען, און אז אסך פלעגט אוועקפאהרען און ווייטער שיקען זיינע הייסע, פייעריגע בריוולעך, פלעגט זי ווידער אנהויבען פאנטאזירען, אזוי אז דער אמת'ער אסך איז ארויסגעפלויגען פון איהרע געדאנקען, און אויף זיין ארט איז אויסגעוואקסען ווייטער א גרויסער, א שענער, א גוטער, א טייערער אסך, א ווירקליכער העלד!

מיט גרויס ציטערניש האט רעוועקא געצעהלט די טעג צו דער חתונה, און דא האט מען געניהט אויף איהר די טייערסטע און שענסטע מלבושים אויף דער וועלט: אונזער הויכגעשעצטער סענדער בלאנק האט זיך צעבייטעלט, בכדי ער זאל חלילה ניט פערשעמט ווערען פאר אזא מחותן, ווי משה זעמעל. אט נאך א חודש, נאך א וואך, נאך צוויי טאג, נאך א טאג, נאך א נאכט, נאך א שעה, נאך א מינוט — דער חתן איז שוין דא!... די חתונה... די כלי־זמר... דער באל... די טענץ... דאס ווייסע קלייד... די חברתהס... די חופה־וועטשערע... דאס געזעגענען זיך... אוים חתונה...

דער ערשטער חודש, דער „האניג־חודש", ווי מע רופט דאס, דאס איז דער פריהלינג ביי דעם יונגען פארפאלק. די גאנצע וועלט איז בעשאפען געווארען פון זייער כבוד וועגען, זיי צו פריילין מאכען; און אפילו אט דער וואסער־פיהרער, וואס האט געלאזט אין דער היים א קראנק ווייב מיט הונגעריגע קינדער, בעקומט ביי זיי אין די אויגען עפים אויך א מין חן, און דער בעטלער, וואס שטעהט מיט א הוילען קאפ, אנגעלעהנט אויפ'ן שטעקען, מיט איין אויס־

געשטרעקטער האַנד — אַך, ווי שען דאַס איז!... אַך, עס זאָל זיך ציהען אייביג אַזוי!...

ניטאָ, ניטאָ קיין אייביגע זאַך אונטער'ן הימעל! דער פריה־לינג געהט אַוועק, דער „האָניג־חודש" געהט אַוועק, — אַלץ געהט אַוועק! רעוועקאַ האָט פינף וואָכען נאָך דער חתונה בעמערקט איהר געליעבטען אַסיפּ'ען, אַז ער געהט, קוועטשט ער אויף די סקריפּקעס, בכדי זיי זאָלען שרייען, און סע זשומעט איהר פּשוט אין די אויהערען, און סע דרעהט זיך איהר דער קאָפּ... אַסיפּ האָט איהר געענטפערט, אַז סע ווייזט זיך איהר אויס, אַז סע איז ניט מעהר ווי אַ נארישער קאַפּריז, טשעסטנאָיע סלאָווא!... רעוועקאַ האָט איהם געענטפערט, אַז זי ווייסט ניט, ווער איז צווישען זיי דער נאַר און ווער איז דער קלוגער. אַסיפּ איז אַנגעצונדען געוואָרען און האָט איהר מיט כעס געענטפערט, אַז אַזעלכע קלוגע, ווי זי, האָט ער געזעהען, אַז שטעכווערטלעך האָט ער פיינט, אַז דאָס, וואָס זי ווייסט, האָט ער שוין לאַנג פערגעסען, טשעסטנאָיע סלאָווא!... רעוועקאַ איז שוין אויך בייז געוואָרען און האָט איהם געזאָגט, אַז זי פערשטעהט ניט, אין וואָס ליגט זיין חכמה מיט זיינע קענטעני־שען, אַז זי האָט זיך מעהר אַנגעלייענט פון איהם, אַז עס איז קיין מלאכה ניט זיין אַ פּוסטער גדלן מיט אַ שענעם, גלאַטען העמד און מיט אַ לעדיגען קאָפּ... אַסיפּ איז שוין אונטערגעשפּרונגען פאַר הארצוועהטיג און האָט איהר אויסגעוואָרפען איהר פאָטער דעם גראָבען יונגאַטש, וואָס פערמאָגט ניט דאָס מיסט, וואָס וואַלגערט זיך ביי זיין פאָטער אויפ'ן הויף, טשעסטנאָיע סלאָווא!... רעוועקאַ'ן האָט דאָס שטאַרק פערדראָסען, האָט זי איהם געזאָגט: אויב עס שטעהט איהם ניט אָן צו זיין ביי איין אָרעמען שוועהר, קאָן ער זיך פאָהרען געזונדערהייד צו זיינע רייכע עלטערען אפילו היינטי־גען טאָג, און זי, רעוועקאַ, וועט איהם כלל ניט נאָכלויפען... אַסיפּ האָט מיט גרויס קוראַזש אָנגעהויבען אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב, מיט די הענד אין די קעשענים און מיט גרויס גדלות; ער וועט טאַקי אַוועקפאָהרען צו זיינע פיינע עלטערען, סע אַהרט איהם ניט,

אז רעוועקא וועט איהם ניט נאכלויפען; אזעלכע פיינע בריות, ווי זי, האט ער שוין געזעהען א סך, און דוקא שענערע, קליגערע און מעהר געבילדעט פון איהר, טשעסטנאיע סלאווא!... דאס האט שוין רעוועקא ניט געקאנט איבערטראגען און האט זיך בעגאסען מיט טרערען און האט, ווי א צעמישטע, געשריגען אויף א קול:

— וואן, וואן, שארלאטאן! וואן פון מיינע אויגען! איך קאן דיך ניט אנקוקען! וואן!!!

נישט מעהר ווי אין א האלבער שעה ארום איז שוין אונזער העלד אסיפ געשטאנען פאר זיין טייערער רעוועקא'ן אויף די קניעס, זי געבעטען מחילה, אז ער איז שולדיג, אז ער האט געזינדיגט פאר זיין טייערע, טייערער רעוועקא, אז ער איז ניט ווערטה איהרע טריט, איהר מינדסט פינגערל, איהר נאזטיכעל, אז ער מעג זיין די כפרה פאר איהרע שענע ליכטיגע אויגען, אז ער מעג א מיתה־משונה איינגעמען פאר איהר איין שמייכעלע, אז וואס ער האט גערעדט האט ער געבילט, טשעסטנאיע סלאווא!...

אזעלכע און אנדערע סצענעס זענען געוועזן עפטער און עפטער, ביז אסיפ האט געמוזט מאכען פליטה צום פאטער אויף א דריי חדשים, און חאטש ער האט זיך אמאל געשווארען, אז צוויי שעה אפילו קאן ער אהן רעוועקא'ן ניט לעבען, פון דעסטוועגען האט דאס איהם חלילה נים געשאדט און ער האט דאס, דאנקען גאט, אויסגעהאלטען און איז ניט געשטארבען. פערקעהרט, מע זאגט, אז ער האט זיך נאך אביסעל פעררעכט דארט אין זיין שטאדט, צווישען זיינע אלטע בעקאנטע, און שלעכטע מענשען, שונאים, האבען אונטערגערעדט, אז ער שדכנ'ט זיך יאק־בי צו זיינער א קוזינע, זעהר א שען פריילין, וואס ווארט נאר ביז אסיפ וועט זיך גט'ען מיט רעוועקא'ן (א, בייזע מיילער!)... די דאזיגע רכילות'ען האבען גערויכט צו דער וויסטער עגונה — רעוועקא בלאנק, אדער רעוועקא זעמעל, — וואס עס האט זי גענוג געקרענקט און פערשאפט גענוג שמערצען, צי פאר גרוים ליעבשאפט, צי פאר שנאה — ווען קאן דאס וויסען?... גאט ווייסט, וואס וואלט דערפון ארוים, ווען עס

וואָלט ניט אָנגעקומען אזא מין דעפּעשע צו דער מאדאם רעוועקא זעמעל:

,,Передать Ревеккѣ, скончался папенька, оставилъ 300,000. Сердечно сокрушенъ. Пріѣзжай. Осипъ Земель.''

אויף אידיש הייסט דאָס:

„איבערגעבען רעוועקא'ן, געשטאָרבען מיין פּאַטער, געלאָזט דריי הונדערט טויזענד. הערצליך דערשלאָגען. קום צו פאָהרען. אָסיפּ זעמעל".

אונזער געריהמטער סענדער בלאַנק האָט געהאַלטען סאַמע אין מיטען מיטאָג, ווען עס איז אָנגעקומען די דאָזיגע טעלעגראַמע; פון דעסטוועגען איז דער פּאָטער אוועקגעגאנגען מיט דער טאָכטער אין קאַבינעט אריין, און זיי האָבען זיך דאָרט פערזאַמט אקעגען א האַלבער שעה, און אז זיי זענען ארויסגעגאנגען, איז רעוועקא געוועזען פערוויינט... פאַר קיין געלד וואָלט רעוועקא ניט געפאָהרען צום מאַן! נאָר ווער ווייסט ניט, אז די פרויען זענען ווייכהערציג און האָבען רחמנות אויף אונז, מאנספּאַרשוינען, אפילו ווען מיר טהוען זיי שלעכטעס?... אָסיפּ איז נעבאַך געבליבען א יתום און איז נעבאַך דאָרט איינער אליין ביי אזא צופאַל, ביי אזא שווערען נסיון!... רעוועקא האָט זיך זעהר שען אָנגעטהאָן, און פון'ם וויינען האָבען איהר געפלאַמט די בעקלעך. פערבייגעהענדיג אין זאַל, האָט זי דערזעהען איהר שטאַלט אין שפּיגעל, און זי האָט בשום אופן ניט געקאָנט ניט אָפּשטעלען זיך אקעגען שפּיגעל און בעטראַכטען זיך אביסעל. אויף איהר שען מיילכעל האָט זיך בעוויזען א שמייכעל, ווי איינער רעדט: „קיין מעשה ניט?"... שפּעטער, אז רעוועקא איז געזעסען אין וואַגאָן, און דער קוריער־צוג האָט זי געטראָגען אהין, אהין, צו איהר געליעבטען מאָן, צו איהר עלענדען אָסיפּ'ען, האָט זיך איהר געטראָפען א צופאַל, וואָס מיר קאָנען ניט פערדעקען פון אונזערע לעזער און מוזען איהם אין קורצען דערצעהלען.

אריינגעקומען אין וואגאָן אריין, האָט רעוועקאַ אָנגעהויבען זיך זוכען אַ רעכטען אָרט און איז אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען אַהין און צוריק איבער'ן וואַגאָן; ענדליך האָט זי זיך געפונען איין אָרט ביי'ם פענסטער — אַקעגען אַ יונגענמאַן, וואָס איז געווען פערטיעפט אין אַ בוך. דער צוג איז שוין לאַנג אָפּגעפאָהרען, און דער יונגערמאַן האָט ניט אויפגעהויבען די אויגען פונ'ם בוך. רעוועקאַ איז בטבע געווען אַ פריילּיכע און האָט פיינט געהאַט זיצען און שווייגען; דאָך האָט זי ניט געוואָלט די ערשטע פערבינדען אַ שמועס מיט איהר שכן, איהר Vis-à-vis. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן עלענבויגען אויפ'ן פענסטער און האָט זיך פערטראַכט. רעוועקאַ איז געווען געטליך שען אין דער דאָזיגער מינוט. דער יונגערמאַן האָט פערמאַכט דאָס בוך און האָט זיך געקלויבען האָפּען אַ דרימעל; נאָר זיינע אויגען האָבען זיך, ניט ווילענדיג, אָפּגעשטעלט אויף רעוועקאַ'ן, אויף איהר קלאָר ווייס הענטעל, וואָס איז געווען איינגאַנצען נאַקעט. דער יונגערמאַן איז וואַכענדיג געוואָרען און האָט פּשוט אויפגעגעסען מיט די אויגען די יונגע שענע פרוי.

— איהר פאָהרט וויט, מאַדמואַזעל?

רעוועקאַ האָט דערהערט דאָס וואָרט „מאַדמואַזעל", איז זי רויט געוואָרען און האָט נאָך שענער אויסגעזעהען ווי פריהער. זי האָט איהם געזאָגט, וואוהין זי פאָהרט, און צווישען זיי האָט זיך גיך פערבונדען אַ לאַנגער שמועס, פון וואָס רעוועקאַ איז געוואָהר געוואָרען, אַז דער יונגערמאַן איז אַ איד, אַ סטודענט, זעהר אַ פיינער, אַ קלוגער און אַ פריילּיכער יונגערמאַן. דער סטודענט האָט דערצעהלט טויזענדער אַנעקדאָטען, און רעוועקאַ האָט ערנסט, ערנסט געלאַכט, צום גרויסען פערגעניגען פונ'ם יונגענמאַן, וואָס האָט ליעב געהאַט זיין פריילּיך און אויך יענעם פריילּיך מאַכען. רעוועקאַ האָט אויך ניט געשוויגען און האָט, פון איהר זייט, אויך דערצעהלט עטליכע שענע מעשיות — און די יונגע מענשען האָבען שטאַרק־שטאַרק געלאַכט צוזאַמען. אויף די וואָקזאַלען זענען זיי

ביידע אָראָפּגעגאַנגען, געגעסען, געטרונקען, גענאַשט — אויך צו־
זאַמען. אויף איין וואָקזאַל האָט מען בעדאַרפט וואַרטען אויפ'ן צוג
דריי שעה. אונזערע יונגע רייזענדער זענען אַרומגעגאַנגען — גע־
אַרעמט — אויף דער פּלאַטפאָרם, און דער סטודענט האָט געהאַל־
טען עפּיס זעהר אַ לאַנגע און אַ שענע רעדע. רעוועקאַ האָט דאָס
ערשטע מאָל דערהערט אַזעלכע זאַכען, וואָס זי האָט אין איהרע
בעסטע ראָמאַנען ניט געלייענט. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר איהרע
אויגען געעפענט, אַ שענע, אַ גרויסע, אַ ליכטיגע וועלט!... און די
זון האָט געשיינט, געקוקט פון אויבען. עס האָט אַלץ געבליהט,
געזונגען, געלעבט — עס איז געווען תחילת מאַי, איהר פער־
שטעהט?... רעוועקאַ האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען אויף דעם
יונגען סטודענט און האָט זיך בעגעגענט מיט זיינע גרויסע, שוואַר־
צע, פייערדיגע אויגען. זי האָט דערפיהלט, אַז זי איז רויט גע־
וואָרען, און אויפ'ן האַרצען איז איהר געווען אַזוי גוט, אַזוי ליב־
טיג, אַזוי וואַרעם, ווי אין דער נאַטור. דער קאָפּ האָט אויף איהר
ווי געברענט... רעוועקאַ האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכעס ניט געפיהלט,
ווי אין דער דאָזיגער מינוט. זי געדענקט ניט, ווי אַרום איהר האַנד
איז געלעגען אין די גרויסע וואַרעמע הענד פונ'ם יונגען סטודענט.
זי געדענקט ניט, וואָס ער האָט איהר אַזעלכעס געזאָגט. זי האָט
נאָך אַ מאָל זיך בעגעגענט מיט זיינע שענע אויגען און האָט פּלו־
צים אויסגעריסען איהר האַנד פון זיינע הענד און זי האָט זיך דער־
מאַנט, אַז אויף איהר קוקט־אַרויס איהר מאַן אָסיפ, איהר עלענ־
דער אָסיפ!... נאָך איין מינוט איז זי געשטאַנען און האָט געקוקט
אויף דעם יונגענמאַן, גלייכענדיג איהם מיט איהר אָסיפ'ען, זיי־
נע שענע אויגען מיט אָסיפ'ס קליינע רויטליכע אויגעלעך אונטער־
די אַשקאַלירענע ברילען, זיין ליכטיגען קלוגען פריליכען קאָפּ מיט
אָסיפ'ס שאָפּען־קעפּעל, וועלכעס איז לעדיג, ווי אַ מיאַטשיק, דעם
יונגענמאַנ'ס גרויסאַרטיגע רעדע מיט אָסיפ'ס ליגינים... „אַוועקט,
אַוועקט, שלעכטע מחשבות! אַוועקט, אַוועקט, פאַלשע געדאַנקען!...
אהין, אהין דאַרף איך פאָהרען!... איך דאַרף, איך מוז, איך קאָן

ניט אַנדערש!... ווער אַנדערש? וואָס אַנדערש?... אַהין! אַהין!!!..." — האָט רעוועקאַ געטראַכט און האָט זיך מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ אָפּגעזעגענט מיט'ן סטודענט.

אַז רעוועקאַ איז געקומען וואוהין זי איז געפאָהרען, האָט זי נאָך דורך דעם פענסטער דערזעהען אָסיפּ'ען שטעהן אויף דער פּלאַטפאָרם שטאַרק אויסגעפּוצט; און אין איהר קאָפּ איז, ווי אַ ווירבער, דורכגעפלויגען דער יונגער סטודענט, וואָס זי האָט זיך מיט איהם אָפּגעזעגענט פריהער מיט צוויי שעה, און זי האָט נאָך ניט אוספּעיעט אַפּילו אַ קלער טהון, ווי עס געהר צו זיין, איז שוין אָסיפּ געווען מיט איהר אין וואַגאָן און האָט זי געהאַלזט און געקושט און גערערט מיט היץ, מיט פייער. רעוועקאַ האָט ניט געהערט גאָרניט... נאָר אין פּאַעטאָן (אָסיפּ איז ארויסגעפאָהרען מיט'ן פּאָטער'ס גרויסאַרטיגען עקיפּאַזש אַקעגען רעוועקאַ'ן) האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט מיט איהר הייסען קאָפּ אויף אָסיפּ'ס פּלייצעס און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד... אָסיפּ האָט זי געטרייסט און איינגענומען, ווי ווייט ער האָט געקאָנט, און אַזוי זענען זיי געקומען אַהיים. די נייע שטאָדט, דאָס נייע הויז, נייע קענטשאַפּט, נייע קאָמפּלימענטען מיט נייע געדאַנקען האָבען מיט גוואַלד ארויסגעטריבען פון רעוועקאַ'ס קאָפּ דאָס בילד פונ'ם יונגען סטודענט.

אין דער דאָזיגער צייט זענען צווישען מאַן און ווייב פאָרגעקומען עטליכע מיאוסע סצענעס, וואו אָסיפּ האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ פּערזינדיגטען, וואָס האָט אויף די קניעס געבעטען מחילה, און רעוועקאַ פּלעגט איהם, פאַר רחמנות, מוחל זיין... איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען האָט זיי דאָס שטובמיידעל געטראָפען אין אַ טרויעריגער לאַגע: די מאַדאַם רעוועקאַ איז געשטאַנען אין איין העמד און האָט אויף זיך געריסען די האָר, און דער הערר אָסיפּ איז געשטאַנען מיט אַ שטיוועל אין איין האַנד און מיט אַ פּאָר אַשקאָלירענע ברילען אין דער אַנדערער האַנד. ווי אַזוי אָבער זענען זיי אַלע מאָג ארויסגעפאָהרען מיט'ן קנאַק און מיט'ן פייף! ווי גרויסאַרטיג איז רעוועקאַ געווען געקליידט! וויפיעל דאַמען און

מאַמזעלען האָבען איהר מקנא געווען אויף איהר רייכטהום, אויף איהר גרויסקייט! אַ כפרה, לעזער, אַ גוטער איידעלער געבילדעטער מאַן פאר אַ פּאָר גרויע פערדלעך! אַ כפרה, לעזערין, אַ גליקליך לעבען מיט דעם אָרעמען ליעבענדען מאַן פאר אַ לאָזשע אין טהעאטער! אַ כפרה, קינדער, אַלע אידעאַלען פאר אַ גרויסאַרטיגען אָבענד, פאר אַ גלענצענדען באַל, פאר אַ טאַנץ מיט איין אָפּיציער!...

אַז דער ערשטער טרויער איז איבערגעגאַנגען, און אָסיפּ האָט אויפגעהערט צו קלאָגען נאָך זיין טייערען פאָטער, האָט ער אין אַ יאָהר אַרום אויפגעבראָכען זעהר אַ גרויס געשעפט פון ערד־קויהלען מיט עטליכע שותפים, און אויף אָסיפּ'ס הויז איז פלוצים, אין אַ שענעם פריהמאָרגען, אויסגעוואַכסען אַ גאַנץ גרויסע טאַבליצע, מיט גילדענע אותיות, מיט די דאָזיגע ווערטער:

„Главная Контора Каменоугольнаго Товарищества Земеля, Файфермана и Ко.''

אין דער דאָזיגער קאַנטאָר זענען תמיד געזעסען דריי בוכהאַלטערס, צוויי קאָרעספּאָנדענטען, אַ סעקרעטער מיט אַ קאַסיר און האָבען פון זייגער נייען אין דער פריה ביז פינף בייטאָג געשפּיעלט אין פּרעפעראַנס; און זעמעל, פייפערמאַן מיט דער קאַמפּאַניע זענען געזעסען אין פּעטערבורג — גאָט ווייסט צו וואָס, צו ווען! רעוועקאַ איז זיך געזעסען אין דער היים, זעהר אין אַ שען הויז, און די פיינסטע יונגע לייט פון דער שטאָדט פלעגען זיך דאָרט כמעט אַלע נאַכט צענויפקליבען „חאַפּען אַ קערטעל". אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען דריי יאָהר; דריי גוטע, בערוהמטע יאָהר פאר זעמעל'ס בוכהאַלטערס מיט די קאָרעספּאָנדענטען, דריי פרייליכע יאָהר פאר רעוועקאַ'ן מיט איהרע בעקאַנטע, — און דריי ביטערע יאָהר פאר דעם אומגליקליכען הערר אָסיפּ זעמעל, וואָס האָט נעבאַך גע'פּטר'ט איינגאַנצען זיין קאַפּיטאַל און האָט נאָך געהאַט אַ פּראָצעס מיט זיין שותף פייפערמאַן, וואָס האָט איהם אָנגעפייפט מחילה אין די ערד־קויהלען. שטיל, אָהן צערעמאָניעס, איז די גילדענע טאַבליצע

ארויף, און שטיל, אָהן צערעמאָניעס, איז זי אראָפּ פון זעמעל'ס הויז און ארויפגעטראָגען געוואָרען אויפ'ן בוידעם. דאָרט, צווישען אלע אַלטע חאַליעוועס, ליגט זי נאָך עד היום הזה; שפּינען בויען אויף איהר זייערע קונציגע שטיבעלעך און מייז טאַנצען אויף איהר ארום מיט גרוים עזות... אויף איהר אָרט הענגט היינט איין אַנדער טאַבליצע, שוין נישט מיט קיין גילדענע אותיות:

„Механическое Прачешное Заведеніе."

דער נאָמען „זעמעל" שטעהט שוין ניט ארויסגעשטעלט; נאָר מיר ווייסען, אַז די וועש־פאַבריק איז זיינע, און ס'איז גאָר קיין עולה ניט, אַבי פערדיענען געלד. דער חסרון איז אָבער, וואָס סע פערדיענט זיך ניט. אונזער אָסיפּ זעמעל האָט געעפענט די פאַב־ריק, ווי אַ גרויסער פּריץ, און מיט אַזאַ שיק, אַז גאָט ווייסט. אויב זי וועט זיך האַלטען נאָך אַ חודש, אָדער העכסטענס צוויי חדשים.

ביי די דאָזיגע אומשטענדען און ביי דער דאָזיגער לאַגע פון זייערע געשעפטען האָבען זיי, אָסיפּ מיט רעוועקאַ'ן, פּלוצים ערהאַל־טען די טרויעריגע דעפּעשע, און אַט אַזוי זענען זיי געקומען צו סענ־דער'ען אין שטוב אריין, וואו מיר האָבען געהאַט די עהרע זיי שוין צו זעהען.

דאָס זיעבעטע קאַפּיטעל.

וואו דער לעזער בעקענט זיך מיט צוויי זייטיגע פּערשוינען אינ'ם דאָזיגען ראָמאַן.

די אַלטע לייט האָבען שוין אַזאַ מזל, משטיינס געזאָגט, אַז ווי באַלד זיי חאַפּען זיך נאָר אריין צווישען יונגוואַרג, אַזוי פער־געסט מען נאָר אָן זיי, גלייך ווי זיי זענען גאָר ניטאָ אויף דער וועלט.

צווישען אַלע אונזערע פּאַרשוינען, וואָס דרעהען זיך דאָ אַרום ביי אונזער פיינעם סענדער'ען אין הויז, האָבען מיר גאָר דורגעלאָ־זען די מוהמע דאַבריש, סענדער'ס איין אייגענע שוועסטער, איין

אַלטע אידינע פון אַ יאָהר זיעבעציג, מיט אונטערגעבונדענע צייהן, אַ הויבע און אַ גראָבע, אויף סענדער׳ס מאַניער.

— ווי קומט איהר אהער, מוהמעניו? — האָבען זי די יונגע דאַמען געפרעגט. — ווען קומט איהר אַן? ווי אַרום, און פון וואַנען?

— אַך! — האָט זיי די מוהמע דאָבריש געענטפערט, קרעכצענדיג און שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ. — אַך! איך האָב דערהערט די גוטע בשורה פון אַ היגען בעל־עגלה, וואָס פאָהרט צו אונז אַלע וואָך; פון איהם בין איך געוואָהר געוואָרען פונ׳ם שלאַג! אַך! איין ברודער! איין־און־איינציגער ברודער! און וואָסער אַ ברודער! אזא ברודער! אַך! אַך!

— וואָס אַבקעט איהר, דאָבריש? — האָט זיך מרים־חיה אָנגערופען. — גאָט וועט געבען, וועט ער, אם ירצה השם, זיין געזונט.

— יאָ, מיין קינד, יאָ, ביי גאָט איז אַלץ מעגליך, יאָ! ער איז אודאי אַ גרויסער בריה! ער איז אַ דאָקטער איבער אַלע דאָקטוירים!

דער בעריהמטער אַסיפּ זעמעל, וואָס האָט נאַר־וואָס געהאַט דעם שענעם פסק פון זיין שוועהר, האָט פערבונדען אַ שמועס מיט דער מוהמע דאָבריש און האָט אויסגעשאָטען איינגאַנצען זיין סאַטירע, אַלע זיינע וויצען מיט די ווערטלעך איבער איהר, און דערמיט צעלאַכט דעם גאַנצען עולם. ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום נאָך איהר קומען האָט מען זי אריינגערופען צום קראַנקען ברודער, וואו זי איז אָפּגעזעסען עטליכע מינוט און איז צוריק אַרויסגעגאַנגען, שנייצענדיג די נאָז און ווישענדיג די אויגען. דער ניט־געפאַלענער אַסיפּ האָט זי בעגעגענט מיט אַ הילכיגען געלעכטער און האָט איהר אין די אויגען איבערגעקרימט, ווי זי וויינט און שנייצט די נאָז. דער עולם האָט אויסגעשאָסען אַ געלעכטער, און אַסיפּ האָט געשיינט פאַר שמחה.

— לאַכט, לאַכט, קינדערלעך! — האָט זיי די גוטע מוהמע

געענטפערט מיט גרויס הכנעה. — איהר וועט אמאל אויך אלט ווערען, וועט מען אייך אויך אויסלאכען!

דער לעבעדיגער אסיפ האט ניט אויפגעהערט צו שפעטען פון דער אלטער מוהמע, צום גרויסען פערגעניגען פון דער גאנצער פא־מיליע, און די גוטע מוהמע דאבריש האט ניט איבערגערעדט דאס צווייטע ווארט און האט געלאכט גלייך מיט זיי אלע.

שווער צו פערשטעהן די פראקטיקייט און די ווייכקייט פון דער דאזיגער אלטער: צי ווייל זי איז טאקי בטבע אזא גוטע פרוי, צי איבער איין אנדער זאך? מיר קענען די מוהמע דאבריש פאר א אידינע, וואס האט ביז פופציג יאהר עקספעדירט דריי געזונדע מאנען אויף יענער וועלט און איז געבליבען א „קטלנית“, ווי עס ווערד ביי אונז אנגערופען, און קיין קינדער האט זי ניט געהאט.

די מוהמע דאבריש האט, ווי עס ווייזט אויס, געוואוסט, אז אויף דער עלטער וועט זי בלייבען עלענד, ווי א שטיין, האט זי פון פריהער צוגעגרייט א שטיקעל פערמעגען, עטליכע הונדערט רובעל מיט א קליין שטיבעלע און מיט איין איינ קלייטעל פון „באקא־ליע“, פון וואנען זי ציהט זיך איהר בעדערפעניש. אין שטאדט הייסט זי ביי איטליכען „די מוהמע דאבריש“. און כריסטען רופען זי „דאברוכא“. א חוץ וואס זי האט א קלייטעל, איז די מוהמע דאבריש א שטיקעל רופא׳טע אויך; ביי איהר קריגט מען אלערליי רפואות, פערשיעדענע גראזען, סם, מישיאק, ראזמארין, שאלווי, ראמאשקעס, און זי איז א ווילדע מומחה׳טע אויף אפשפרעכען איין עין־הרע, צייהנוועהטיג, א „בעשיכע“, אפקוועטשען „זובישטשעס“, אויסגיסען אויף וואכס, ווארפען אויף קארטען, ברענגען איין אנט־לאפענעם מאן אויף א קאטשערע, פערטרייבען מכשפות, שדים, לצים, „דאמאוויקעס“ און א סך אנדערע תחבולות און סגולות. פאר דער מוהמע דאבריש האט יעדערער אפשיי, און די כ׳ריסטען גע־בען איהר אפ גרויס כבוד, נאך איהר ווערטה נאך. זומער קאן מען זי אפט בעגעגענען גאנץ פריה, איידער די זון געהט אויף, אין פעלד, קלויבען איהרע גראזען, און ווינטער, שפעט אין דער נאכט,

אקעגען דער לבנה, מאַכען מיט די הענד און שעפּטשען מיט די ליפּען. אין דער שטאָדט, וואו די מוהמע דאַבריש וואָהנט, דערצעהלט מען וועגען איהר עטליכע זעהר ניט קיין שענע מעשיות, און „נאַטשאַלסטווע" האָט אויף איהר שוין לאַנג איין אויג, נאָר אין די קליינע שטעדטלעך ווערד אַלץ אָפּגעטהאָן פערנייהט און פערדעקט.

— איהר זענט דאָך עפּיס יאָ אַ מומחה'טע, — האָט זיך צו איהר אַסיפּ ניט אויפגעהערט צו טשעפּען, — ווי זשע קומט דאָס, אַז איהר זאָלט ניט געבען קיין רעכטע רפואה דעם שוועהר ?

— גאָט, גאָט וועט איהם צושיקען אַ רפואה שלמה, מיין קינד ! ער איז אַ רופא כל בשר, מיין קינד ! ער איז אַ מפליא לאיינסעם (לעשות), מיין קינד !...

די מוהמע דאַבריש קאָן אַ גוזמא לשון־קודש־ווערטער, און דערפּאַר גילט זי פּאַר אַ למדנ'טע, אַ וואָהלקענענדיגע, אַ מאַנסבילשער קאָפּ.

— נו, און אָפּשפּרעכען העלפט דען ניט ? — האָט איהר אַסיפּ ווייטער דעקוטשעט מיט זיין סאַטירע.

— ניין, מיין קינד ! אין אַ פרעמדער שטאָדט קאָן מיין שפּרעכען ניט עולה יפה זיין, מיין קינד.

אונזער העלד אַסיפּ האָט לאַנג געטריבען קאַטאָוועס מיט דער מוהמע דאַבריש, וואָס האָט איהם גערופען „מיין קינד" און איז ניט ברוגז געווען, וואָס מע שפּעט איבער איהר אַזוי אָפענטליך ; נאָר אַסיפּ'ס סאַטירע האָט זיך סוף־כל־סוף צוגעגעסען איטליכען, האָט איהם רעוועקאַ געזאָגט :

— גענוג שוין, אַסיפּ ! — און האָט אויף איהם אַזאַ קוק געטהאָן, אַז אַסיפּ איז אַנשטומט געוואָרען אויף אַ היבשער ווײַלע, ביז דער דאָקטאָר קלוגער איז געקומען בעזוכען דעם חולה, און ביי'ם געזעגענען זיך האָט זיך מיט איהם אַסיפּ צערעדט מכח זיינע געשעפטען. ער האָט איהם דערצעהלט וועגען דעם גרויסען פּראָצעס, וואָס ער פיהרט מיט זיין געוועזענעם שותף פייפערמאַן, וואָס

האָט איהם בעראַבעוועט אויף אַנדערהאַלבען מיליאָן, און וועגען דער אַמעריקאַנישער וועש־פאַבריק, וואָס געהט ביי איהם זעהר גוט — טשעסטנאַיע סלאָווא!

דער דאָקטאָר קלוגער האָט זיך תחילת שטארק פעראינטערע־סירט מיט אָסיפ'ס מעשיות און איז זעהר נייגיעריג געווען צו בעקו־מען אַ בעגריף וועגען דעם אינטערעסאַנטען פּראָצעס אויף אַנדער־האַלבען מיליאָן און וועגען דער אַמעריקאַנישער וועש־פאַבריק. אונ־זער העלד האָט זיך פּשוט מחיה געווען, וואָס גאָט האָט איהם צו־געשיקט אַזאַ מענשען, וואָס אינטערעסירט זיך מיט איהם. האָט ער ארויסגענומען אַ גאַנצען פּאַק פּאַפּיערען: פּראָשעניעס, קאָפּיעס, חשבונות, פּלאַנען, וועכסלען, קוויטלעך און גלאַט אַזוי פּאַפּיערען. דער דאָקטאָר קלוגער האָט נעבאַך געמוזט איבערקוקען דעם גאַנצען פּאַק מיט פּאַפּיערען, און אַ קאַלטער שווייס האָט איהם בעשלאָ־גען. וואָס האָט ער געקאָנט טהון, אז ער האָט זיך אַליין אָנגע־פרעגט איין אומגליק? עטליכע מאָל האָט ער זיך געריסען פון זיי־נע הענד, געקוקט אויפ'ן זייגער, נאָר אומזיסט: אָסיפ איז איהם אריינגעפאָהרען מיט זיינע געשעפטען גלייך אין הארצען אריין און האָט איהם אָפּגעמוטשעט אַ גוטע שעה צייט, ביז רעוועקאַ האָט איהם מיט איהר אריינקומען איבערגעשלאָגען (פאַר איהר האָט אונזער העלד געהאַט דרך־ארץ).

אַז דער דאָקטאָר קלוגער איז ארויסגעפאָהרען פון סענדער'ס הויף, האָט ער ארויסגעלאָזט אַ פרייען זיפץ פונ'ם הארצען, ארומ־געקוקט זיך, צי עס לויפט איהם ניט נאָך דער הערר זעמעל מיט זיינע דאָקומענטען.

— אַ זעלטענער קאָפּ! — האָט דער דאָקטאָר קלוגער דער־צעהלט ביי זיינע אַנדערע פּאַציענטען. — אַנדערהאַלבען מיליאָן! איך בין געווען ביי אַ פּאַציענט, ביי דעם הערר בלאַנק; איהר קענט דאָך דעם הערר בלאַנק? האָט ער איין איידעם, אַ זעלטענער קאָפּ. שטעלט אייך פאָר, ער פיהרט אַ פּראָצעס אויף אַנדערהאַלבען מי־ליאָן!

— אַזוי? וואָס זשע מאַכט עפּים אייער חולה? ווי גערט עס דעם הערר בלאַנק'ען אין געזונט?

— עט! דערווייל אָהן אַ שום פאַרענדערונג, סטאַטוס נער־וואָזוס... איך רעכען, אַז מאָרגען אָדער איבערמאָרגען — ניט שפּע־טער — דאַרף זיין דער קריזיס, אָדער אַהער, אָדער אַהין... — און דער דאָקטאָר קלוגער האָט בעוויזען מיט'ן גאַנצען גוף אַהער און אַהין.

— אוי־וואַ! איין עבירה אַזאַ מענטש, ווי רב סענדער, כלעבען. ווי זאָגט איהר, הערר דאָקטאָר?

— אָ, אָהן אַ שום ספק! אַ פיינער מענטש, אַ לייטישער מענטש, אַ פּאָטשטיענע מענטש, אַ זעלטענער מענטש!

— נו, און דאָס ווייב מיט די קינדער, הערר דאָקטאָר?

— אָ, פרעגט גאָר נישט! אוראי, אַ גרויסער בראָך, אַ גרוי־סער בראָך, אַ גרויסער אומגליק פאַר'ן ווייב מיט די קינדער נע־באָך. גוטע מענטשען, עהרליכע לייט, אַלע, די גאַנצע פאַמיליע! וואַסער אַ פּאַסטוך, אַזעלכע שאָף. דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונ'ם בוימעלע... לייטישע מענטשען! נאָר וואָס זאָל מען טהון?

— אַ דימענטענער מענטש, אַ גילדענער מענטש, אָט דער דאָק־טאָר קלוגער!

אזוי זאָגען איהם נאָך זיינע פּאַציענטען, און אַזוי זאָגען מיר איהם אויך נאָך דעם זעלבען שבח: אַ דימענטענער, אַ גילדענער מענש! אַלע קענען איהם. אומעטום איז ער דאָ. וואוהין מע זאָל איהם נישט רופען, פאָהרט ער; וועקט איהם אויף אין האַלבע נאַכט, וועט ער מיט אייך פאָהרען אין עק וועלט אריין, אַבי דאָס האַלבע קערבעל... אוי, האָט ער ליעב דאָס האַלבע קערבעל!

זייט זשע מוחל, וואָס האָט איהר געוואָלט: אומזיסט זאָל ער צו אייך פאָהרען? פון די דאָזיגע אידעאַליסטען איז ניט אויסצו־שטעהן!

דער דאָקטאָר קלוגער האָט ליעב דאָס האַלבע קערבעל; ער האָט דאָס אַזוי שטאַרק ליעב, אַז ער לויפט נאָך דעם נאָך, און

דינגט זיך מיט׳ן ארעמאַן, וואָס קאָן עס איהם נישט געבען, אזוי לאַנג, ביז ער מוז עס איהם געבען. און איך זעה דאָ בפירוש ניט ארויס קיין שום עולה פון זיין זייט, ובפרט, אז מע טרייבט איהם:

— געה, נשמה מיינע, איך האָב געהערט אין מארק, אז ער ליגט אויף א טיפוס, און ביי דעם מאָזעלט א קינד! געה, מיין לע־בען, גיכער. דאַרט קאָנסט דו נעמען א קערבעל, און אפשר טאַקי צוויי, מחמת איך וויים, וויפיעל פלייש מע נעמט אהין יעדען טאָג. און דו זאָלסט זעהן, וואָסער א טואליעט זיין ווייב מיט זיינע טעכ־טער טראָגען, וואָלסט דו אליין געזאָגט, הארץ מיינס, אז דער רוח וועט זיי ניט נעמען! נישקשה, מאַמע מיינע, האָסט גענוג געהאַ־רעוועט, ביז דו האָסט בעקומען דעם דיפלאָם צו מזל! שעם זיך ניט, מיין קרוין, דאָס איז דיין פרנסה; דאָס איז מיין קלייט, מיין קראָם, און דאָקטוירים איז היינט דאָ גענוג...

איך רעכען, אז מיין לעזער שטויסט זיך שוין אָן, אז אזעלכע זיסען רעד קאָן נאָר זאָגען א ווייב — א ווייב, וואָס איז איבערגע־געבען צום מאַן מיט׳ן גאַנצען לעבען. אז וואָהל איז דיר, הערר דאָק־טאָר, אויף דער וועלט, און אז וואָהל איז דיין ליעבען נאָמען, גע־בענשטער, דער גליקליכסטער פון אלע, פון אלע מאַנען! מיר פער־גינען דיר מיט׳ן גאַנצען, גאַנצען הארצען!...

איך מוז וויעדער א מאָל בעטען מחילה פון מיינע לעזער און לעזערין, וואָס איך האָב אוועקגעוואָרפען אונזער ליעבסטע פאַמי־ליע בלאַנק און האָב זיך אביסעל פערנומען מיט זייטיגע פארשוי־נען: ערשטענס, איז די גוטע מוהמע דאָבריש אונזער סענדער׳ס איין אייגענע שוועסטער, בלוט און פלייש; און אזוי ווי די דאָ־זיגע בארמהערציגע שוועסטער האָט געקאָנט קומען מבקר חולה זיין דעם ברודער. האָט זי געווים פערדיענט א שטיקעל אָרט אין אונזער כראָניקע; און צווייטענס, דעם דאָקטאָר קלוגער האָבען מיר אהער ניט געבראַכט; איהם האָט געבראַכט צו פיהרען פרווי־קע דער משרת.

ווי באַלד דער דאָזיגער גוטער דאָקטאָר איז געקומען צו פאָהרען דאָס ערשטע מאָל, האָט ער אָנגעהויבען צו פאָהרען אהער פינף מאָל אין טאָג און האָט געמאַכט פון סענדער'ס בויכוועהטיג אַ גאַנצען יריד, און זיין געטרייע פרוי, די דאָקטאָרשע, האָט צעקלונגען איבער דער גאַנצער שטאָדט, אַז דער אַלטער בלאַנק איז פערביי, איין אומגליק, אַ מין חלירע! סע געהט אַרום אַ חלירע אין שטאָדט! מע דאַרף זיין געהיט זעהר, זעהר! מע דאַרף זיך זעהן בעצייטענס מיט'ן דאָקטאָר, נישט אָפּלעגען אין דער לאַנגער באַנק אַריין!...

דאָס אַכטע קאַפּיטעל.

דער זאָטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען, די געזונדע פערגעסען אינ'ם חולה, און עפּיס נאָך.

דער זייגער האָט געקלונגען צעהן, אַז סענדער בלאַנק'ס משפּחה האָט זיך געזעצט עסען וועטשערע.

אויבען־אָן, אויף מרים־חיה'ס אָרט (מרים־חיה איז געזעסען אין קאַבינעט נעבען איהר מאַן דעם חולה), איז געזעסען רעוועקאַ; נעבען איהר, פון דער רעכטער האַנד — סאָני, ביי דער לינקער האַנד — חיים; נעבען חיימ'ען איז געזעסען אָסיפּ, נעבען סאָני'ן איז געזעסען מאַרקוס, נעבען אָסיפּ'ען — די אַלטע מוהמע דאָבריש. דער מאָהלצייט איז צוגעגאַנגען גאַנץ געוועהנליך; אַלע זענען געזעסען סטאַטעטשנע, ווייל סענדער'ס שטוהל איז געשטאַנען לעדיג, און עס איז עפּיס געווען ניט פריילין. אונזער ניטפערלאָרענער העלד אָסיפּ האָט יאָ אַ פּאָר מאָל אַ לאַך געטהאָן איבער דער מוהמע דאָבריש, נאָר זיין סאַטירע האָט אָבער דאָ ניט געווירקט. די מוהמע דאָבריש האָט געגעסען מיט גרויס דרך־ארץ, דהיינו: זי האָט נאָך יעדען זופּ אוועקגעלעגט דעם לעפעל און אָפּגעווישט די ליפּען, און אַזוי ווייטער. פרויקע האָט דערלאַנגט צום טיש מיט גרויס קוראַזש: ער האָט זיך געוואָלט אויספיינען פאַר די געסט, און פאַר גרויס אימפּעט האָט ער אויסגעגאָסען אויף דעם הערר זעמעל אַ טעלער

יויך; אונזער פראנט האָט זיך אויפגעהאַפּט פונ׳ם אָרט און האָט אָפּגעשטעקט דעם געטרייען משרת עטליכע פייערדיגע פּעטש און האָט מיט טרערען אויף די אויגען זיך גענומען ווישען, בערשטלען, רייניגען און שעלטען פּרויקע׳ן מיט טוידטע קללות, און פון יענעם אָבענד אָן איז צווישען אונזער אַריסטאָקראַט זעמעל מיט פּרויקע דעם משרת געוואָרען אַ ברענענדיגע שנאה אויף טוידט.

נאָך דער וועטשערע זענען אַלע געגאַנגען זאָגען דעם קראַנקען פאָטער „אַ גוטע נאַכט". מרים־חיה איז געבליבען ביי סענדער׳ען אין קאַבינעט. די מוהמע דאָבריש האָט זיך געלעגט שלאָפען ער־גיץ אין אַ ווינקעלע מיט גרוים הכנעה און עניוות. די קליינע קינ־דער זענען שוין לאַנג געשלאָפען מיט׳ן זיסען, טייערען שלאָף, און חיים, מאַרקוס, רעוועקאַ, אַסיפ און סאָני האָבען זיך אַלע בעזעצט אין דער שענער, גרויסאַרטיגער זאַל — און איך ווייס עד היום ניט, ווי אַרום, פון וואָס און פון וואַנען זענען אַלע פּלוצים מוסכם גע־וואָרען צו שפּיעלען אין קאָרטען? — נאָך איידער מע האָט זיך אַרומגעקוקט וואו מען איז אין דער וועלט, האָט שוין אַסיפ געהאַל־טען אַ פּעשעל קאָרטען אין די הענד און דאָס פּנים האָט איהם געפלאַמט פאַר שמחה. נאָר אַסיפ׳ען איז היינטיגען אָבענד ניט בעשערט געווען צו טיילען קאָרטען, ווייל רעוועקאַ האָט זיך ניט געשעמט און אויסגעשריען אויף אַ קול צו איהר געליעבטען מאַן:

— זייט זשע מוחל, אַסיפ מאַסיעיעוויטש, גיט אַהער די קאָר־טען, מחמת איהר זענט צו אַ גרויסער מזיק אויף פינף טייז...

דער עולם האָט זיך צעלאַכט, און אַסיפ האָט זיך נעבאַך גע־ביסען די נעגעל פאַר דאָסאַדע; ער האָט אויסגעלאָזט זיין ביטער האַרץ צום אומגליקליכען פּרויקע׳ן, וואָס האָט אין דער מינוט אַריינ־געטראָגען ליכט מיט אַ שטיקעל קרייד. פּרויקע האָט דערלעבט אַ נקמה אין זיין שונא און האָט שוין כמעט פערגעסען, אַז פון אַסיפ׳ס פּעטש איז איהם אויפגעלאָפען אַ באַק.

רעוועקאַ האָט געטיילט קאָרטען, און דער גאַנצער עולם האָט כלומרשט געשפּיעלט אָהן חשק, אָהן ווערטער; נאָר ביסלעכווייז,

וואָס ווייטער, איז מען געוואָרען אַלץ מונטערער, לעבעדיגער; יע־דער האָט גערעדט, געקוקט, גערעכנט, געצעהלט און געשטעלט געלד, געחאַפּט אַ קוק צו יענעם אין די קאָרטען אריין, געוואונקען, געשמייכעלט, חוץ איין חיים, וואָס איז געזעסען, ווי אַ פרעמדער, און האָט כסדר צעביטען איין קערבעל נאָך דעם אַנדערען. מעהר פון אַלע האָט געלעבט דער הערר אָסיפּ זעמעל: זיינע האָר זענען געוועזן צעקאָשמעט, דאָס פּנים פערפלאַמט, דער שטערן פערשוויצט, און אַליין איז ער אַלע מאָל אונטערגעשפּרונגען:

— וואַליאַי!... איך קויף!... שנייד!... געב איהם אַהער, דעם חברה־מאַן!... איך בראַק ווייטער!... דער מלכה אַ קניפּ אין בעקעל, און דעם מלך אַ פּייג אונטער דער נאָז!... צוויי טייז, ווי די מייז!... אַ פּליאַסק אין פּיסק!... אַהאַ, רעוועקאַ!... געב נאָר, געב!... גוט־גוט!... נאָך! נאָך! נאָך!... אָט אַזוי לערענט מען ביי אונז!... האַק אַ צדיק!... דו פּייפּסט, ברודער?... קריך, קריך, חיים־סערצע!... סאָפיאַ אבראַמאָוונאַ! לעגט זיך שלאָפען!... אָט־אָט־אָט־אָט־אָט־אָט!... האַק! טפּררררו! לויף ניט!... מאַרקוס, שטעל געלט!... זוך, זוך, חיים!... רעוועקאַ, מאַלאַדיעץ!...

אונזער געעהרטער אָסיפּ האָט אַזוי לאַנג געסמאַליעט אַ וועלט, ביז ער האָט זיך אויסגעבייטעלט ביז גאָר, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט עפּיס איינגערוימט רעוועקאַ'ן אַ סוד אויפ'ן אויהער.

— איך וויל ניט, איך וויל ניט! — האָט איהם זיין ליעבסטע פרוי געענטפערט אויף אַ קול. — בעסער הער־אויף צו שפּיעלען, אַז דו האָסט קיין געלט ניט!

אָסיפּ איז געוועזן אויסער זיך פאַר כעס; פון דעסטוועגען האָט ער זיך איינגעהאַלטען און האָט געזאָגט הויך אויף אַ קול:

— דו מיינסט, אַז איך האָב קיין געלט ניט? איך האָב, טשעסטנאָיע סלאָווא! אָט וועל איך באַלד ווייזען.

און אונזער העלד איז אַוועקגעלאָפען גלייך צו פרויקע'ן אונ־טען, ביי די טרעפּ, און ביי איהם געבעטען אַ הלואה ביז מאָרגען זייגער אַכט אין דער פריה, טשעסטנאָיע סלאָוואַ!... פרויקע האָט

איהם דערמאָנט די פייערדיגע פעטש און האָט לאַנג ניט געוואָלט געבען; נאָר ער האָט אויף איהם רחמנות געהאַט (פּרויקע האָט זעהר אַ גוט האַרץ!) און האָט איהם געליהען צעהן רובעל, בתנאי, אַז ניט שפּעטער ווי מאָרגען זייגער אַכט זאָל ער איהם דערפאַר געבען פופצעהן רובעל.

אָסיפּ איז אַריין מיט גרויס קוראַזש און זאָל אַריין:

— אַ פיינע שטאָדט! זייגער צוועלף ביינאַכט קאָן מען שוין ניט צעבייטען קיין הונדערטער, טשעסטנאָיע סלאָוואָ!

עס איז איבערגעגאַנגען נאָך אַ האַלבע שעה, און ביי אָסיפּ'ען האָבען די צעהן רובעל געטאַגט, און חברה וואָלט זיך אפשר צע־גאַנגען פון די קאָרטען בשלום יעדער אין זיין רוה אַריין, ווען דער צעהיצטער הערר זעמעל וואָלט פּלוצים זיך ניט אויפגעהאַפּט פון'ם אָרט, ווי איין אָפּגעבריהטער, מיט אַ גוואַלד:

— סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ! איהר דאַרפט געדענקען, אַז איהר שפּיעלט ניט מיט קיין זשוליקעס! איך האָב פיינט אַזעלכע אָפּע־רעס! טשעסטנאָיע סלאָוואָ!

סאָני איז געוואָרען אַלערליי פאַרבען, און דער עולם איז אָנ־געפאַלען אויף אָסיפּ'ען:

— האַ? וואָס איז דאָרטען? וואָס? ווי אַזוי? וואו? ווען?

— סטיימטש! — האָט אָסיפּ געשריגען ניט מיט זיין קול. — ווי אַזוי דערלאָזט איהר גאָר אַזעלכעס? מיר זענען ניט קיין קאָר־מאַנשטשיקעס! דאָ שפּיעלען אָרענטליכע מענטשען, ניט קיין קאָר־טיאָזשניקעס! סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ! איך פּראָטעסטיר פאַר אַלע־מען, אַז איהר האָט געשטעלט אַ גילדען און האָט אַרויסגענומען אַ פערציגער אויסגאַב! זייט זיך מודה! טשעסטנאָיע סלאָוואָ!

— אַך, איהר קאָרטיאָזשניק! — איז אויף איהם סאָפיאַ אַבראַ־מאָוונאַ אָנגעפאַלען. — איהר זענט אַליין דער גרעסטער אַפעריסט! איהר מיינט, אַז איך זעה ניט, ווי איהר טרעט־אָן רעוועקאַ'ן אַלע מאָל אויף די פיס אונטער'ן טיש?

— אַ, דו מערזאַווקע איינע! — איז רעוועקאַ אויף איהר אָנ־געפאַלען. — דו האָסט שוין אָנגעהויבען דיינע אַלטע שטיק?... — און רעוועקאַ האָט איהר אַ וואָרף געטהאָן די קאַרטען אין פּנים אריין און איז ארוים פון׳ם טיש.

— דו ביזט אַליין אַ מערזאַווקע! — האָט איהר סאָני געענט־פערט מיט כעס. — און דיין פראַנט האָט פארשאַרלאַטאַנעוועט איג־גאַנצען זיין ירושה אין פּעטערבורג אויף גוטע זאַכען...

— האָ?! וואָס??! איך???!! איך???!!! איך????!! טשעסטנאָיע סלאָווא!!!!

— לאָז זיין שטיל!

— וואָס זאָגסט דו אויף דער קאַטאַסטראָפע, אויף אזא טראַ־געדיע? — האָט מאַרקוס געזאָגט צו זיך אַליין.

— שששששששאַ! דער בעל־הבית האָט באַפוילען, עס זאָל זיין שוין שטיל! — האָט פּרויקע געזאָגט, אריינגעלאָפען אַ דערשראָ־קענער.

ווי דער כח פון עלעקטרי, האָבען דאָ פּרויקע׳ס ווערטער גע־ווירקט, און חברה האָט זיך ערשט דערמאַנט, אַז ניט איצט איז די צייט אין קאָרטען שפּיעלען — און יעדער איז זיך צעגאַנגען אָנגע־בלאָזען, מיט איין אראָפּגעלאָזטער נאָז, צו זיך אין זיין רוה אריין, אָהן ווערטער, אַפילו אָהן אַ „גוטע נאַכט“, שטיל, אויף די שפּיץ פינגער...

* * *

ליגענדיג אין בעט, האָט חיים אַ פרעג געטהאָן זיין סאָני׳ן: „וואָס הייסט דאָס?“ — און סאָני האָט זיך געשוואָרען ביי איהרע קינדער, אַז זי ווייסט ניט „פון קיין פּותר און פון קיין חלום“, און זי וועט געהן שווערען ביי אַ ספר־תורה, אַז זי האָט אַליין געזעהען, ווי אָסיפּ האָט אונטערגערוקט עטליכע מאָל זיינע קאָרטען רעוועקאַ׳ן, און ווי רעוועקאַ האָט געוואונקען אויף מאַרקוס׳ען...

— מעגסט זיך טאַקי איבערנעמען, חיים, מיט דיין משפחה! ביי מיין טאַטען וואָלט אויך אזוי געווען, איאַ, חיים? האָטש דיין

שוועסטער איז אַ טאָכטער, ניט קיין זוהן, וועט זי נעמען מעהר ווי דו! איך האָב פאַרשפּיעלט צוויי און צוואַנציג קערבלעך, און רע־וועקאַ האָט זיי אָפּגעוואונען, און ירושה וועט זי אויך נעמען מעהר פון אונז, חאָטש זי איז אַ טאָכטער און דו ביזט אַ זוהן!... רעוועקאַ האָט תמיד געקאַנט מאַכען דעם שוועהר חניפה'לעך מיט חנ'דלעך, דערפאַר וועט זי זיין אַ גרעסערע יורש'טע פון דיר, דאָס זאָג איך דיר פריהער, חיים! דו מעגסט זיין אויף מיר ברוגז וויפיעל דו ווילסט!...

* * *

— וויפיעל האָסט דו געוואונען, רעוועקאַ? — האָט אָסיפּ אַ פרעג געטהאָן, ארומגעהענדיג איבער'ן צימער האַלב אויסגעטהאָן און נאָך אַלץ שטאַרק פערפּלאָנטעט.

— דו דאַרפסט דאָס טאַקי נויטיג וויסען, אָסיפּ? — האָט איהם רעוועקאַ געענטפערט און האָט זיך גענומען איבערצעהלען איהר קאַפּיטאַל: — פערציג, פופציג, זעכציג, פינף און זיעבעציג, אַכציג, דריי און אַכציג, זעכס און אַכציג, זיעבען און אַכציג, נייענ־ציג, צוויי און נייענציג מיט פערציג קאָפּיקעס... צוויי און נייענ־ציג רובעל מיט פערציג קאָפּיקעס... אָסיפּ! געב נאָר אַהער מיין שקאַטולקע! — אָסיפּ האָט איהר צוגעטראָגען די שקאַטולקע, און רעוועקאַ האָט אַהין ארייננעלעגט איהר ביסעל אַרעמקייט, האָט פערשלאָסען און געגעבען אָסיפּ'ען צוריק דאָס קעסטעלע, ער זאָל דאָס אוועקשטעלען. מיט גרוים קנאה האָט נעבאַך אָסיפּ געקוקט אויף רעוועקאַ'ס קעסטעלע.

— עס וואָלט שוין, כּלעבען, אַ יושר געווען, רעוועקאַ, אז דיין „אַלטער" זאָל...

— וואָס מאַכט ער דיר קאַלי, אז ער לעבט, אָסיפּ?

— איך מיין פון דיין טובה וועגען, רעוועקאַ! טשעסטנאָיע סלאָוואָ...

— איך בעט דיך, זאָלסט ניט זאָרגען פאַר מיר, אָסיפּ!

— המ...

— ווי אזוי ווייזט „ער" דיר אויס, אַסיפּ?

— שלעכט, זעהר שלעכט, רעוועקאַ. היינט, מאָרגען... טשעסט־נאַיע סלאָוואַ!

— נו, נו! בייס זיך אָפּ די צונג!

— המ...

— וואָס זאָגט דער דאָקטאָר, אַסיפּ?

— ער זאָגט, אַז „ער" דאַרף שרייבען אַ צואה, מחמת...

— דער דאָקטאָר איז אַזאַ שוטה, ווי דו!

— המ...

— איך מיין, אַז ביי איהם ליגט ערגיץ אַ גרייטע צואה! ווי מיינסט דו, אַסיפּ?

— לאָם איך דיר דערצעהלען, רעוועקאַ, נאָר דו וועסט דאָך מיר אויף קיין שבועה ניט גלויבען, — שווער איך דיר, אַז ווען ניט, זאָל איך אַ מיתה משונה איינעמען דאָ אויפ'ן אָרט, איך זאָל ניט דערלעבען אויפשטעהן, טשעסטנאַיע סלאָוואַ!...

— אַ? דו שווערסט זיך שוין? איז דאָס געוויס אַ ליגע! גענוג, גענוג, אַסיפּ!

. . . .

אַ גוטע נאַכט! מיר האָבען בעלעגט אַלע אונזערע העלדען, וואָס דאַרפען אצינד רוהען און געניסען דעם זיסען שלאָף נאָך אַלע נאַרישקייטען מיט די שטות'עררייען פונ'ם גאַנצען טאָג. איך מיין, אַז עס דאַרף זיין אַ גרעניץ פאַר דעם ראָמאַניסט אויך, ביז וואַנען איהם איז ערלויבט נאָכצוגעהן מיט'ן לעזער פיס־טריט נאָך זיינע העלדען. פון אונזער זייט איז דאָס אַליין שוין אויך ניט אזוי שען און איידעל, וואָס מיר האָבען זיך ערלויבט אונטערהערען, וואָס אונזערע פיינע העלדען שמועסען צווישען זיך פאַר'ן שלאָף. אַרויס־געהענדיג פון סענדער'ס הויז, האָבען מיר דאָס רעכט ביי זיך און צווישען זיך רעדען, שמועסען, בעדויערען און חוזק מאַכען פון אַלע.

מיט וועלכע מיר האָבען זיך דאָ בעקענט — קיינער קאָן אונז נישט שטעהרען; דערויף בין איך אַ שרייבער, און איהר, מיין ליעבער פריינד, אַ לעזער, אַז מיר זאָלען רעדען פון „יענעם" — און „יענער" לאָז רעדען פון אונז, וואָס ער וויל און וויפיעל ער וויל... אַ גוטע נאַכט!

דאָס נייענטע קאַפּיטעל.

אַט דאָ הויבט זיך אָן דאָס רעכטע שפּיעל, וואו די אַקטיאָרען קאָנען בעווייזען איינגאַנצען זייער קונסט.

עס מאַכט מיר פערגעניגען, וואָס איך האָב די געלעגענהייט אָנצוהויבען דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל, ווי איין עכטער ראָמאַניסט, און פאָרשטעלען מיין ליעבען לעזער אויך האַרצרייסענדיגע סצענעס מיט ריהרענדיגע בילדער, גלייך מיט אַלע מיינע חברים די ראָמאַניסטען, וואָס האָבען שוין לאַנג קונה־שם געווען און וואָס איך קאָן זיך צו זיי בשום אופן נישט גלייכען, דען זייער קליין פינגערעל איז גרעבער פון מיינע לענדען, און אַז איך זאָל אפילו לעבען נאָך הונדערט יאָהר, וואָלט איך אויך נישט געקאָנט אָנשרייבען אַזוי פיעל שענע ראָמאַנען, מיט וועלכע אונזער ניי־זשאַרגאָנישע ליטעראַטור האָט זיך נישט וואָס צו שעהמען אַקעגען אַנדערע ליטעראַטורען, און איך פערהאָף אויף דעם וואָס לעבט אייביג, אַז עס וועט, אם ירצה השם, קומען אַ צייט, וואָס מע וועט די דאָזיגע שענע זשאַרגאָנישע ראָמאַנען אַנגרוזען גאַנצע וואַגאָנעס און מע וועט זיי עקספּעדירען ווייט־ווייט, און איך האָב מורא, אַז דער, וואָס וועט זיי אָוועקהאַנדלען, וועט געווים פערדיענען אַ גוזמא געלד אין'ם דאָזיגען „פּאַפּיער־מסחר"... איך שטעל מיר פאָר די טרויעריגע לאַגע פון די דאָזיגע ראָמאַניסטען (אויב זיי וועלען דאָס דערלעבען) מיט זייערע אויסגעצויגענע פּנים'ער, אַז זיי וועלען דערזעהען, ווי אַזוי זייערע אינטערעסאַנטע ווערק ווערען געפּאַקעוועט אין זעק און אין טיוקעס, ווי אַזוי אַ באַסיאַק האַפּט אַ גאַנצען טיוק מיט

„העכסט־אינטערעסאַנטע“ ראָמאַנען פון פּיער טהייל מיט איין עפּי־לאָג און מיט אַ „שיר“ און טהוט איהם אַ שליידער אין וואַגאָן אַריין! אַוועק־אַוועק אָט די אַלע בלאָנדע העלדען, די שרעקליכע מערדערס, די אידישע גראַפען מיט די באַראָנען, די ווילדע מיליאָ־נערען, די אומגעלומפּערטע אידישע פּראָצענטניקעס, וואָס זענען נים געשטויגען און נים געפלויגען, אָנגעצויגען אויף הויכע דרוקעס אין דער ווילדער פאַנטאַזיע פון די דאָזיגע בעהעלפער, וואָס האָבען זיך אַ נאָמען געגעבען שרייבערס, פערפאַסערס, ראָמאַניסטען!...

נאָר אַזוי ווי ביז דעמאָלט דאַרף נאָך אַוועקגעהן אַ היבשע צייט, ביז וואַנען דאָס אידישע פּובליקום וועט זיך אַרומקוקען, אַז מע האָט זיי געהאָדעוועט אַ לאַנגע צייט מיט שמאַטעס, געגעבען קייען שטרוי, פּשוט ווי בהמות, און די בעהעלפערס וועלען זיך נעמען צו זייער אַלטער מלאכה און וועלען אויפהערען צו פּאַטשקען ריין פּאַפּיער, — ביז אָט די דאָזיגע גליקליכע צייט וועט קומען, וועלען מיר זיך אויך פּרובען חאָטש אויף אַ מינוט נעמען זיך אויף דעם דאָזיגען שניט און געבען די לעזער אַ ראָמאַנטישע סצענע, ווי אַ סורפּריז, ווי אַ פּרעמיע צו דעם דאָזיגען ווערק.

בכן, איז געווען איין אויסגעצייכענטע, אַ זעלטענע זומער־נאַכט: אויפ׳ן הימעל איז אַרומגעשוואומען די שענע לבנה (וואָס אַלע פּערליעבטע זענען זעהר געהרען), און האָט מיט איהר בלאַס געזיכט אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד, צו זיין איין עדות אויף די אַלע נידעריגקייטען, וואָס ווערען אָפּגעטהאָן צווישען די זינדיגע מענשען. די שטערען זענען געווען, ווי בריליאַנטען, אויסגעשאָטען אויף דעם ריינעם בלויען הימעל, און אַ שרעקליך שטילשווייגעניש האָט געטהאָן הערשען אויף דער ערד, גלייך ווי די גאַנצע נאַטור מיט אַלע איהרע בעשעפּענישען זענען אַנשלאָפען געוואָרען מיט אַ זיסען, אַ שרעקליכען שלאָף, גלייך ווי אַלץ איז אויסגעשטאָרבען אויף דער ערד. מע האָט נישט געהערט קיין קול פון קיין מענשען, קיין געזאַנג פון קיין פויגעל, קיין בילען פון קיין הונד, קיין שאָראַך פון קיין גרעזעלע, קיין בעוועגונג פון קיין צווייגעלע. אַלץ איז

געשלאָפֿען מיט'ן טייערען, מיט'ן זיסען שלאָף אין דער שענער שטאָדט .N, וואו עס קומט־פאָר אונזער פיינע געשיכטע.

און איך, דער פערפֿאסער פֿונ'ם דאָזיגען בוך, נאָר איך אליין בין געווען דער איינציגער מענש אין דער גאַנצער שטאָדט, וואָס האָט געוואכט די דאָזיגע שענע זומער־נאַכט; איך האָב מיר גע־שפּאַציערט איינער אליין איבער אלע גאַסען, פערטיעפט אין גע־דאַנקען, און געזוכט מאַטעריאל צום שרייבען, און וויפיעל איך האָב נים געטראַכט און געקלערט, האָב איך גאָרנישט געקאָנט אויסקלע־רען אזעלכעס, וואָס זאָל טויגען אין א ראָמאַן אריין, ביז גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף א יונגען שרייבער, און מיינע אויגען האָבען דערזעהען עפּיס א רעדעל פֿון שווארצע פיגורען... די פיגורען זענען צוגעגאַנגען אלע מאָל נעהענטער צו מיר, און מיר האָט זיך אויס־געוויזען, אז איך זעה מתים, אנגעטהאָן אין שווארצע קליידער; די מתים האָבען עפּיס ווי געערדט צווישען זיך, גע'טענה'ט און געקריעגט זיך; זיי זענען געשטאַנען ארום א מיטה, און איך וואָלט געקאָנט שווערען, אז זיי האָבען געהאַלטען א מין זאַך, ווי א פּלע־שעל, א בוטעלקע, וואָס יעדער בעזונדער האָט זי אנגעבויגען צו זיך אין מויל אריין און איבערגעגעבען דעם צווייטען, דער צווייטער דעם דריטען, און אזוי ווייטער. א פּראָסט איז איבערגעגאַנגען איבער מיין לייב, און די האָר האָבען מיר זיך געשטעלט קאַפּויר. איך האָב געוואָלט זיך לאָזען לויפען, האָבען מיך די פיס נים גע־פאָלגט. עד היום הזה קאָן איך עס נים פערשטעהן, ווי אזוי איך בין נים געשטאָרבען פאַר שרעק, פאַר פּחד! נאָר שטעלט אייך פאָר מיין איבעררוֹשונג, אז די דאָזיגע מתים מיט דער מיטה זענען צוגעגאַנגען נאָהענט צו מיר, און איך האָב זיי דערקענט!

— א גוטען אָבענד! דאָס זענט איהר, חברה שמשים? חברה מקברים?

— גוט יאָהר! יאָ, דאָס זענען מיר, מיר.

— פֿון וואַנען? וואוהין?

— פונ'ם בית־הקברות צו רב סענדער דעם נגיד... זלמן! וואו זענען די כלים? ביי לוי־מרדכי'ן? שטעלט אנידער די מיטה און גיט אהער דאָס פלעשעל, וועלען מיר נעמען צו קאַפּעטשקעלער.

— רב רפאל! וואָס רעדט איהר? רב סענדער איז גע־שטאָרבען?

— יאָ געשטאָרבען, ניט געשטאָרבען — ס'איז נישט אונזער עסק: מע האָט געשיקט רופען, געהען מיר. מסתמא ניט פאַר וואוילטאָג. פאַרשטעהט זיך! ווען קומט מען אָן צו רפאל דעם אויבער־שמש? אז מע געהט אויף יענער וועלט... מיכאל, האָסט, דאַכט זיך, אַ שמעק טאַבאַק?

— אזוי? הייסט דאָס, איז רב סענדער אויך אָפּגעשטאָרבען, רב רפאל? איין עבירה, כלעבען.

— איין עבירה? וואָס איז? געהאַט אַ גראָבען בויך? לאָזען זיך די ווערעם פרייהען.. אויסבאַהאַלטען זיך פונ'ם טוידט איז אביסעל שווערליך, און אויפ'ן בית־עולם איז דאָ אָרט גענוג, טאַטע מיינער!... חברה, נו? גענוג אייך שוין צו חלעפּטשען, לאָזט איין אָרט אויף שפּעטער. סענדעריכע איז אַ גאַנץ וואוילע אידינע, און איין עמער שפּירעט וועט מסתמא זיין, האַ? מיר זאָלען איהם חאַטש קאָנען ביז טאָג מאַכען זיין רעכט... ווי מיינט איהר, ס'איז שוין שפּעט?

— זייגער צוועלף, רב רפאל.

— האַ? צוועלף? קינדער! קינדער! די נאַכט שטעהט נים! היידאַ!

די פּלוצימדיגע בשורה פון סענדער'ס טוידט האָט אויף מיר אזוי שטאַרק געווירקט, אַז איך האָב זיך געלאָזט געהן מיט דער חברה שמשים, נישט געפרעגט זיך, וואוהין און צוליעב וואָס. אַז סענדער האָט געלעבט, איז ער מיר ווייניג־וואָס אָפּגעגאַנגען, און אַז איך האָב דערהערט, אַז ער איז געשטאָרבען, האָט דאָס מיך עפּיס ווי אַ ציפּ געטהאָן, אַ ריס אין הארצען: וואָס פרעגט איהר? אַ מענש לעבט, עסט, געהט אַרום, און פּלוצים — נאַ דיר! ווי

אזוי זאָל דאָס נישט אָננעמען ביי'ם הארצען? ובפרט נאָך אזא סענדער, וואָס... וואָס...

נאָר לאָמיר בעסער הערען, וואָס זאָגט די שטאָדט, וואָס רעדט דער עולם, אָט די אַלע רעדלעך, וואָס שטעהען דאָ ארום דעם הערר בלאַנק'ס הויז, ביי דעם הערר בלאַנק אין הויף, ביי'ם הערר בלאַנק אין שטוב?...

דער ערשטער אקט.

— וואָס פאַר אַ גרויסער עולם, קיין עין־הרע ניט!

— ניט אומזיסט זענען מיר אידען, רחמנים בני רחמנים.

— וואָס זשע מיינט איהר? ער האָט אודאי פאַרדיענט, אז מע זאָל איהם אָנטהון אַ כבוד.

— וואָס איז דאָרט אזעלכעס? מיט וואָס?

— יאָ, די גרויסע טובות, וואָס די שטאָדט האָט פון איהם דאָ געהאַט? די גליקען?

— טובות ווילט איהר? וואָס פאַר טובות?

— צי אפשר אַ בעל־צדקה אַ גרויסער?

— וואָס הייסט ביי אייך, רב מאיר, אַ בעל־צדקה?

— צי גלאַט אזוי אַ גרויסער נדבן?

— איך וויים ניט, וואָס איהר ווילט האָבען?

— און דערצו אַ גרויסער למדן מסתמא?

— יאָ, אַ גאון־עולם, חוץ זיין שאָדען...

— דערפאַר איז ער אָבער געוועזען אַ גרויסער ירא־שמים!

— יאָ, אַ גוואַלדאָוונע זאַך!

— אַ למד־ואו'ניק, חאַ־חאַ־חאַ!

— איהר זענט אַלע זעהר פרום!

— פרום, זאָגט איהר? אונזערע קינדער געהען אויך אָהן היט־לען, ווי רב סענדער'ס קינדער, האַ? וואָס זאָגט איהר, רב חיים? מיין איידעם רויכערט אויך אַ פּאַפּיראָס אים שבת, איאָ?

— און אונזערע מעכטער טראָגען מסתמא אויך די אייגענע האָר, האַ?

— קומט אייך אַ דאַנק!

— וואָס טויגען אונז אָט די אַלע שטות'ערייען, איך בעט אייך? וואָס זאָגט עפּיס אונזער גבאי?

— אונזער גבאי פון חברה־קדישא?

— יאָ, יאָ, אונזער רב קלמן פלאָקען?

— איך ווייס? איך מיש מיך שוין ניט אין קהל'שע זאַכען... לאָזען זיי זיך דאָרט שלאָגען קאָפּ אין וואַנט!

— וואָס זאָגט איהר אויף איהם? ער מישט זיך שוין ניט אין קהל'שע זאַכען!... גוטע יאָהרען? חאַ?

— איך מיין, וואָס טויג אונז אָט די דאָזיגע פּוסטע מחלוקת'ען? זאָגט בעסער, מע וועט עפּיס געבען געלט?

— וואָס הייסט געלט?

— וויפיעל געלט? געלט צו געלט איז ניט גלייך!

— איך מיין אַ צעהן זעקלעך...

— פאַר וואָס ניט קיין צוואַנציג, איך בעט אייך?

— צוואַנציג טויזענד קערבלעך? וועה איז מיר! וואָס וועלען מיר טהון מיט אַזאַ סומע געלט?

— טפו זאָלסט דו ווערען, אז אָך און וועה איז דיין שכל!... וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ שאלה פון אַ תם?...

— איך זאָג אייך דעם אמת, צוואַנציג טויזענד קערבלעך איז גאָר ניט אַזאַ אי־אי־אי! וואָס איז דאָרטען? וועט אָנקומען ווינ־ציגער אביסעל די יורשים! אַ גרויסער אומגליק!...

— ער האָט אָנגעזאַמעלט געווגו, נישקשה!...

— כשר געלט!

— מיט פרעמדע הענט!

— אידיש בלוט!

— שאַ!... וואָס איז דאָרט אַזאַ גוואַלד?

— וואו? אין שטוב? מע קעהר איהם שוין „אויפחויבען“? ניין! מיר דאכט, אז עס איז געצעל׳ס קול?

— וואסער געצעל׳ס?

— געצעל דעם שניידער׳ס!

— וואס וויל ער? דאס איז א שייגעץ! אומעטום מישט ער זיך אריין!

— א שניידערעל, א פאלגע! איהר ווייסט דען ניט?

— אזוי טאקי? און איהר קאנט דאס ניט סובל זיין? ווי באלד א נאשבראט זאגט א ווארט, אזוי חאפט אייך אוועק דער רוח!... אז געצעל איז א שניידער, איז אייך וואונד און וועה? איך בין אויך א שניידער און שעם מיך כלל נישט מיט מיין מלאכה! אבי ניט קיין פוסטעפאסניק, קיין בלוטזויגער, קיין שבתי-צבי׳ניק! א רוח אין אייער טאטענ׳ס ביינער אריין, פאר וואס זאל מען טאקי דא נישט אפלעקען קיין ביינדעל?... איהר האט א סך אזעלכע רב פענדערס? פאר וואס זאל מען טאקי נישט נעמען אויפ׳ן שניי־דערשען שוהלבעל אויך א מטבע? פרעסערס! זויפערס! שקצים! הולטאיעס!...

— איהר האט זיך אפגעזוכט כבוד, וואס טויג מיר מעשיות...

— וואס שרייט מען דארט אזוי?

— דאס טענה׳ט א טרעגער; ער שרייט — דרייסיג טויזענד! דרייסיג טויזענד, און גענוג!

— דרייסיג! פערציג! דרייסיג!

— פערציג! פערציג!

— וואס פערציג?

— פערציג טויזענד קערבלעך!

— פערציג! פערציג! פערציג!...

— שרייט, קינדער, פערציג!

— פערציג! פערציג! פערציג!!!...

דער צווייטער אקט.

— איך פרעג אייך אליין, רב קלמן, איהר זענט איין עהרליכער איד: ווי קומט דאָס, איהר זאָלט אזעלכעם זאָגען?...

— וואָס זאָג איך, וואָס? איך זאָג דען חלילה עפּיס? וואָס זענט איהר מיך דאָ חושד, רב חיים? אייער פאָטער — לאָז איהם גאָט געבען יאָהרען, גאָט איז אַ גרויסער קינצלער — נאָר ווען חלילה וחס, די שעה זאָל ניט זיין, ער מאכט־צו איין אויג, וועט מען אייך צעטראָגען די שטוב אויף שטיקלעך! איהר זעהט? טהוט אַ קוק, זייט מוחל, דורך דעם פענסטער, וואָס פאר איין עולם עס קלויבט זיך!

— וואָס זשע ווילט איהר, רב קלמן?

— וואָס וויל איך? וואָס זאָל איך וועלען? איך וויל גאָר־ניט! פראָמענע — לאָז זיין ווי איהר ווילט! איך בין אייך, גלויבט מיר, דער בעסטער גוטער פריינד, און מיט אייער פאָטער — איז איך וויים? מיט'ן שענסטען אופן! מיט אַ הלואה, מיט אַ גמילות־חסד, מיט, מיט אַלץ... איך מיין אייער טובה דאָ. איהר מוזט דאָ יוצא זיין. פאָרט, ווי זאָגט מען, אַ קאפּיטאַל... דער ערשטער גביר אין שטאָדט... דער ראש וראשון!... און למאי זאָלען מיר זיך דאָ טאקי נארען? אייער פאָטער איז אודאי געוועזן אַ פיינער מענטש, איין עהרליכער מענטש... אויב ער לעבט נאָך, לאָז איהם גאָט געבען יאָהרען... און אויב ניט, לאָז ער מיר מוחל זיין... ער האָט פאָרט נישט יוצא געוועזן פאר דער שטאָדט!... איז אַ יושר, אַז איהר, אַ יורש, איין עלטערער זוהן... אַ... אַ... ווי זאָגט מען...

— וואָס האָט איהר צו אונז, רב קלמן, גאָט איז מיט אייך? דער טאַטע איז טאקי פארביי... ער איז דאָך אָבער נישט געשטאָר־בען — ער לעבט דאָך נאָך! עס איז דען נישט קיין שפיכות־דמים? איך פרעג אייך, רב קלמן? איהר האָט גאָר קיין מורא ניט פאר גאָט?...

— ע, רב חיים, איהר שמועסט זיך מיט מיר אויס גאר אויף איין אנדער אופן! ווער איז שולדיג? איהר זענט אליין שולדיג!... איהר האט געמאכט א גוואלד: „אידען, ראטעוועט!" איז זיך דער עולם ביסלעכווייז צענויפגעלאפען... מע הערט אזא געוויין!... מע זעהט אלע לויפען, אלע שרייען: „געשטארבען! געשטארבען!"... מע האט געפרעגט דעם דאקטאר, זאגט ער: „שלעכט! שלעכט!"... אייער משרת זאגט: „איין עק! א סוף!"... און דא ווייזט מען, — נו, איז מען דאך אידען, לויפט מען! אייער פאטער איז דאך פארט, ווי זאגט מען... און פרובט זאגט דעם עולם, אז ער איז נאך ניט געשטארבען, וועט מען אייך דען גלויבען? שוין צו שפעט!... און געהען די חברה נושאי המיטה, — נו גער, טענה מיט זיי!... שקצים! ווער האט געשיקט נאך אייך?... שכורים, ארוים, און אייער טא־טענ׳ס מאמע׳ס טאטען אריין!...

דער דריטער אקט.

— אוי, א דונער האט מיך דערשלאגען! זעלדע, איהר הערט א געוויין? איהר הערט, ווי די בעל־הבית׳טע רעוועט?

— ווייסט איז מיר! זלאטקע, אט דאס איז ער אויסגעגאנגען, אפנים! וואונד איז מיר! ניטא שוין מיין בעל־הבית!... מלכה! זלאטקע! לויפט ארויף און טהוט א פרעג ביי פרויקע׳ן, א מכה איז מיר א גרויסע!

— אן לויפט פרויקע.

— וואו? וואס טראגט ער דאס? עפיס א פעקעל?

— פרויקע־סערדצע, וואס הערט זיך דארט? שוין, צי נאך ניט? פרויקע! וואס שטומסט דו? רעד! שוין, צי נאך ניט?...

— שוין... נאך ניט... געפעלט דיר אביסעל, ווי זי האט גע־עפענט א מויל! ליגט אין דער ערד אלע! ווערד די כפרה פאר מיר און פאר מיין בליומקע׳ן! א שענע פאדיאקע! געדיענט און געדיענט — זאלסט זאגען, אפילו אין האנט אריין אנגעשפיגען...

ווער? וואָס? וועמען? איין אויבערשטע העמד, איין אַלטען זשילעט — מכות־בכורות אייך אַלע מיט אייער בעל־הבית׳טע צו־זאמען! זי האָט דערזעהען ביי מיר די שליסלעך, האָט זי זיי ביי מיר צוגענומען... געווען זיעבען יאָהר, האָב איך קיין פאַדעם נישט גענומען, וועל איך געהן היינט צו דער שאַפע, געהן זאָלט איהר אויף קוליעס!... האַרעווע פון אייערטוועגען טאָג מיט נאַכט, ווי א פאַרקויפטער, קיין חיי־שעה, — און וואָס?... ברענען זאָלט איהר אויפ׳ן פייער! איין אומגליק וואָלט געווען, ווען פרויקע זאָל האָבען נאָך א גאַרניטער מיט נאָך א פּאָר שטיוועלעטען!... און א זייגער? ווער האָט היינט ניט קיין זייגער? א ליאַדע פּאַרך טראָגט זיך היינט אַרום מיט א זייגער: נאַ, זעה, קוק מיך אָן! און פרויקע דאַרף ניט! פרויקע דאַרף גאַרניט! פרויקע דאַרף נאָר דיענען יעדען באַזונדער, ווי א הונט!... די שטיוועל פוץ, צום טיש דער־לאַנג, גענג לויף, א בריעף טראָג־אָפּ, אהין געה, דאָרט שטעה — טפו זאָלט איהר ווערען אַלע מיט אַנאַנדער!... זעלדע! די לע־פעל! גיט אהער די לעפעל!

— וואָסערע לעפעל? וואָס טשעפּעסט דו זיך?

— אָנאָ, די זילבערנע לעפעל! א טוץ לעפעל! גיט נאָר אהער, זייט מוחל, די זילבערנע לעפעל, זעלדע! נו, גיכער, גיכער!...

דער פיערטער אקט.

— אוי, מיין קרוין, מיין סענדער! אויף וועמען לאָזט דו מיך איבער? ביי נייען און דרייסיג יאָהר איין אַלמנה — וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אזעלכעס?...

— וויינט ניט, שוויגער, גאָט איז א פאָטער, און דער שוועהר קאָן נאָך לעבען בלייבען, שוויגער!

— אוי, זאָג עס ניט, סאָניטשקע, זאָג עס ניט! דו האָסט איהם נישט געזעהן היינטיגע נאַכט, סאָניטשקע! סע איז גאָר ניט דער סענדער, וואָס פריהער!

— אט וועלען מיר הערען, וואס וועט דער דאָקטאָר זאָגען, שוויגער! דער דאָקטאָר איז דאָרט?

— אוי, וואס קאָן איהם דער דאָקטאָר העלפען, סאָניטשקע, אז איך בין אזוי זינדיג ביי גאָט און אזוי אומגליקליך, עלענד און אומ-גליקליך?...

— אוי, אזא ברודער, איין-און-איינציגער ברודער, ווי איין אויג אין קאָפּ! קינדערלעך! בעט גאָט, ער איז א גרויסער גאָט, א שטאַר-קער גאָט, א גוטער גאָט, ער קאָן אַלץ, ער קאָן פון טוידט אויך לע-בעדיג מאַכען!... אוי, מיין טייערער סענדער! געדענקסט דו, ווי טייער דיין איינציגע שוועסטער, דיין דאָבריש, איז ביי דיר געווען? געדענקסט דו, סענדער מיינער, ווי געטריי, ווי גוט איך בין געווען צו דיר, אז דיר איז, ניט היינט געדאַכט, די צייט געווען ניט אין בעסטען, און איך האָב דיך, סענדער, אונטערגעהאַלטען מיט אַלץ, ווי ווייט איך האָב געקאָנט, און דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אז גאָט וועט דיר צושיקען א שטיקעלע הצלחה, וועסט דו מיר אָפּדאַנקען מיט'ן גרעסטען כבוד, און צום סוף, סענדערעל, האָסט דו פאַרגעסען אָן דיין איינציגע שוועסטער דאָבריש, וועלכע איז דיר אפשר גע-טרייער פון איין אַנדערען, סענדערעל, לאָז דיר גאָט מוחל זיין, ווי איך בין דיר מוחל מיין קריוודע, סענדערעל! מסתמא וועלען מיר דיינע טייערע קינדערלעך ניט פאַרלאָזען אויף דער עלטער, און עמיצער וועט זיך אפשר ארומקוקען אויף מיר אויך, דיין איינציגע שוועסטער, א פאַרוויסטע אַלמנה און א קראַנקע, סענדערעל! נאָר איך האָב נאָך א בטחון אויף דעם, וואס איך בין ניט ווערטה זיין הייליגען נאָמען צו דערמאַנען אָט דאָ, אז אויב איך האָב ביי זיין שטוהל א שטיקעלע זכות, וועט ער איהם נאָך צושיקען א רפואה-שלמה, אם ירצה השם, חאָטש אַנדערע קוקען ארויס, סענדערעל, אויף דיין טוידט, און איך וועל נאָך האָבען די זכיה צו רעדען מיט דיר, אם ירצה השם, און דאָס אַלץ דערצעהלען אין פריידען!...

דער לעצטער אקט.

דער דאָזיגער לעצטער אקט קומט־פאָר אין אַ צוגעשלאָסענעם חדר, וואוהין מיר קאָנען בשום אופן נישט אריין. איך האָב נאָר געקאָנט זעהען דורך דעם פענסטער אונזער געעהרטעסטע מאַדאַם רעוועקאַ זעמעל, וועלכע איז געזעסען מיט זעהר אַ פערפלאָמט פּנים ביי אַ קיילעכיגען טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף איהר שענער ווייסער האַנד, און איהרע גרויע אויגען האָבען אומגעבלאָנזעט פער־טראַכט.

נאָר איין גאָט ווייסט, וואָס טראַכט אַצינד די דאָזיגע פיינע פרוי? אַרום איהר דרעהט זיך אַרום איהר ליעבליכער מאַן, דער געריהמטער אָסיפּ זעמעל, מיט די הענד אין די קעשענים, קוועטשענ־דיג די סקריפּענדיגע שטיוועל; ער וויל צוגעהן צו רעוועקאַ'ן און וויל איהר עפּיס זאָגען, נאָר, ווי עס ווייזט אויס, קאָן ער ניט...

וואו איז אונזער מאַרקוס, דער יונגסטער פון אַלע יורשים?... סע קאָן זיין, אַז ער איז דער איינציגער, וואָס זיצט אַצינד איבער'ן פאָטער'ס קאָפּ. סע קאָן זעהר געמאָהלט זיין, אַז מאַרקוס איז דער איינציגער, וואָס האָט אין דער מינוט לחלוטין פערגעסען אָן זיך און טרעט נישט אָפּ פון'ם קראַנקען פאָטער, וואָס איז פאַרביי. אַלץ קאָן זיין אויף דער וועלט, און מיר זענען נישט מחויב אריינ־קריכען יעדען בעזונדער אין הארצען אריין. גיט אהער אייער האַנד, לעזער, און לאָמיר אַוועקגעהן פון דעם דאָזיגען הויז אין דער דאָ־זיגער נאַכט, מחמת קיין פערגעניגען, ווי איהר זעהט אַרויס, קאָנען מיר דאָ היינטיגע נאַכט נישט געניסען... לאָז גאָט געבען פריילי־כערע און מעהר איינגענעמענע סצענעס אין אונזער לעבען!

דאָס צעהנטע קאַפּיטעל.

וואו אונזער געשיכטע בעקומט גאָר איין אנדער פּנים

שווארצע וואָלקענס האָבען זיך אָנגערוקט אויף סענדער בלאַנק'ס הויז און אַ פינסטערע, אַ שרעקליך פינסטערע נאַכט האָט זיך דאָ

אויסגעצויגען: אַ גאָט'ס שטראָף האָט זיך אויסגעגאָסען אויף סענ־דער'ס קאָפּ מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד. נאָר... למאי זאָלען מיר זיך נאַרען? איהר האָט שוין געווים געלייענט גענוג ראָמאַנען און זענט שוין מסתמא גוט בעקענט מיט די אַלע אַנשטעלען, מיט די קונצען פון דעם ראָמאַניסט, וואָס פיהרט אייך און פיהרט אייך, און איהר מיינט, אַז איהר זענט שוין מיט איהם אינגאַנצען פאַרטיג! צום סוף — סטאָפּ! אייערע נערווען זענען שטאַרק אָנגעצויגען און ביז'ן סוף געפינט איהר זיך אין איין ציטערניש, אין איינע פּחדים. ניין, רבותי! איך בין אַ שלעכטער ראָמאַניסט, איך קאָן ניט אָט די מלאכה, און סודות האָב איך פיינט: אונזער פיעל־געליעבטער העלד סענדער איז ניט געשטאָרבען, הגם איך וואָלט געקאָנט אויס־פיהרען גאַנץ לייכט, אַז ער זאָל יאָ שטאַרבען, אַזוי ווי עס שטאַרבען פיעל העלדען ביי'ם פערפאַסער אונטער דער האַנד און ווערען ביי איהם דערטרונקען אין איין טראָפּען טינט. נאָר, איך פרעג אייך, איז דאָס אַ קונץ אַ גרויסער — אַזוי זיך בעגעהן מיט אַ פרעמד לעבען? מע דאַרף האָבען יושר, מיינע ליעבע פריינד, און מע דאַרף בערעכענען יענעם אויך. סענדער בלאַנק האָט טאַקי געשרי־בען אַ צוואָה, געזאָגט ווידוי, זיך פיין געזעגענט מיט דער פאַמי־ליע, נאָר שטאַרבען האָט ער פונקט אַזוי געוואָלט, ווי איך מיט אייך ווילען שטאַרבען.

— נו? וואָס האָב איך געזאָגט? ווער איז גערעכט? האָב איך אייך דען ניט געזאָגט, אַז עס מוז קומען אַ קריזים? אָט קאָ־עזאַר אָט ניחיל — אַהין אָדער אַהער! דאַנקען און לויבען גאָט, וואָס אַהער!

אַזוי האָט געזאָגט אונזער געטרייער דאָקטאָר קלוגער מיט אַזאַ רוהיגער שטימע, אַז די מוהמע דאָבריש האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, און האַלטענדיג די הענד איבער'ן קאָפּ, האָט זי צע־שטופּט דעם גאַנצען עולם און האָט זיך געלאָזט צום חולה אין קאַ־בינעט אריין.

— אוי, לאָזט מיך! לאָזט מיך! לאָזט מיך! לאָזט מיך צו איהם! איך וויל איהם זעהען מיט מיינע אויגען! איך וויל איהם אָנקוקען! לאָזט מיך! לאָזט מיך!

ביי די דאָזיגע ווערטער האָבען זיך אַלע אונזערע בעקאַנטע פרויען איבערגעקוקט צווישען זיך. אונזער געליעבטער סאַטיריק אַסיפ זעמעל האָט אַזוי אָנגעטראָטען מאַרקוס'ען אויפ'ן פוס, אַז יענער האָט אַזש אויסגעשריגען פאַר וועהטיג.

דאָס גאַנצע געזינדעל האָט זיך צענויפגעקליבען אַרום דעם קראַנקען סענדער'ען, וואָס איז פון טוידט לעבעדיג געוואָרען — מזל טוב!

— וואָס זאָגט איהר אויף מיין מאַן? — האָט די גוטע דאָקטאָרשע געקלונגען אין אַלע גאַסען. — וואָס זאָגט איהר עפּיס? איאָ, מע מעג בעטען גאָט פאַר אַזאַ דאָקטאָר? פון טוידט לעבעדיג געמאַכט! וואָס? ניין אפשר? וואָס, איך בעט אייך? אַ מענטש האָט עפּיס אַ ווערטה? אָט לעבט ער, און אָט — טפו!

און די גוטע דאָקטאָרשע שנייצט די נאָז און ווישט די אויגען, און אַלע גוטע ווייבער שנייצען די נעז און ווישען די אויגען.

. . . .

אַך, ווי שען, ווי איינגענומען, ווי זיס דאָס איז אָנצוקוקען פון דער ווייטען אַזאַ אידיליע, ווען די גאַנצע פאַמיליע טאַנצט־אַרום אַרום דעם קראַנקען, וואָס האָט איבערגעלעבט די שווערע קראַנק־הייט, איבערגעקומען, אָפּגעשוויצט, איבערגעטראָגען דעם קריזיס, און אַצינד הויבט ער אָן קומען צו זיך, ביסלעכווייז ווערען אַ מענש, איבער־אַ־נייעם לעבען, לעבען צוזאַמען מיט אַט די אַלע איבערגע־געבענע, ליעבע, געטרייע, וואָס קוקען איהם אין די אויגען אריין און קאָנען זיך גאָר זאַט ניט אָנקוקען, גלייך ווי מע האָט איהם ניט געזעהען שוין פון צוואַנציג יאָהר, גלייך ווי ער האָט זיך אומגע־קעהרט פון אַ ווייט לאַנד, און יעדער לויפט איהם מקבל־פּנים זיין, און ביי יעדען אין די אויגען בעקומט ער גאָר איין אַנדער חן, און

וואָס ער זאָל ניט זאָגען, איז דאָס אַ חכמה. אַלע דרעהען זיך אַרום איהם, נאָר מעהר פון אַלע איז דאָס ווייב. מיר דאַכט זיך, אַז די ווייבער זענען דערויף בעשאַפען געוואָרען, אַז זיי זאָלען וויינען, ווען מיר ליגען שלאָף, און פרייהען זיך און אַרומטאַנצען אַרום אונז, ווען מיר הויבען־אָן געזונד צו ווערען.

דער מחבר פונ'ם דאָזיגען בוך האָט ערגיץ אַ חבר און זעהר אַ נאָהענטען גוטען פריינד, וואָס איז אָפּגעלעגען דריי וואָכען אויף אַ היציגע שלאַפקייט, און אַז ער האָט אָנגעהויבען קומען צו זיך, און איך בין געקומען איהם צו בעזוכען, האָט מיך בעגעגענט אין פאָרצימער זיין ווייב, זעהר אַ צערטליך בעשעפעניש, וועלכע איז איהם געווען אַזוי שטאַרק איבערגעגעבען, טאַקי נאָר ווי אַ גוט, אַ געטריי ווייב קאָן זיין איבערגעגעבען איהר מאַן אַ יאָהר דריי נאָך דער חתונה.

— נו, וואָס מאַכט ער, דער פיינער מענטש?

— אַ, ער האָט אויסגעטרונקען אָט ערשט דריי לעפעל זופּ, דריי גאַנצע לעפעל זופּ!... — און דאָס יונגע ווייבעלע האָט זיך בעגאָסען מיט טרערען.

— איך פאַרשטעה ניט, וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו וויינען, אַז אַ מענטש טרינקט־אויס דריי לעפעל זופּ? איך בין אייך מבטיח, אַז שפּעטער מיט עטליכע טעג וועט ער קאָנען אויסטרינקען אַ סך מעהר פון דריי לעפעל, ניט נאָר זופּ, אפילו באָרשטש, און נאָך בעסערס פון באָרשטש!

— אַ, וואָס ווייסט איהר? וואָס ווייסט איהר? פריהער מיט דריי טאָג האָט ער מיך שוין כמעט־כמעט גאָרנישט דערקענט!... און רעדען? וואָס ווייסט איהר? וואָס ווייסט איהר?...

— פע, כלעבען, אַ חרפּה, אַ בושה אייך צו וויינען אַצינד! פרייהען דאַרפט איהר זיך, פרייהען, לאַכען, זינגען, טאַנצען, ניט וויינען!

— וואָס איז, איך וויין דען? — האָט מיך דאָס דאָזיגע נאַרישע ווייבעל געפרעגט, און טרערען האָבען זיך געגאָסען פון איהרע שענע

אויגען, וואָס איז איין עבירה געווען, זיי זאָלען זיין רויט און נאַס פון געוויין.

— אוי, פּאַוואָלי! פּאַמעליך! — האָט זי אָנגעשריגען אויף מיר, אַז איך האָב מיין חבר אַ גרינגען קוועטש געטהאָן ביי דער האַנד. — זעצט זיך אַט דאָ, ביי דער זייט, אַט שטעהט אַ בענקעל. איהר קאָנט איהם חלילה אומגעהרען אַ זעץ טהון מיט דער האַנט, אָדער מיט'ן פוס... — און אַליין האָט זי זיך געשטעלט אויף די קניעס ביי איהם צוקאָפּענס און האָט אָנגעהויבען צו איהם רעדען, ווי מע רעדט צו אַ ברעקעלע קינד, וואָס ליגט נאָך אין וויעגעלע און עס שפּיעלט זיך מיט די פיסעלעך:

— נו, מוציקעל? וואָס ווילסט דו? ווי אַזוי איז דיר, מוציקעל?

און „מוציקעל" איז געלעגען, פערוואָרפען דעם קאָפּ אַרויף, און האָט זיך געפּעסטעט, געמאַכט חנ'דלעך, ווי אַ קליין קינד, און אַז איך האָב געוואָלט מיט מיין חבר, וואָס איז אַצינד נעווען אין בעסטען געזונד, אַביסעל שמועסען וועגען אונזערע געשעפטען, האָט דאָס דאַזיגע ווילדע וויבעל אַנידערגעלעגט איין הענטעל אויף איהר מאַנ'ס מויל און דאָס אַנדערע הענטעל אויף מיין מויל און האָט אונז מעהר קיין וואָרט נישט געלאָזט אויסרעדען.

דאָס אַנדערע מאָל, אַז איך בין געקומען צו מיין חבר און האָב נאָך ניט אויסגעפּיעט אַראָפּוואָרפען די קאַלאָשען פון די פיס, איז שוין זיין וויבעל געלאָפען אַקעגען מיר מיט פאַרטיגע קולעקעס; איך האָב געמיינט, אַז זי וויל מיך דאָ טוידטען אויפ'ן אָרט.

— וואָס איז ביי...?

— ששששששאַ! ששששאַ! שאַ! ער שלאָפט. נאָר וואָס אנשלאָפען געוואָרען. ששאַ!

— ער שלאָפט? לאָז ער שלאָפען געזונטערהייד! · לאָז...

— ששששאַ!!! אוי, איך בעט אייך, ששששאַ!...

און אויף איהר פּנים איז געווען אויסגעגאָסען אַזוי פיעל רחמנות מיט געבעט, אַז איך האָב געמוזט אַנטרונען ווערען פון דאַנען און

נים שטעהרען דעם זיסען שלאָף פון מיין גליקליכען חבר, וואָס, איך בין זיך מודה, איך האָב שטאַרק־שטאַרק מקנא געווען איהם אין דער דאָזיגער מינוט !...

איינער פון די דאָזיגע געבענשטע לייט, וואָס אויף זייער דאָלי איז אָנגעצייכענט געוואָרען צו פערזוכען דעם טעם פונ'ם דאָזיגען גליק, איז געווען, בלתי ספק, אונזער געשעצטער סענדער בלאַנק, בשעת ער איז אינגאַנצען געזונד געוואָרען און איז אויפגעשטאַנען פונ'ם בעט. דער ערשטער, וואָס איהם איז בעשערט געווען אָנצור קוקען איהם פריהער פאַר אַלע, איז געווען אונזער בראַווער משרת; מיט ציטערענדיגע הענד האָט פרויקע גענומען אַרויפציהען אויף זיין בעל־הבית די מלבושים, און אַז עס איז געקומען צום גילדערנעם זייגער מיט דער שווערער קייט, האָט זיך פון פרויקע'ס האַרץ אַרויס־ געהאַפט אַ שווערער, שווערער זיפץ.

מיט גרויס פאַראַד איז אונזער העלד אַריינגעקומען און האָט זיך געזעצט צום טיש מיטאָג עסען, אַרומגערינגעלט מיט זיין גאַנ־ צער פאַמיליע. סענדער'ס האַרץ איז אַזוי צעווייקט געוואָרען, קו־ קענדיג אויף זיינע קינדער מיט די אייניקלעך, אַז ער האָט אָנגעה־ הויבען צו לאַכען, זאָגען ווערטלעך, אויספרעגען און אויסהערען יע־ דען בעזונדער, און דערמיט האָט ער פרייליך געמאַכט דאָס גאַנצע הויז, און יעדערער האָט דערצעהלט, ווי איבערראַשט, דערשראָקען ער איז געווען, אַז ער האָט דערהאַלטען די טרויעריגע טעלעגראַמע. און רעוועקאַ האָט, דערצעהלענדיג, זיך אַזש צעוויינט. האָט זי דער פאָטער בערוהיגט:

— וואָס וויינסט דו, טאָכטער? אָט בין איך שוין געזונט, נאַרעלע!...

— יאָ, פאַפאַשאַ! — האָט איהם די געטרייע טאָכטער גע־ ענטפערט. — איך דערמאָן זיך אָבער, אין וואָס פאַר אַ טרויעריגער לאַגע איך האָב דיך געטראָפען, וויינט אין מיר מיין האַרץ... אָך, פאַפאַשאַ!...

— ווײַן ניט, נאַרעלע! אַבי גאָט האָט געהאָלפען, איך קאָן זיצען גלײַך מיט אײַך אַלע בײַ׳ם טיש, עסען און טרינקען, ווי אַ מענטש. דאַנקען גאָט דערפאַר, נאַרעלע!

— קיין עין־הרע ניט! — האָט די מוהמע דאַבריש אַריינגע־שטעלט איהר וואָרט.

— ווען קאָן איך אײַך זעהען נאָך אַ מאָל, קינדערלעך? — האָט זיך סענדער געווענדט צו דער גאַנצער פאַמיליע מיט זעהר אַ ריהרענדיגער שטימע. — איהר וועט זיך אַלע צעפאָהרען, יעדער אין זיין שטאָדט אריין, און איך וועל ווייטער בלייבען אליין! אַך, ווען איך זאָל אײַך אַלעמען קאָנען האַלטען דאָ אַרום זיך! (סענדער האָט בעוויזען מיט זיינע גרויסע הענד אַרום זיך, ווי אַ קוואָטשקע מיט די פליגעל, וואָס שיצען אונטער זיך אַ סך היהנדעלעך).

— איהר קאָנט דאָס דען ניט אויספיהרען? — האָט זיך די מאַדאַם סאָני בלאַנק איינגעשטעלט פרעגען דעם גוטען, בארעמ־הערציגען שוועהר.

— ניין, קינדער, איך קאָן דאָס ניט אויספיהרען: יעדער האָט זיך זיינע געגנג און איטליכער לעבט זיך מיט זיין שכל, און עס איז זעהר שווער, אַז מיר זאָלען זיך אַלע קאָנען אויסגלייכען. גאָט זאָל מיר העלפען, איך זאָל שוין פטר׳ען, חתונה מאַכען מיין בן־זקונים, וואָלט איך שוין מעהר ניט בעדאַרפט האָרעווען און וואָלט מיר געלעבט מיט מיין אַלטיטשקער, ווי זאָגט מען, דיד דאַ באַבאַ. האַ? וואָס זאָגסטו דו, מרים־חיה׳ניו?

— נו, און מיט׳ן געלט וואָס וועט איהר טהון? — האָט זיך אָסיפּ ניט ווילענדיג אַרויסגעחאַפּט און איז פאַרטיג געווען די רגע נעמען דאָס וואָרט צוריק, נאָר עס איז שוין געווען שפּעט: סענדער איז אָנגעצונדען געוואָרען פאַר כעס און האָט איהם מיט אַ שטאָך געענטפערט:

— וואָס איך וועל טהון מיט׳ן געלט? איך וועל דאָס געבען, געוויינטליך, דיר, און דו וועסט שוין מסתמא מאַכען דערמיט גרויסע געשעפטען פון ערד־קויהלען מיט גרויסע אַמעריקאַנישע פאַבריקעס...

דער גאַנצער עולם איז געבליבן זיצן ווי אויף נאָדלען, און אונזער פיינער אָסיפ האָט אָראָפּגעלאָזט די נאָז און האָט אָנגע־הויבן רייבן איין פוס אָן דעם אַנדערען. אַלע האָבן דערפיהלט, אַז דערפון קאָן אַרויס זעהר אַ מיאוסע סצענע, און האָבן, ווי מע זאָגט, געגאַפט אויף די נעגעל. נאָר איין מאַרקוס, וואָס איז עפּיס היינט געווען זעהר אויפגעלעגט און פריילאך, האָט פּלוצים אויסגע־שאָסן אַזאַ שטאַרקען געלעכטער, אַז אַלע זענען פּערציטערט גע־וואָרען. דאָס געלעכטער האָט זיך אָפּגעצויגען היבשע עטליכע מי־נוט, און מאַרקוס האָט זיך פערגאַנגען און איז געוואָרען ברוין און בלוי, אַזוי, אַז אַלע האָבן געמיינט, אפשר איז ער געריהרט...

— ערד־קויהלען!... חאַ־חאַ־חאַ! חאַ־חאַ־חאַ־חאַ!... — האָט מאַרקוס קוים אויסגערעדט און האָט זיך ווייטער פערגאַנגען אויף אַ לאַנגע צייט.

— און דאָס געלט פאַרטעכערען — זאָגט זיך סענדער ווייטער — און פיהרען נאָכדעם אַ פּראָצעס מיט פייפערמאַנ׳ען?...

— פיי... חאַ־חאַ־חאַ! פּייפ... חי־חי־חי־חי! פּייפער... חאַ־חאַ־חאַ! פּייפערמאַנ׳ען?... — האָט מאַרקוס קוים אויסגעשריגען און האָט זיך פערגאַנגען פּשוט אויף צו שטאַרבען.

מיר ווייסען ניט, וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו לאַכען אויף ערד־קויהלען, אָדער אויף אַ פאַמיליע פּייפערמאַן? ניט אַנדערש, אַז מאַרקוס׳ען האָט געגומען אויף צו לאַכען דער חערר זעמעל אַליין מיט זיינע געשעפטען און פּראָצעסען, און ווייל דעם פאַ־טער׳ס ווערטער האָבן דאָ געחאַט דעם גרעסטען עפעקט, דעריבער האָט זיך מאַרקוס ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט געמוזט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסלאָזען דאָס, וואָס האָט איהם עטליכע טאָג כסדר אַזוי געשטיקט. אַקעגען זשע אָבער, פאַר דעם חערר זעמעל איז דאָס געווען די גרעסטע בעלעדיגונג, און מיר קאָנען איהם, על־פּי יושר, בשום אופן ניט שולדיג מאַכען, וואָס ער האָט זיך אויפגעחאַפּט פונ׳ם אָרט און האָט אָפּגעשטעקט זיין געליעב־

סטען שוואַגער אַ פּלאַם־פייערינגען פּאַטש, אַזוי, אַז די פענסטער האָבען אַזש געקלונגען.

דער דאָזיגער אומגעריכטער פּאַטש האָט ווי אַ דונער דער־שלאָגען יעדען בעזונדער, און קיינער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסרעדען. סענדער איז געוואָרען מלא כעס וחמה און די אויגען זענען ביי איהם אָנגעגאָסען געוואָרען מיט בלוט — און ער איז טאַקי גערעכט געווען: וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַזאַ עזות, אַז מע זאָל פּאַטשען פאַר איהם אין די אויגען, ביי זיין טיש, אין זיין הויז, זיין קינד, זיין פלייש און בלוט?!... ווי אַ צערייצטער בער, ווי אַ לייב, ווען ער חאַפּט זיך אויף פונ'ם שלאָף, ווי אַ בייזער לעמפּערט, איז אונזער סענדער אויפגעשטאַנען פונ'ם אָרט, האָט אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף דער טיר און האָט אויסגעברומט אויף דער גראָבער שטימע:

— וואָן!... וואָן פון מיין טיש!... וואָן פון מיין שטוב!... אַלע וואָן!... אַלע!... איהר האָט געמיינט, איך שטאַרב שוין, זענט איהר געקומען מיך ירש'ענען?!... וואָן!!!...

. . . .

גוואַלד, וואו נעמט מען אַזאַ פעדער צו בעשרייבען די דאָזיגע סצענע? וואו נעמט מען אַזאַ פאַרב אויסצומאָהלען דאָס דאָזיגע שענע בילד, ווי עס זיצען פערשטיינערטע מענשען מיט גלעזערנע אויגען און מיט אָפענע מיילער, און אויף זייערע פּנים'ער שטעהט אָנגעקריצט שרעק, ציטערניש און פערשטומונג? וואו נעמט מען אַזאַ כח אָראָפּצולאָזען זיך צום גרונד פון יעדענ'ס האַרץ, וואָס יעדער האָט געפיהלט, וואָס יעדער האָט געטראַכט אין די דאָזיגע עטליכע שווערע מינוטען?... לאָזען זיך אונזערע לעזער אַליין פאַר־שטעלען, איטליכער ווי ער קאָן, נאָך זיין השגה נאָך.

דאָס לעצטע קאַפּיטעל.

דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ און דאָס שפּיעל נעמט איין ענדע.

א טאַרעראַם, אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער! מרים־חיה האָט זיך געקושט מיט די געסט, געזעגענט מיט די קינדער. סאָני האָט גע־ווײנט. דער העררּ אָסיפּ זעמעל איז אַרומגעגאַנגען שטאַרק צע־רודערט און האָט געסקריפּעט מיט גרויס רעש. מאַרקוס האָט זיך בעהאַלטען ביי זיך אין צימער און האָט עפּיס אַלע מאָל אַרויס־גענומען אַ קאָנווערט און האָט איהם צוגעטראָגען צום מויל, צום האַרצען און ווייטער צום מויל. די קליינע קינדער האָבען צענויפּ־געלעגט זייערע קוקלעס, וואָס די באָבע האָט זיי געקויפט. נאָר איין רעוועקאַ איז אַרומגעגאַנגען זעהר צערודערט און איין באַק האָט איהר אַזוי געפלאַמט, אַז זי האָט זיך געמוזט פערשטעלען מיט'ן נאָזטיכעל. נאָר מעהר פון אַלעמען איז געווען פערנומען אונזער פיעלגעליעבטער געטרייער משרת פרויקע: ער האָט דאָס נעבאַך געהאָרעוועט מיט אַלע זיינע כחות, לויפענדיג אויף די טרעפּ — טאַ אַראָפּ, טאַ אַרויף, און האָט געשלעפּט פון די קע־שענים לעקאַך, ניס און קאָנפעקטען, און האָט געקנייפּט זלאַטקע די שוואַרצע און מלכה דאָס מיידעל און האָט זיי געזאָגט:

— נו, קינדער? מאַרש! מאַרש! וואָס האָב איך אייך גע־זאָגט? חאַ־חאַ־חאַ! מאַרש אין אייער רוה אַריין, פון וואַנען איהר זענט געקומען! און מיר, זעלדע, וועלען בלייבען פּאָסטאַראָמו אויף אונזער מיסט — טראַ־לאַ־לאַ! טראַ־לאַ־לאַ! טראַ־לאַ־לאַ!...

* * *

סענדער בלאַנק האָט זיך געזעגענט מיט די קינדער זעהר ליעב־ליך. ער האָט זיך צעקושט מיט רעוועקאַ'ן, מיט חיימ'ען, מיט חיימ'ס קינדער, און האָט עטליכע מאָל איבערגערעדט, וואָס ער האָט פערגעסען שענקען זיי עפּיס אַ מתנה.

— אוי־וואַ! אוי־וואַ! פאַר וואָס האָט איהר מיך נעכטען, איי־ערנעכטען ניט דערמאַנט? אוי־וואַ!...

נאָר אז עס איז געקומען צום געשעצטען הערר זעמעל, האָט איהם סענדער זעהר קאַלט געזאָגט „פאָהר־געזונט" און האָט איהם אויסגעצויגען דעם גראָבען פינגער, וואָס אָסיפ האָט שטאַרק־שטאַרק געדריקט און האָט מיט זעהר אַ ריהרענדיגער שטימע געזאָגט צום שוועהר:

— איך פאַרהאָף, אז איהר וועט אונז געוויס פאַרצייהען. איהר ווייסט, אז אונזער גאַנצער ווילען איז... אז מיר... אז איהר... אז אייער געזונט... אז דאָס, וואָס איהר זענט, דאַנקען גאָט, אין בעס־טען געזונט... אז מיר אַלע... אז... אז... אז...

מיט דעם לעצטען „אז" האָט זיך דער שענער העלד זעמעל דערוואָרגען און איז געוואָרען רויט ווי פייער פאַר חרפה, וואָס ער איז פערקראָכען דער רוח ווייסט וואוהין!...

אָנגעצויגען, שטאַרק אָנגעצויגען איז געווען דאָס געזעגענען זיך און דאָס אָפּרייזען פון דעם הערר בלאַנק'ס קינדער, און יעדער האָט דאָס געפיהלט, און סע איז עפּיס יעדען געווען אזוי ביטער, אזוי שלעכט אויפ'ן הארצען, אזוי לעדיג אינווענייג!... נאָר ארויסרע־דען, אויפדעקען דאָס איינער פאַר דעם אַנדערען האָט קיינער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט. יעדער האָט זיך געהאַט זיינע געדאַנקען, יעדער איז געווען פערנומען מיט זיך זעלבסט. נאָר די קליינע קינדער האָבען פערטרויט איינס דעם אַנדערען זייערע געפיהלען מיט זייערע געדאַנקען.

— זעה נאָר זעה, מאַני, וואָס פאַר אַ הויכער מויער! אי־אי־אי! ביי אונז איז ניטאָ אזאַ שטוב! אי־אי־אי! וויפיעל פענסטער! וויפיעל קוימענס! וואָס איז דאָס? פּאַפּאַשאַ! מאַמאַשאַ! וואָס איז דאָס? ווער זיצט דאָ? וואָס פאַר אַ גראָז! וואָס פאַר בוימער!

גליקליכע קינדער! קוועלט־אָן, קוועלט־אָן פונ'ם גרינעם גראָז, פון די שענע בוימער, פון דער גרויסאַרטיגער רייכער נאַטור! גיך־גיך וועט איהר אפשר געוואָהר ווערען פון אַנדערע זאַכען, וואָס וועלען אייך פערשלאָגען דעם קאָפּ, און איהר וועט פערגעסען די נאַטור מיט איהרע שענע בילדער, גלייך מיט אייערע עלטערען

אצינד, וואָס זענען אויך אַמאָל געווען קינדער און האָבען אויך געקוקט אויף דעם דאָזיגען גראָז, מיט די דאָזיגע בוימער, מיט דער דאָזיגער זון, מיט די זעלבע אויגען, וואָס איהר קוקט אצינד... גליקליכע קינדער! געב גאָט אויף לאַנג, אויף לאַנג אייער גליק!...

נאָר ווי וויסט און פינסטער עס איז אונזערע רייזענדער געווען אויפ'ן הארצען, אַזוי, פערקעהרט, ליכטיג, פריש, ווארעם, גרין און פרייליך איז געוועזען אין דרויסען. אין די לעצטע טעג פונ'ם חודש מאַי איז דאָס געווען, און די זון האָט נאָך ניט אַזוי געבראָטען, ווי געוואַרעמט, געלייכט, געמאַכט לעבעדיג אַלץ, אי דאָס גראָז, וואָס אויפ'ן פעלד, אי די שעפעלעך, וואָס אין פעלד, אי די מענשען מיט די קליינע מענשעלעך, די קינדער, וואָס קריכען־ארוים גאַנץ פריה פון די פינסטערע האַלב־צעוואַלגערטע שטיבעלעך, פונקט ווי די טאַראַקאַנעס פון די שפּאַלטען — אַלע און אַלץ בענשען, לויבען און דאַנקען די שענע ווארעמע ליכטיגע זון, וואָס שטעהט אצינד אין האַלבען הימעל און גיסט פון זיך איהר צערטליכע ווארעמקייט אויף דעם גרויסען ברייטען פעלד, וואָס האָט דאָ ניט לאַנג ארויסגעצויגען אויף זיך דאָס גלאַטע גרינע קלייד. ווי אַ לויטערער שפּיעגעל איז ריין דער הימעל; עס שווימען ארום ערטערווייז שיטערע שטיקער וואָלקענס, נישט אויף אַ רעגען, נאָר אַזוי שווימען זיי, אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערען צעקראַכען, צעגאַנגען, און מע ווייסט ניט, וואוהין זיי זענען אַוועק. ווייט־ווייט אויפ'ן האָריזאָנט זעהט זיך ארוים אַ שפּיץ קלויסטער, אָדער אַ גרינער דאַך פון אַ פּריצ'ישען הויף, עס בעווייזט זיך אויף אַ מינוט און עס ווערד ווייטער פערשוואונדען. דער וועג איז אַ פּאָסט־וועג און איז גלייך, ווי אויף אַ ברעט. דער שטויב איז נאָך ניט אַזוי גרויס, ווי אין חודש תמוז. די סטאָיפּעס פונ'ם טעלעגראַף פליהען פאַרביי! פאַרביי! און עס שווינדעלט אין די אויגען, און מע הערט אַ געזאַנג פון פויגעלעך, און מע זעהט דעם גערודער, וואָס עס טהוט זיך צווישען די קליינע בעשעפענישען אין דער נאַטור. גוויים מיט זייערע אָכסען און מיט זייערע אַקער־צייג בעגעגענט מען גאַנץ אָפט; אייניגע פון זיי נע־

מען־אַראָפּ דאָס היטעל און געבען־אָפּ דעם גוט־מאָרגען פון דער ווייטען.

פּלוצים, מע קוקט זיך גאָרנישט אַרום, אַט איז שוין דער וואַלד! פּלוצים איז ווי פינסטערער געוואָרען און עס האָט מיט אַ מאָל אַ זעץ געטהאָן אַ גרינגער, אַ פרישער אַראָמאַט אין נאָז אַריין, און עס איז עפּיס ווי קיהלער געוואָרען אויפ'ן לייב. מע הערט כמעט יעדען קלאַפּ פון די פיס פון די פערד און פון די רעדער. ווי אַ לאַנג, שמאָל שנירעל ציהט זיך דער וואַלד; פון ביידע זייטען יונגע בעריאָזעס, ווי מיט קרייד אָפּגעווייסט; קיין ווינט איז ניטאָ, און זייערע גרינע בלעטלעך געפינען זיך בערוהיגט, שטיל; צווישען דעם ים מיט בוימער לייכט זיך דורך די ליכטיגקייט — לויטער, פּונקט ווי אַ שפּיעגעל. פון ווייט הערט מען אַ קול: „אאו!" און דער ווידער־קול ענטפערט אויך „אאו!"... נאָר אַט האָט זיך שוין דער וואַלד אויך געענדיגט, און מע איז אַריינגעפאָהרען אין אַ זאַמד, אַ געדיכט, טרוקען זאַמד, וואו די פערד געהען געמאָסטענע טריט, און דער וואָגען קאַטשעט זיך פּאַמעליך, און אָפּטמאָל האַפּט זיך אַרויס פון איין עקס אָט ווי אַ זיפץ, אָדער אַ קרעכץ. די פערדלעך איז נישט גרינג צו שלעפּען די פיס פונ'ם זאַמד. דער רייזענדער איז דעמאָלט אויפגעלעגט אָנצושפּאַרען זיך אויף אַ זייט און האַפּען אַ דרימעל, אָדער אַזוי ליגען אויסגעצויגען און קוקען אַהין, אין דער ווייטקייט, און קלערען, טראַכטען, אָדער גאָר ניט קלערען, אַזוי לאַנג, ביז דער בעל־עגלה טהוט אַ געשריי אויף די פערד מיט אַ פייף, און די פערד טהוען פּלוצים אַ שלעפּ דעם וואָגען און הויבען־אָן ווייטער לויפען, ווי פריהער, ביז עס קומט צום טייך, וואו די פערד שרעקען זיך פריהער און נאָכדעם געהען זיי טריט ביי טריט, און דאָס וואַסער זשומעט, רוישט אונטער די רעדער. און אַז מע קוקט אַראָפּ, זעהט מען דעם אָפּשיין פון דער זון, וואָס ציטערט אין וואַסער און וויעגט זיך אַהין און אַהער, גלייך ווי מע וואַרפט זי אונטער אין אַ ליילעך... נאָך דעם טייך איז נאָך אַביסעל זאַמד, און ווייטער — דער זעלבער ברייטער פּאָטשטאָוער שליאַך מיט די

גרינע פעלדער פון ביידע זייטען און מיט די סטויפּעס פון דעם טעלעגראַף, גלייך צום וואָקזאַל, וואָס מע זעהט אַרוים פון דער ווייטען.

אויפ'ן וואָקזאַל, אין הויף, האָבען אונזערע פּאַרשוינען שוין געטראָפען עטליכע דראָזשקעס מיט פּאַסאַזשירען, און די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַראָפּלאָזען נידעריגער און נידעריגער. אַראָפּגעשפּרונגען פון'ם וואָגען, האָט אַסיפּ געהאַפּט די דאַמען אונטער די הענד, ווי איין עכטער קאַוואַליער, און האָט זיי אַראָפּגעטראָגען אויף דער פּלאַטפאָרמע, אויסגעשריגען אויף אַ קול: „נאַסילשטשיק!“, האָטש דער נאַסילשטשיק (טרעגער) האָט שוין גאָר ניט געהאַט וואָס צו נעמען, מחמת חיים בלאַנק האָט אין זיינע ברייטע אָרעמס אַריינגעהאַפּט אַלע חפצים מיט די קינדער, אפילו די בולקעס מיט די בייגעל, וואָס האָבען בעדאַרפט פערנעמען איין אָרט כמעט ווי אַ פּאַסאַזשיר; נאָר אונזער געעהרטעסטער אַסיפּ זעמעל האָט געהאַט אַ „ברייטען כאַראַקטער“, און האָט ליעב געהאַט אין וועג אויסשטעלען זיך לייטיש, ווי אַ פיינער מענש, אַזוי, אַז אַלע זאָלען אַרום איהם פערדיענען... אַריינגעלאָפען אין זאַל ערשטער קלאַס, האָט דער הערר זעמעל אַ געשריי געטהאָן זעהר ברייט: „עי, טשעלאָוויעק! טשאַיו!“ — האָטש עס איז געוועזען צעהן מינוט צום צוג, און קיין טיי האָט זיך לחלוטין קיינעם ניט געגלוסט. דער הערר זעמעל האָט נישט געקאָנט ליידען, וואָס דער בופעטשיק שטעהט צענויפגעלעגט די הענד. קיין טיי האָט ער אַליין נישט געטרונקען, ווייל ער האָט בעדאַרפט אוועקלויפען נאָך בילעטען, און בדרך הליכה איז ער צוגעלאָפען צום בופעט, האָט גיך בעטראַכט דורך די אַשקאַלירענע ברילען און אויסגעשמעקט מיט דער נאָז אַלע גוטע זאַכען, וואָס אויפ'ן בופעט, האָט אויסגעטרונקען (ווייטער אָהן חשק) און פערביסען, זיך צעצאָהלט אָרענטליך, גענומען בילעטען, מיט אַ צוויי־דריי בעקאַנטע זיך געוויטעט, שטאַרק געסקריפּעט מיט די שטיוועל, געקוקט דורך די אַשקאַלירענע ברילען אויף אַ יונגע דאַמע אַזוי שטאַרק, אַז די דאַמע האָט געמוזט אַפּ־

טרעטען אין איין אַנדער זייט, און האָט זיך גענומען אריינצוזעצען די דאַמען, רעוועקאַ'ן מיט סאָני'ן, אין וואָגאָן אריין אַזוי געטריי, גלייך ווי ער וואָלט דערפאַר גענומען גאָט ווייסט וואָס פאַר א געהאַלט !...

אין צוויי מינוט אַרום איז שוין קיין צוג נישט געווען; נאָר א ווייסער צעגאַנגענער רויך האָט זיך געקויקעלט־געקויקעלט און איז אויך פערשוואונדען וויית־ווייט, אין דעם אונטערגעפּארבטען הימעל, און א שטאַרקער פייף מיט א טויבען גערויש האָט נאָך אביסעל געקלונגען אין די אויהערען פון דעם פערשוואונדענעם צוג. נאָר גיך איז אַלץ שטיל געוואָרען. דער בופעטשיק פערמאַכט שוין זיין קרעמעל; דער סטאַראַזש פערקלאַפּט שוין די טיר; די נאָ־סילשטשיקעס מיט די זשאַנדאַרמען צעגעהען זיך, דער אַהער, דער אַהין; און עס ווערד אומעטיג, — פּונקט ווי אין א אידישער שוהל פרייטאָג צו־נאַכטס, נאָך מעריב, אַז אַלע צעגעהען זיך אהיים. נאָר אהרן־משה דער שמש דרעהט זיך נאָך אַרום צענויפקלויבען די איבערגעלאָזענע סידורים אויף די סטענדערס, און יאַרעמע דער שוהל־סטאַראָזש קריכט פערלעשען די לאָמפּען מיט'ן מויל און די ליכט מיט צוויי בעשפּיגענע פינגער, און קוקט־אַרום, אַז עס זאָל שוין זיין נאָך וועטשערע, בכדי ער זאָל שוין קאָנען געהן פערלעשען די ליכט ביי עטליכע בעלי־בתים און חאַפּען דערפאַר א טרונק בראָנפען מיט א שטיקעל „שבת'קאָווע" קוילעטש.

נישטאָ קיין צוג, נישטאָ קיין פאַרשוינען, נישטאָ קיין העלדען. אפשר וועלען מיר זיך נאָך א מאָל מיט זיי בעגעגענען?

עס קאָן זיין.

דערווייל לאָמיר זיך געזעגענען.

אויף וויעדערזעהן!

סטעמפעניו

אַ אידישער ראָמאַן

געשריבען אין יאָהר 1888

לכבוד מיין ליעבהארציגען זיידען

רב מענדעלי מוכר־ספרים.

טייערער, געטרייער זיידע לעבען!

„סטעמפעניו", מיין ערשטער אידישער ראָמאַן, וואָס איז אָנגעשריבען לכבוד אייער ליעבען נאָמען, — איז אייערער; ער איז אייערער ניט נאָר דערפאַר אליין, וואָס איך האָב איהם לכבוד אייך געשריבען, נאָר אויך דערפאַר, וואָס איהר האָט מיר אריינגעגעבען אַ חשק אזא ראָמאַן צו שרייבען.

אין איינעם פון אייערע בריעף זאָגט איהר צו מיר:

„איך וואָלט אייך געראָטהען קיין ראָמאַנען גאָר ניט צו שרייבען, דען אייער גוסט, אייער זשאַנר איז גאָר עפּיס אנדערש; און איבערהויפּט, אויב עס איז נאָר דאָ אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק ראָמאַנען, זענען זיי עפּיס גאָר אַנדערש, ווי ביי אלע אנדערע פעלקער. מען מוז עס גוט פערשטעהן און גאָר אַנדערש שרייבען"...

אייערע ווערטער זענען מיר טיעף אין מוח אריין, און איך האָב אָנגעהויבען צו פערשטעהן אויף וויפיעל אַ אידישער ראָמאַן דאַרף זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע ראָמאַנען, מחמת דאָס אידישע לעבען בכלל און די אומשטענדען, ביי וועלכע דער איד קאָן ליעב האָבען, זענען גאָר ניט גלייך, ווי ביי אַלע אנדערע פעלקער. היינט אויסער דעם האָט דאָך דאָס אידישע פאָלק זיין אייגענעם כאַראַקטער, זיין

אייגענעם אידישען גייסט מיט בעזונדערע מנהגים און רגילות׳ען, וואס זענען גאר פערענדערט ווי ביי אנדערע אומות. אט די נאַ־ציאָנאַל־סימנים אונזערע, וואס בלייבען תמיד עכט אידיש, מוזען זיך ארויסווייזען אין א אידישען ראמאן, אויב ער איז גאר באמת בענומען פונ׳ם לעבען. דאס האב איך אפגעלעהרענט פון אייערע רעד און דאס האב איך געוואלט ארויסזאגען דורך דער אידישער מאכטער, רחל׳ע די שענע, וואס שפּיעלט די גרעסטע ראלע אינ׳ם דאזיגען ראמאן, און דורך אלע אנדערע פּערשוינען, וואס דרעהען זיך דא ארום איהר. אויף וויפיעל דאס איז מיר געראָ־טען — דאס איז א בעזונדערע שאלה; נאר מיין רצון איז געווען צו געבען א אידישען ראמאן, ווי איהר פאדערט עס מיט רעכט פון יעדען אידישען ראמאן־שרייבער.

אויך דאמיט איז סטעמפעניו אייערער, ליעבער זיידע, ווייל דער נאמען איז אייערער און די אידעע איז אייערע: ביי אייך, זיידע לעבען, אין איינעם פון אייערע לעצטע ווערק, האב איך בעגעגענט פערבייגעהענדיג דעם נאמען סטעמפעניו מיט א פלעשעלע „ליעבע־טראָפּען“, וואס אלע משרתים און דיענסט־מיידלעך קויפען עס ביי איהם אויף אפּצוטהון... דאס איז שוין בעווען גענוג אויף אויפצוּוועקען אין מיין זכרון די אלע וואונדער־ליבע מעשיות, וואס איך האב זיך אנגעהערט יונגעלוויז אין חדר אויף סטעמפעניו׳ן — און מיין פאנטאזיע האט מיר שוין אונטערגעהאלפען צו בעשאפען דעם דאזיגען ראמאן.

עס קאן זיין, אז אין פיעל מקומות, ווי למשל אין דער ליטא, האבען אידען פון קיין סטעמפעניו גאר ניט געהערט, און דעריבער וועט דער נאמען אליין עפּיס אויסקומען ביי זיי משונה־ווילד; דער־פאר אבער איז דער דאזיגער נאמען זעהר גוט בעקאנט ביי אונז, אין דער גאנצער גלופסקער סביבה פון מאזעפּעווקע ביז יעהופּעץ, און ווער שמועסט דארט, אין אייערע שטעדטלעך, אין גנילאפּיאטסק, צוויאטשיץ און טונעיאדעווקע — דארט ווייסט א קינד אויך, ווער

סטעמפעניו איז געווען, פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס איז מיט איהם דער יחוס.

נאָר נישט סטעמפעניו אַליין איז דאָ אינגאַנצען דער מיוחס. מיין כונה איז געווען מיט דעם דאָזיגען ראָמאַן צו בעשאַפען דריי פערזאָנען, אָדער, ווי מע רופט עס אָן, „הויפּט־העלדען": דעם אידישען קינסטלער סטעמפעניו מיט זיין פיעדעלע, די אידישע טאָכטער רחל'ע די שענע מיט איהר אידישער עהרליכקייט און דאָס אידישע ווייבעל פריידעל מיט איהר סוחר'ישען גייסט און מיט איהר צי־טערען איבער'ן קערבעל — יעדער מיט זיין בעזונדער וועלטעל. סטעמפעניו, רחל'ע און פריידעל — דאָס זענען מיינע פּאַרשוינען די מיוחסים, וואָס זיצען אויבען־אָן אין בויד, און די אַלע איבעריגע זענען שוין גלאַט אַזוי זייטיגע פּאַרשוינען, וואָס האָפּען זיך איבער, ווי עס איז, זיצען תמיד אַקעגען. דערפאַר בין איך אָפּגעקומען די איבעריגע חברה מיט אַ צוויי־דריי ווערטער, און מיין גאַנצע האָרע־וואַניע האָב איך אַוועקגעגעבען יענע דריי מיוחסים.

איך מיין, אַז אידישע מוזיקאַנטען, דאָס הייסט, אונזערע חברה כלי־זמר, זענען פאַר זיך גאָר אַ בעזונדערע וועלט, און ס'איז כדאי אַריינצוקוקען אין זייער לעבען אַריין פיעל טיעפער, אַלס איך האָב עס געטהאָן אינ'ם דאָזיגען ראָמאַן. מע בעדאַרף דערצו האָבען אייער אויג, זיידע לעבען, אייער פעדער מיט אייער התמדה.

אַך, וואו נעמט מען התמדה, ישוב־הדעת? געדולד וואו נעמט מען?

„איבער אַ ווערק — זאָגט איהר מיר אין איין אַנדערען בריעף — איבער אַ ווערק, ליעב איינִיקעל, בעדאַרף מען שוויצען, מען בעדאַרף אַרבייטען, פיילען איטליכס וואָרט; געדענקט, וואָס איך זאָג אייך — פיילען, פיילען!"

פיילען! אָט דאָס איז טאַקי די צרה מיט אונז, יונגוואַרג, וואָס מיר האָבען קיינמאָל קיין צייט ניט און האָפּען־אָפּ דאָס גאַנצע ווערק, שטעהענדיג, ווי מע זאָגט, על רגל אחת, טאַקי אין איין

אָטהעם, נישט אָפּגעשטעלט זיך אויף יעדען געדאַנק, אויף יעדען וואָרט בעזונדער, צו אַרבייטען און פּיילען, ווי איהר טהוט. איך ווייס, ליעבער זיידע, איך פּיהל עס, ווי נויטיג עס איז געווען איבערצולייטערען „סטעמפּעניו׳ן“ אין עטליכע וואַסערען. אודאי ביי איך וואָלט סטעמפּעניו בעקומען גאָר איין אַנדער פּנים; פון אייערע הענד וואָלט ער ארויס אַנדערש, גאָר אַנדערש; ביי איך, זיידעניו, וואָלט שוין דאָ געווען אַ „מעשה איבער אַ מעשה“, אַ „מעשה אין אַ מעשה“ און „די מעשה אליין“.

„איך האָב ליעב, — זאָגט איהר ווייטער אין אַ בריעף — אַז חוץ דעם שענעם פּנים׳על זאָל אין אַ קאָרטינקע אויך זיין לעבען, שכל און געדאַנק, ווי אין אַ לעבעדיגען מענשען; אַ קאָרטינקע בעדאַרף, חוץ שענע מליצה, אויך מיך לאָזען עפּיס הערען“...

אָט דער סוד איז אָבער אַנטפּלעקט נאָר אייך אַליין און ווייטער קיינעם ניט; בעשאַפען בילדער, וואָס זאָלען האָבען אין זיך צוויי געשטאַלטען, אַ רעכטע זייט מיט אַ לינקער זייט, איין איבערצייג מיט איין אונטערשלאַג, אַזוי אַז אינ׳ם אָפּענעם זאָל ליגען בעהאַלטען אַ פערבאָרגענעם, אַ תוך־זאַך — דערויף, זיידע לעבען, זענט איהר נאָר אַליין דער איינציגער קינסטלער אין אונזער ליטעראַטור, און ווער קאָן זיך צו אייך גלייבען? מיר, יונגוואַרג, דאַנקען גאָט, ווען די מעשה אַליין קומט ביי אונז ארויס בשלום, אָהן אַ מום, מיט אַלע אברים פון אַ ליטעראַריש בעשעפעניש.

נעמט זשע אויף, ליעבהאַרציגער זיידע לעבען, די מתנה — מיין ערשטען אידישען ראָמאַן, ויהי רצון, און ס׳זאָל זיין דער גוטער ווילען פון זיין ליעבען נאָמען, אַז מיין סטעמפּעניו זאָל געפינען לייטזעליגקייט אין אייערע אויגען, און איהר זאָלט האָבען נחת, ווי איהר ווינשט זיך אַליין, פון אייער איבערגעבענעם אייניקעל

דעם מחבר.

קיעוו, 1886

I.

סטעמפעניו׳ס יחוס.

סטעמפעניו — דאָס איז אַ מין צונעמעניש, וואָס איז איהם איבערגעגאַנגען בירושה פון זיין טאַטען; זיין טאַטע, עליו השלום, איז געווען אַ כלי־זמר, האָט געהייסען בערעל באָס, אָדער „בערעל סטעמפעניר", פון סטעמפעני, אַזאַ דאָרף איז׳ם געגענד פון מאָזע־פּעווקע, געשפּיעלט אויפ׳ן באַס און איז אויך געווען אַ גוטער ברחן, אַ שענער גראָם־זאָגער, אַ פערשלעפּטע קרענק, האָט זיך פערשטעלט אויף אַלע חתונות פאַר אַ בעטלער, איבערגעקעהרט די אויגען, גע־טאַנצט ווי אַ בער, נאָכגעמאַכט ווי אַ אידינע געהט צו קינד און שרייט: „באַבעניו, איך שוועהר אייך ביי אַ פּאָר תפלין, אַז עס וועט מעהר אַזוי נישט זיין!"... אָדער געלאָזט פּלוצים אַ וואַסער אין מיטען שטוב, אַזוי אַז אַלע אידען האָבען פערקאַטשעט די פּאָלעס און די ווייבער האָבען אונטערגעהויבען די קליידלעך; אָדער גאָר אויפגעהאַנגען אַ לונג־און־לעבער דער מחותנת׳טע אויפ׳ן פּארטוך, און נאָך אַזעלכע אָנשטעלען און קונצען לרוב.

כלי־זמריי איז ביי זיי געגאַנגען בירושה פון אַ סך דורות: בערעל באָס, אָדער בערעל סטעמפּעניר, ווי מיר ווייסען שוין, האָט געשפּיעלט אויפ׳ן באָס; בערעל׳ס טאַטע, רב שמואל׳יק טראָמייט, האָט געשפּיעלט אויפ׳ן טראָמייט; זיין זיידע, רב פייביש צימבלער, האָט געשפּיעלט אויפ׳ן צימבעל, און זיין עלטער־זיידע, רב אפרים פּאַיאָל... הכלל, סטעמפעניו קומט־אַרויס פון כלי־זמרים ביז צעהן דורות — און ער שעמט זיך דוקא ניט דערמיט, ווי ביי אידען, צווישען אונז רעדענדיג, שעמט זיך דער בעל־מלאכה מיט זיין גראַד; און עס איז גאָר קיין חידוש ניט: אַזאַ נאָמען, ווי סטעמפעניו האָט געהאַט אין מאָזעפּעווקע, אַזאַ שם, ווי ער האָט זיך נעקויפט אויף דער גאַנצער וועלט כמעט, איז ניט קיין קלייניגקייט. אַ ווערטעלע אויסצורעדען — סטעמפעניו!

א זכיה איז געווען אומעדום ביי אידען, אז מע האט געהארכט ניסי בעלזער זינגען, גדיק בדחן — זאגען, און סטעמפעניו׳ן — שפיעלען. דערפון קאנט איהר זיך שוין מעלדען, אז סטעמפעניו איז ניט געווען קיין פשוט׳ער כלי־זמר, קיין אבי־ווער, און מסתמא האט ער זיך פערדיענט אזא שם צווישען אלע גרויסע נישט אומ־זיסט. אידען האבען ליעב מוזיק און פערשטעהען נגינה — דאס וועלען אונזערע שונאים אויך ניט אפלייקענען, און הגם, אז מע וויל שמועסען צוריק, קומט דאך דעם אידען אויס צו הערען מוזיק עפים ניט אזוי אפט, דען וואס איז מיט אונז אזוי די שמחה, מיר זאלען זיך פלוצים פערגעמען מיט שפיעלען אדער טאנצען? דאך, איהר מעגט אייך זאגען וואס איהר ווילט, זענען מיר פארט מבינים, שארפע מבינים הן אויף זינגען, הן אויף שפיעלען, הן אויף אלע אנדערע זאכען. צו אונז אז עס קומט אראפ א חזן, לויפען מיר אויף בילעטען איהם הערען, און כלי־זמר אויף א חתונה איז דאך אודאי ביי אונז א חיוב. הערען ווי די „קאפעליע" שפיעלט א „שטיקעל" צו דער גילדענער יויך, געוועהנליך, נישט קיין פריי־ליכס (א פרייליכס אויף שפעטער) — דערפאר וועלען מיר אוועק־געבען א זאק בארשטש. דער עולם זיצט מיט גרוים דרך־ארץ, און די כלי־זמר שפיעלען איין אומעטיגס, א „מאראלנע", א וויינענדיגס. דאס פידעלע וויינט, פערגעהט זיך אויף דער גראבער סטרונע, און די איבעריגע חברה האלט איהם אונטער אויך גאנץ טרויעריג. עס פאלט־אן אויפ׳ן עולם א שטיקעל מרה־שחורה, און יעדער ווערד ווי פערזארגט, אפילו גאנץ אנגענעהם, נאר פערזארגט: יעדער פערטראכט זיך, לאזט־אראפ די נאז, און רייבענדיג מיט׳ן פינגער אין טעלער, אדער קנעטענדיג קייקעלעך פון דער פרישער חלה, פערטיעפט זיך יעדער אין זיינע געדאנקען, אין זיינע טרויעריגע געדאנקען, דען יעדער האט זיך מסתמא זיין זארג, און קיין צרות דארף א איד ניט געהן לייהען. און אזוי ווערד צענויפגעגאסען דאס אומעטיגע שפיעלען מיט די טרויעריגע מחשבות אינאיינעם, און יעדער קרעכץ פונ׳ם פידעלע „טיאך־טיאך־טיאך" רופט זיך אפ

ביי די חתונה־לייט אין האַרצען און געפינט דאָרט אַ ווידער־קול. דאָס האַרץ בכלל, און דאָס אידישע האַרץ בפרט, איז אַ פידעלע: מע קוועטשט די סטרונעס און מע ציהט פון דעם אַרויס פערשיע־דענע, און צום מיינסטען טרויעריגע, וויינענדיגע ליעדער... מע דאַרף נאָר האָבען דערצו אַ רעכטען מוזיקאַנט, אַ בריה, אַ כלי־זמר, אַזאַ בריה, ווי סטעמפעניו איז געווען.

אוי, איז סטעמפעניו געווען אַ בריה! ער פלעגט אַ חאַפּ טהון דאָס פידעלע און אַ פיהר טהון מיט׳ן סמיק, איין פיהר טהון, נישט מעהר, פלעגט דאָס שוין אָנהויבען ביי איהם צו רעדען. אָבער ווי אַזוי, מיינט איהר, רעדען? טאַקי מיט ווערטער, מיט אַ צונג, ווי, להבדיל, אַ לעבעדיגער מענש. רעדען, טענה׳ן, זינגען מיט אַ געוויין, אויפ׳ן אידישען שטייגער, מיט אַ גוואַלדערניש, מיט איין אויסגע־שריי פונ׳ם טיעפען האַרצען, פון דער נשמה. דעם קאָפּ פלעגט סטעמפעניו פערוואַרפען אויף אַ זייט, די לאַנגע שוואַרצע פּאַטלע האָר צעוואָרפען אויף זיינע ברייטע אַכסלען, די אויגען, די שוואַרצע ברענענדיגע אויגען, פערריסען אַרויף, און דאָס שענע ליכטיגע פּנים פלעגט ביי איהם ווערען מיט אַ מאָל בלייך, ווי דער טוידט; אָט נאָך איין מינוט — אוים סטעמפעניו! מע זעהט נאָר, ווי אַ האַנד פליהט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און עס הערען זיך פער־שיעדענע קולות, און עס גיסען זיך אַלערליי מיני געזאַנגען, און אַלץ אַזעלכע אומעטיגע, טרויעריגע, אַז עס נעמט־אָן ביי׳ם האַרצען, עס ציהט ביי דער נשמה, עס נעמט־אַרויס דאָס געזונד. דער עולם געהט־אויס מיט אַלע כחות, מע שטאַרבט, מע שטאַרבט מיט אַלע אברים. דאָס האַרץ ווערד פול, צעווייקט, און עס שטעלען זיך טרערען אין די אויגען. אידען זיפצען, אידען קרעכצען, אידען וויינען. און סטעמפעניו? — ווער סטעמפעניו? וואָס סטעמפעניו? פרענט איהם בחרם, וואו ער איז אין דער וועלט? ער טהוט זיך זיינם: „טיאָך־טיאָך־טיאָך" — און גענוג! און אַז ער הערט־אויף צו שפּיעלען, טהוט עס אַ שמיץ דאָס פידעלע און נעמט זיך אָן ביי׳ם האַרצען; די אויגען ברענען איהם דעמאָלט ווי צוויי הבדלות,

און זיין שען פנים שיינט, ווי די גאנצע וועלט. דער עולם חאפט זיך אויף אי פון א שלאף, פון א טרויעריגען נאר א זיסען שלאף, און אלע אידען הויבען־אן ארויסצוזאגען זייער התפעלות, אלע אין איין קול. מע אבקעט, מע אבקעט, מע לויבט, מע שמוצערט, מע וואונדערט זיך, מע קאן זיך גאר ניט אפלויבען.

— נננו, סטעמפעניו! אי, סטעמפעניו!

און די ווייבער? פון די ווייבער איז גאר נישטא וואס צו רעדען. ס'איז א גרויסער ספק, אויב עס ווערד אין שוהל ערב יום־כפור צו קנויטלעך לעגען פערגאסען אזוי פיעל טרערען, ווי־פיעל טרערען עס פלעגט דא אויסגעגאסען ווערען ביי סטעמפעניו'ס „שטיקלעך"; אויף חורבן בית־המקדש דארף מען אזוי פיעל ניט וויינען, ווי די ווייבער האבען געוויינט בשעת סטעמפעניו'ס שפיעלען.

— לאז מיך גאט בענטשען, אז אויף מיין קלענערער טאכטער'ס חתונה זאל איך קאנען ארפברענגען סטעמפעניו'ן, רבונו של עולם!

אויף אזא אופן האבען זיך געווינשעוועט די ווייבער, אויסגע־ווישען זיך די פערשוואלענע רויטע אויגען און אויסגעשנייצט זיך דאס איבעריגע ביסעל נאז, און דענסטמאל, בשעת ווינשעווען, האט־בען זייערע העלזער פערעל מיט די גילדענע אויהעריגגלעך, מיט די פינגערלעך, מיט די בראשען, גארגעל־קייטען און מיט דער איבע־ריגער אידישער ציערונג געשיינט און געבלישטשעט און געפינקעלט מיט פייער.

און ווער שמועסט די מיידלעך, די „מאמזעלען", — די זענען גאר געבליבען שטעהן צוגעקאוועט צו זייערע ערטער, ווי די טאקען, געקוקט אויף סטעמפעניו'ן מיט זיין פיעדעלע, נישט גערוהרט מיט קיין אבר, נישט געפינטעלט מיט קיין אויג; נאר וואו ניט וואו, דארט ערגיץ אויף יענער זייט קארסעט, קלאפט דאס הערצעל: טיק־טיק־טיק, און עס חאפט זיך ארויס אפטליך פון דארט א פער־באָרגענער זיפץ...

II.

סטעמפעניו מיט זיין „קאפעליע“.

דעם רעש, וואס סטעמפעניו האט אנגעמאכט, קומענדיג ערגיץ אין א שטעדטעל מיט זיין קאפעליע (ארקעסטער), און דאס קא־בעניש, וואס עס האט זיך בשעת מעשה געקאכט, איז גאר ניט צו בעשרייבען.

— שאט, אן שניידט זיך עפיס א בויד פון הינטער די מיהלען מיט פיער פערד; דאס זענען אודאי די מחותנים, הא?

— ניין, דאס זענען די כלי־זמר. דאס פאהרט סטעמפעניו מיט זיין קאמפאניע.

— א? סטעמפעניו? סטעמפעניו איז שוין דא? אט דאס וועט עס זיין א פרייליכע חתונה ביי חיים־בנציון גלאק, א מכה איהם!

אידישע ווייבלעך ווערען רויטליך. די אידישע מיידלעך האפען זיך צו פערקעמען און פערפלעכטען די לאנגע צעפ. יונגלעך פער־קאטשען די הויזלעך אריבער די פולקעס און מע לויפט מקבל פנים זיין סטעמפעניו׳ן. און אפילו אידען, בעווייבטע אידען, שוין מיט בערד, בעווייזען אויך מיט א שמייכעלע, אז עס טהוט זיי ווילד הנאה, וואס סטעמפעניו איז געקומען שפיעלען די חתונה צו חיים־בנציון גלאק; מהיכא־תיתי, וואס אהרט דאס זיי? עס קאסט זיי געלד?

ביז די בויד פאהרט־צו צו דער אכסניה ווערד דערווייל די גאס פול מיט מענשען; יעדער איז נייגיערוג א קוק טהון אויף סטעמ־פעניו׳ן מיט זיין קאמפאניע און שטעלט זיך אפ אויף א רגע׳לע.

— זעה נאר, ווי מע שפארט זיך! — שרייט יעדער בעזונדער, און שפארט זיך ארויס צום אויבען־אן, ווי דער שטייגער איז ביי אידען. — זעהר נאר זעה, ווי ער ארבייט מיט די עלענבויגענס און וויל דוקא זיין דער ערשטער! וואס האט איהר דא ניט געזעהען? כלי־זמר ווי אלע כלי־זמר!

אזוי טענה'ט איטליכער פאַר זיך און שטופּט זיך אַרויס צו דער בויד, פון וועלכער די חברה כלי־זמר הויבען זיך אָן אַרויסצו־רוקען איינציגווייז.

פריהער פון אַלע קריכט־אַרויס רב יאָקעל קאָנטרבאַס (וואָס שפּיעלט אויפ'ן קאָנטרבאַס), אַ בייזער איד מיט אַ צעפּלעצטער נאָז און מיט שטיקלעך וואַט אין די אויהערען. נאָך איהם רוקט זיך רב לייביש מיט'ן קלאַרנעט, אַ שלעפּעריג אידעל מיט אַ פּאָר גראָבע ליפּען. שפּעטער בעווייזט זיך חייקעל האָרבעטש, דער גע־וויסער חייקעל בדחן מיט'ן האָרב. שפּעטער — אַ שוואַרצער קאָל־טענעוואַטער איד, שרעקליך בעוואַכסען, כמעט ווי אַ ווילדער מענש פון די מדבריות, מיט אַזעלכע לאַנגע ברעמען, אַז עס פאַלט־אָן אַ פּחד. דאָס איז רב שניאור־מאיר דער אונטערהאַלטער (סעקונדע). נאָך איהם שפּרינגען־אַרויס אַ צוויי־דריי יונגען, משונה־ווילדע פער־זעהענישען מיט פערשוואָלענע באַקען, אונטערגעשלאָגענע אויגען, מיט שרעקליכע ציינער, ווי די לאָפּעטעס. דאָס זענען חברה לערענ־יונגלעך, וואָס אַרבייטען נאָך דערווייל אומזיסט, און שפּעטער, מיט דער צייט, קאָן פון זיי אַרויס לייטישע כלי־זמר. און גאָר צו לעצט קאַטשעט זיך אַרויס מיט קרומע אויסגעבויגענע פיסלעך דער געלער מעכטשי פייקלער מיט אַ באַראַבאַן, וואָס איז גרעסער פון מעכטשי'ן אַ גוזמא. ביי מעכטשי'ן הויבט זיך אָן אויסצושיטען אַ בערדעל, אַ געל בערדעל, נאָר אויף איין זייט פּנים, אין דער רעכטער זייט, און די אַנדערע זייט, די לינקע זייט פּנים, איז נאַקעט, הויל ווי אַ סטעפּ. ער, מעכטשי פייקלער, מוזט איהר וויסען זיין, האָט חתונה געהאַט צו דרייסיג יאָהר און האָט גענומען, ווי מע שמועסט, אַ ווייב איין אַנדרוגינוס...ווייסע־חברה'ניקעס שווייגען ניט מסתמא, אַז סטעמפּעניו קומט־אָן מיט זיין קאַפּעליע. יעדעס מאָל פער־גנב'עט זיך אַ חדר־יונגעל און טהוט אַ זעץ אין באַראַבאַן, אָדער אַ ציה די גראָבע סטרונע פונ'ם קאָנטרבאַס. דער חברה־מאַן בע־קומט אַ שנייד אין האַלז און נאַקען פון רב יאָקעל קאָנטרבאַס דעם בייזען. און די גאַס הויבט־אָן ביסלעכווייז צו רודערען און צו

קאכען, דען דער חתן איז שוין אויך ארייננגעפאהרען אין שטאדט אריין מיט א האלבער מאה בחורים, וואס זענען ארויסגעפאהרען אקעגען דעם חתן ביז צו יענער זייט מיהלען — והעיר יאמפעלי, און דאס שטעדטעל יאמפעלי, צהלה ושמחה, — קלינגט און פרעהט זיך גאר אויף איין אנדער אופן...

אזוי איז אין יאמפעלי, אזוי איז אין סטריסטש, אזוי איז אין אלע שטעדטלעך, וועלכע האבען א זכיה ארויסצוברענגען סטעמ־פעניו'ן אויף א חתונה, און אזוי איז אויך דא, אין מאזעפעווקע, וואו סטעמפעניו האט זיך בעזעצט אויף תמיד. הכלל, עס קאכט מיט סטעמפעניו'ן די גאנצע וועלט!

III.

סטעמפעניו'ס הכנות.

וואס איז אין מאזעפעווקע אזוי גרויס די שמחה?

רב חיים־בנציון גלאק מאכט חתונה די קלענערע טאכטער, די מיזינקע רבקה'לע, — נו, פאר וואס זשע זאל מען זיך ניט משמח זיין מיט איהם? עס איז כדאי צו זיין אויף אזא חתונה: פארט, ווי זאגט מען, א נגיד אין שטעדטעל. אלע וועלען זיין אויף דער חתונה: ווער פאר גוט־פריינדשאפט, ווער פאר קנאה, ווער פון יוצא וועגען, און ווער צו בעווייזען דעם ווייב'ס פערעל, די אויהע־רינגלעך, אדער די נייע גארגעל־קייט, וואס ער האט געבראכט דעם ווייב פונ'ם יריד, און נאך מעהר — צוליעב סטעמפעניו'ן. הכלל, אלע זענען דא אויף דער חתונה! גאנץ מאזעפעווקע פרעהט זיך ביי חיים־בנציון גלאק אויף רבקה'לע'ס חתונה! און ווער שמועסט אייזיק־נפתלי מיט'ן ווייב און מיט די קינדער אודאי, דען אייזיק־נפתלי איז חיים־בנציון גלאק'ס א שותף אין קלייט, א שותף אין דער מיהל, און דערצו א שטיקעל קרוב אויך, סע הייסט, אייזיק־

נפתלי׳ס ווייב קעהר זיך אָן אַ שטיקעל אייגענע מיט דער מחותנת׳טע, עפּיס אַ שטיקעל שני שבשלישי פון דער מאַמע׳ס צד.

דעריבער דרעהט זיך אַרום אייזיק־נפתלי׳ס ווייב, דוואַסי־מלכה, אויסגעשלייערט, ווי איין אמת׳ע מחותנת׳טע. זי דרעהט זיך אַרום און טהוט גאָר ניט, נאָר זי מאַכט מיט די הענד און שרייט און פּילדערט, גלייך ווי זי טהוט עפּיס. און דוואַסי־מלכה׳ס שנור, רחל׳ע די שענע, שטעהט נעבען דער כלה אויסגעצוויקעלט, ווי אַ בת־מלכה, און איהרע גרויסע בלויע אויגען שיינען, ווי צוויי גרויסע בריליאַנטען, און איהרע רויטע בעקלעך שפּיעלען איהר, ווי צוויי בליהענדיגע רויזען. מיט איין האַנד האַלט זי דער כלה׳ס צעלאָזטע האָר, וואָס די ווייבער האָבען איהר צעפּלאָכטען פאַר׳ן „בערעקענס“ מיט גרויס געוויין, און מיט דער אַנדערער האַנד גלעט זי זיך איהר ווייסען האַלז, גאַרנישט צו בעמערקען, ווי אַ פּאָר שוואַרצע ברע־נענדיגע אויגען קוקען אויף איהר די גאַנצע צייט גלייך אָהן איין אויפהער... די סאַרוועדם מיט די סאַרווערקעס לויפען־אַרום, ווי די פער׳סמ׳טע מייז. די מחותנים ליאַרעמען: „אוי, גוואַלד! שוין צייט צו באַדעקען די כלה! ביז וואַנען איז דער שיעור צו מוטשען די קינדער, וואָס פאַסטען נעבאַך אַזא זומער־טאָג?“ אַלע שרייען: „שוין צייט! שוין צייט!“ — נאָר טהון טהוט מען גאַרניט. אייזיק־נפתלי דרעהט זיך אַרום מיט אַ סאַמעטען קאַשקעטעל, די הענד פערלעגט אַרונטער, ווי אַ מגיד, און דוואַסי־מלכה פּילדערט אויף קולי־קולות. די איבעריגע מחותנים פון ביידע צדדים לויפען איינער איבער׳ן אַנדערען מיט די הענד אויף־צו־פריהער, גלייך ווי זיי וואָל־טען עפּיס געוואָלט טהון אַזעלכעס, נאָר מע גיט זיי קיין אַרבייט ניט.

— נו, פאַר וואָס טהוט מען שוין עפּיס ניט? — פרעגט חתנ׳ס צד.

— פאַר וואָס הויבט מען שוין עפּיס ניט אָן צו טהון? — ענט־פערט כלה׳ס צד.

— האָסט דו געזעהען, מע זאָל האַלטען אַזוי לאַנג הונגעריגע קינדער? — שרייט חתנ׳ס צד.

— האסט דו געהערט, מע זאל אזוי לאנג האלטען הונגעריגע קינדער? — שרייט כלה'ס צד.

— וואס לויפט מען ארום הין און צוריק?

— וואס איז פאר א לויפען, וואס מע לויפט?

— אלע לויפען, אלע פילדערען און מע שטעהט אויף איין ארט, — שענע פאראדקעס!

— אבי מע לויפט און מע פילדערט — און טהון וויל קיינער פון דאנען אהין.

— טאמער וואלט שוין גענוג געווען צו רעדען? שוין צייט עפּים טהון! עס מוז דאך אמאל האבען איין עק!

— נו, גענוג שוין רעדען! לאז מען שוין אנהויבען טהון! איין עק לאז דאס האבען!

— וואו זענען די כלי־זמר? — פרעגט חתנ'ס צד.

— די כלי־זמר וואו זענען? — ענטפערט כלה'ס צד.

און די כלי־זמר זענען זיך פערנומען מיט זייער ארבייט: מע שמירט די סמיטשקעס, מע שטעלט־אן די כלים. רב יאקעל באס טראגט א יונגעל פאר איין אויהער און טיילט איהם איין שטילער־הייד: „הער, ממזר, איך וועל דיר ווייזען ווי אזוי צו ציהען סטרו־נעס!“ מעכטשי פייקלער קראצט זיך דאס בעוואכסענע האלבע פנים, נישט קוקענדיג אויף קיינעם. רב חייקעל בדחן רעדט מיט א בעקאנטען מלמד, נעמט ביי איהם א שמעק טאבאק מיט צוויי פינגער און שיט ווערטלעך, ווי פון א זאק. און די איבעריגע כלי־זמר, די פערשוואלענע יונגען מיט די גרויסע צייהן ווי די לאפעטעס, שטעהען ארום סטעמפעניו'ן און שמועסען זיך מיט איהם אויס אויף זייער לשון וועגען א וויכטיגען ענין.

— ווער איז אט די דאזיגע שעכטע[1], וואס שטעהט נעבען דער סמיסאנקע[2]? — פרעגט סטעמפעניו אויף כלי־זמר־לשון, אנווייזענדיג מיט די אויגען אויף רחל'ע דער שענער. — געה נאר,

---

[1] שעכטע — נקבה. [2] סמיסאנקע — כלה.

ירחמיאל, — זאָגט ער צו איינעם פון די געשוואָלענע כלי־זמר־יונגען, — געה נאָר און פּראָבע־אוים[3] מהטאם[4], אָבער חידקע[5], ירחמיאל, חידקע!

ירחמיאל קומט גיך צוריק מיט אַ קלאָרער תשובה:

— דאָס איז ניט קיין שעכטעל[6], דאָס איז שוין אַ יאַלדראָווקע[7]. דאָס איז אייזיק־נפתלי׳ס שנור, פון סקווירע איז זי, און אָט דאָס איז איהר יאַלד[8] — זעהט איהר? אָט דרעהט ער זיך ארום מיט אַ סאַמעטענער קאַטערוכע[9].

— די כפרה זאָלסט דו ווערען, ירחמיאל! — זאָגט סטעמפּעניו גאַנץ אויפגעלעגט. — אזוי גיך ביזט דו געוואָהר געוואָרען? ע, זי איז דאָך טאַקי גאָר אַ קליווע[10] יאַלדראָווקע! זע נאָר, זעה, ווי זי מאַטרעט[11] מיט די זיקרעם[12]!

— אויב איהר ווילט — פרעגט ירחמיאל דער פערשוואָלענער ביי סטעמפּעניו׳ן — אויב איהר ווילט, וועל איך געהן מיט איהר טירען[13]...

— ליג אין דער ערד! — ענטפערט איהם סטעמפּעניו. — מע בעט דיך ניט פאַר קיין שילאַטען־שמש. איך וועל אַליין טירען מיט צוזעניכע[14].

— אַנו, וואַרף נאָר ארוים פון דער פּיעדעל אַ פּאָר שווארצע אויגען! — רופט זיך אָן שניאור־מאיר אויף זייער לשון. — שלעפּ נאָר ארוים פון דער פיעדעל אידישע קישקעס!...

סטעמפּעניו נעמט זיך צום פיעדעלע, טהוט אַ וואונק צו דער חברה, און מע נעמט זיך אָנשטעלען די כלים.

---

[3] פּראָבע אוים — ווער געוואָהר. [4] מהטאם — ווער איז זי. [5] חידקע — געשווינד. [6] שעכטעל — מיידעל. [7] יאַלדראָווקע — ווייבעל. [8] יאַלד — מאַן. [9] קאַטערוכע — היטעל. [10] קליווע — שענע. [11] מאַטרעט — קוקט. [12] זיקרעם — אויגען. [13] טירען — שמועסען. [14] מיט צוזעניכע — מיט דער דאַזיגער.

IV.

סטעמפעניו'ס פיעדעלע.

בקיצור, גאָט האָט געהאָלפען, און סטעמפעניו האָט זיך גע־גומען בעזעצען די כלה.

אַך, איך פיהל, אַז מיין פעדער איז שוואַך צו בעשרייבען, ווי אַזוי סטעמפעניו האָט בעזעצט אַ כלה! דאָס איז ניט געווען גלאַט אַזוי געשפּיעלט, געקרימפּעלט; דאָס איז געווען אַ מין „עבודה“, אַ גאָט'ס דיענסט מיט עפּיס זעהר אַ הויכען געפיהל. מיט עפּיס זעהר איין אײדעלען גייסט! סטעמפעניו האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגען דער כלה און האָט איהר געהאַלטען אַ דרשה אויפ'ן פיע־דעל, אַ שענע אַ לאַנגע דרשה, אַ ריהרענדיגע דרשה, איבער דעם פריי און גליקליך לעבען פון דער כלה ביז אַהער, פון איהר מיידעל־שטאַנד, און איבער דעם פינסטערען ביטערען לעבען, וואָס ער־וואַרט זי אויף שפּעטער, שפּעטער: — אוים מיידעל! איבערגע־דעקט דעם קאָפּ, פערשטעלט די שענע לאַנגע האָר אויף אייביג... ניטאָ די פרייליכקייט! זיי געזונד, יוגענד. אַט ווערסט דו אַ אי־דינע!... עפּיס זעהר נישט פרייליך, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רעד!...

אַט אַזעלכע ווערטער הערען זיך כמעט ארוים פון סטעמפּע־ניו'ס פּיעדעלע. אַלע ווייבער פערשטעהען גוט דעם פשט פון דער דאָזיגער שטומער דרשה, אַלע ווייבער פיהלען עס; זיי פיהלען דאָס, און וויינען דערויף מיט ביטערע טרערען.

— ווי לאַנג בין אִ י ך אַזוי געזעסען — קלערט זיך אַ יונג ווייבעל, שלינגענדיג די טרערען — ווי לאַנג בין א י ך אַזוי געזע־סען מיט צעלאָזטע צעפּלאָכטענע צעפּ און האָב נאָר געמיינט, אַז מלאכים שפּיעלען זיך גאָר מיט מיר, אַז איך בין איינע אַ גליקלי־כע? צום סוף... אַך, צום סוף!...

— בעשער איהר, גאָט, — טהוט בעטען איין אַלטע אידינע, אַ מוטער פון דערוואַכסענע טעכטער — בעשער איהר, גאָט, מיין על־

טערער טאָכטער איהר זיווג אין גיבען, נאָר מיט מעהר מזל ווי מיר, נאָר מיט אַ שענערער דאָליע ווי איך האָב ביי מיין מאַן, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רעד!...

אָט אין אַזעלכע מחשבות פאַלען־אריין די ווייבער, און סטעמ־פעניו טהוט זיך זיינס: ער ארבייט מיט אַלע כלים, און דאָס פיעדעלע רעדט. דאָס שפּיעלט סטעמפעניו אַ וויינענדיגס, און די קאַפּעליע האַלט איהם אונטער. עס ווערד שטיל, אוים ליאַרם, אוים געפּילדער. אַלע, אַלע ווילען הערען סטעמפעניו'ן. אידען ווערען פערטראַכט, ווייבער ווערען אַנשוויגען, יונגלעך, מיידלעך קלעטע־רען אַרויף אויף בענק און אויף טישען — יעדער וויל הערען סטעמ־פעניו'ן.

— ששאַ! שטילער! עולם, לאָז זיין שטיל!!

און סטעמפעניו צעגיסט זיך אויפ'ן פיעדעלע און צעגעהט זיך, ווי אַ וואַכס: טיאָך־טיאָך־טיאָך — מעהר הערט מען נישט; אַ האַנד פליהט אויף און אַפּ — מעהר זעהט מען ניט. און עס הערען זיך אַלערליי קולות, און עס גיסען זיך פערשיעדענע מיני געזאַנגען, און אַלץ אומעטיגע, טרויעריגע, אַז עס נעמט אָן ביי'ם האַרצען, עס ציהט די נשמה, עס נעמט אַרוים דאָס חיות. דער עולם געהט־אוים מיט אַלע כחות, דער עולם שטאַרבט, שטאַרבט מיט אַלע אברים. דאָס האַרץ ווערד עפּים אַזוי פול, אַזוי צעוויקט, און עס שטעלען זיך טרערען אין די אויגען. אידען זיפצען, אידען קרעכצען, אידען וויינען... און סטעמפעניו?—ווער סטעמפעניו? וואָס סטעמפעניו? מע זעהט איהם גאָרניט, מע זעהט ניט קיין סטעמפעניו, מע זעהט ניט קיין פיעדעלע; מע הערט נאָר זיסע קולות, געטליכע געזאַנ־גען, וואָס פילען־אָן די גאַנצע שטוב... און רחל'ע די שענע. וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט געהערט קיינמאָל סטעמפעניו'ס שפּיע־לען, רחל'ע, וואָס האָט געהערט, אַז ס'איז דאָ אַ סטעמפעניו. נאָר זי האָט נאָך נישט געהערט אַזאַ מין שפּיעלען, שטעהט און הערט זיך צו צו די כשופ'דיגע געזאַנגען, צו די זעלטענע קולות — און פערשטעהט ניט וואָס דאָס איז? עפּים ציהט דאָס איהר דאָס

הארץ, עפּיס גלעט דאָס זי ביי דער נשמה, נאָר וואָס דאָס איז — פערשטעהט זי ניט. זי הויבט אויף די אויגען, אהין, פון וואַנען עס גיסען זיך די זיסע קולות, און דערזעהט אַ פּאָר וואונדערשענע שווארצע אויגען, פייערדיגע אויגען, וואָס קוקען גלייך אויף איהר, און נעמען זי דורך, ווי שאַרפע שפּיזען. די וואונדערשענע שווארצע פייערדיגע אויגען קוקען אויף איהר און ווינקען צו איהר און רעדען מיט איהר. רחל'ע וויל אַראָפּלאָזען איהרע אויגען אַראָפּ — און קאָן ניט.

„אָט דאָס איז סטעמפעניו?“

אזוי קלערט זיך רחל'ע די שענע, ווען דאָס „בעזעצען“ האָט זיך שוין געענדיגט און די מחותנים הויבען אָן צו טראַכטען מכח פיהרען צו דער חופּה.

— וואו זענען ערגיץ די ליכט? — פרעגט חתנ'ס צד.

— די ליכט וואו זענען? — ענטפערט כלה'ס צד.

און אזוי ווערד וויעדער דער אייגענער געפּילדער, וואָס פריהער. אַלע לויפען און מע ווייסט ניט וואוהין. מע קוועטשט זיך, מע שטופּט זיך, מע טרעט־אָן אויף מאַזאָלים, מע צערייסט קליידער, מע שוויצט, מע זידעלט די סאָרווערס מיט די שמשים, און זיי זידלען צוריק די מחותנים, און די מחותנים אַמפּערען זיך צווישען זיך — עס איז, ברוך השם, גאַנץ לעבעדיג!

אין דער מהומה, וואָס עס ווערד בשעת מע געהט צוריק פון דער חופּה, חאַפּט זיך סטעמפּעניו ארוים פון דער קאַפּעליע, און אָט איז ער שוין אויסגעוואַכסען צווישען די ווייבער, אָט דאָ, נעבען אייזיק־נפתלי'ס שנור, רחל'ע דער שענער. ער וואַרפט זיך איבער מיט איהר מיט אַ פּאָר ווערטער, צושמייכלענדיג און קרייזלענדיג זיך זיינע שענע לאַנגע האָר. רחל'ע ווערד רויטליך, לאָזט אַראָפּ די אויגען אויף דער ערד און ענטפערט איהם דאָס צעהנטע וואָרט. עס פּאַסט ניט עפּיס זיך שטעלען פּלוצים אויסשמועסען מיט אַ כלי־זמר, און נאָך פאַר אזא עולם!...

V.

דאָס ערשטע בעגעגעניש פון סטעמפעניו׳ן מיט רחל׳ען.

דערצעהלען דערצעהלט מען פון סטעמפעניו׳ן פיעל פערשיע־דענע מעשיות. מע דערצעהלט פון איהם, אז ער קען זיך מיט אלע מכשפים און מיט אלע „גוטע לייט“, אז קוים וויל ער אפּרעדען א כלה פון א חתן — קאָן ער, אז ער קען אזא מין „שפּרוך“, אז ער דאַרף נאָר א קוק טהון, א רעבטען קוק טהון אויף א מיידעל, — איז זי שוין אפּגעקאָכט, — מע זאָל גאָר בעהיט ווערען! א סך מאַמעס וויסען פון דעם סוד און היטען דעריבער זייערע קינדער, די כלה׳ס, אז ווען זיי רעדען מיט סטעמפעניו׳ן, שטעהט ביי דער זייט איין עלטערע שוועסטער, א מוהמע, א שוועגערין, אָדער אזוי א ווייבעל, וואָס האָט א מאַן... אמת, דאָס איז פאַר אונזער העלד נישט אזא שענער קאָמפּלימענט, נאָר וואָס מאַכט דאָס אוים? וואָס קעהר זיך אָן שלום צו מחלוקת? דערפון ווערד סטעמפעניו׳ס נאָ־מען חלילה נישט קלענער. אלע וויסען, אז סטעמפעניו איז א גוטער „ימח־שמו׳ניק“, — נו, בכן איז וואָס? קיין שידוך טהוט מען דאָך ניט מיט איהם, כלעבען, און סטעמפעניו בלייבט סטעמ־פעניו.

געבענשט זענט איהר, אידישע ווייבלעך, וואָס האָבען מאַנען, און געבענשט זאָלען זיין די מאַנסבילען, וואָס האָבען אייך גע־שענקט אזא טייערע מתנה — פרייהייט — און ווער איז צו די מיידלעך נעבאָך, וואָס זענען געבונדען און געפּענטעט, געהיט און אָפּגעהיט, ביז מע דעקט צו דעם קאָפּ — און ערשט דאַן ווערען די מיידלעך אויך ווייבלעך, אויפגעבונדענע, פרייע, גליקליכע וויי־בלעך...

רחל׳ע, אלס ווייבעל, האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו אנט־לויפען פון סטעמפעניו׳ן, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איהר מיט׳ן פּידעל אונטער דער האַנד און מיט א שמייבעלע אויף די ליפּען, —

וואָס האָט זי מורא? פאַר וועמען דאַרף זי זיך בעהאַלטען? דער שוועהר, רב אייזיק־נפתלי, איז פערטראַגען מיט דער חתונה: ער געהט זיך אַרום פערלעגט די הענד אַרונטער און גיט אַכטונג אויף די סאַרווערס, אַז זיי זאָלען זיך ריהרען גיכער, און די שוויגער, דוואָסי־מלכה, איז דאָך אַזוי פערפּאַרעט, אַז מע זאָל ביי איהר אַראָפּנעמען דעם שלייער פון׳ם קאָפּ, וואָלט זי אויך ניט געפיהלט. פערביילויפענדיג, האָט זיך דוואָסי־מלכה אַפילו יאָ אָפּגעשטעלט אַ קוק טהון, וואָס טהוט דאָ עפּיס סטעמפּעניו נעבען איהר שנור? נאָר זי האָט זיך באַלד בעקלערט: „וויים איך וואָס, נאַרישקייטען, זייערע זאַכען, נאַט אייך אַ גראָשען!“... און איז אַוועקגעלאָפען ווייטער קאָמאַנדעווען מיט די סאַרווערקעס, זיי זאָלען טהון גיכער. רב אייזיק־נפתלי מיט דוואָסי־מלכה׳ן האָבען געקאָמאַנדעוועט אויסגעצייכענט. די סאַרווערס מיט די סאַרווערקעס זענען אַרום־געפלויגען, ווי די משוגעים, די מחותנים פוןביידע צדדים האָבען געפּילדערט, ווי דער שטייגער איז, דער עולם האָט זיך געוואַשען און האָט אָנגעהויבען צו פערהאַפּען ערטער אויף די לאַנגע בענק אַרום די לאַנגע טישען, אויף וועלכע עס זענען דערווייל געלעגען אָנגעגרייט פרישע בולקעס אַ גאַנצע שורה, — פּלוצים איז געוואָרען אַ גוואַלד: עס איז אויסגעגאַנגען וואַסער פון דער דייזשקע!

— וואו קריגט מען ערגיץ וואַסער? — האָט געפרעגט חתנ׳ס צד.

— וואַסער וואו נעמט מען? — האָט געענטפערט כלה׳ס צד.

— וואַסער! — האָט געשריגען דוואָסי־מלכה, שוין אַביסעל הייזעריגליך.

— וואַסער, וואַסער! — האָט איהר אונטערגעהאָלפען שרייען אייזיק־נפתלי, פערקאַטשעט די פּאָלעס און געמיינט, אַז ער טהוט עפּיס.

אין דער דאָזיגער נייער מהומה האָט סטעמפּעניו געהאַט די גע־לעגענהייט צו שמועסען נאָך אַביסעל מיט רחל׳ען, וואָס איז גע־ווען ערנסט און עפּיס ווי פערטראַכט. איהרע שענע בלויע אויגען

האָבען געקוקט ווייט-ווייט, נים אויף סטעמפּעניו'ן, און איהרע אויהערען האָבען אויסגעהערט פון איהם א גאַנץ לאַנגען שמועס.

און רעדען האָט סטעמפּעניו געקאָנט. ער האָט גערעדט גוט, דער כל-בו'ניק! מיט די רעד האָט ער ארומגענומען ארום און ארום, ווי א גוטער מזיק, געקוקט גלייך אין די אויגען אריין... וואָס זאָג איך? אין הארצען אריין, טיעף-טיעף אין הארצען אריין.

סטעמפּעניו האָט גערעדט, און רחל'ע האָט געהערט, און דער רעש פון די חתונה-לייט איז געווען אזוי גרויס, אז מע האָט נים געקאָנט הערען זייער שמועס, א חוץ די לעצטע עטליכע ווערטער:

— אָט דאָס איז אייער משה-מענדעל? — האָט זי סטעמפּעניו א פרעג געטהאָן, אָנגעוויזען מיט די אויגען אויף א יונגענמאַנטשיק, וואָס האָט געהאַלטען א לאַץ פון א אידישער קאַפּאָטע און האָט גע'טענה'ט צו יענעמ'ס לאַץ מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים.

— דאָס איז ער... — האָט איהם רחל'ע געענטפערט און איז אַפּגעטראָטען אויף א זייט, ווי בעלעדיגט.

רחל'ע האָט זיך געפונען בעלעדיגט און האָט שוין מעהר נישט געקוקט אפילו אין יענעם ווינקעל, וואו די כלי-זמר זענען געזעסען. סטעמפּעניו האָט נאָכדעם לאַנג ארומגעפּאָדקעוועט ארום איהר, — נאָר עס האָט איהם גאָרנישט געהאָלפען. מע קאָן בפירוש זאָגען, אז ער איז איהר נמאס געוואָרען, נמאס ומאוס, אָט דער סטעמ-פּעניו מיט זיין עזות'דיגען קוק און מיט זיינע אַלע גענג... „פע, ס'איז א חרפּה, א בושה, אז א אידישע טאָכטער זאָל גאָר שטעהן אין זיינע דל"ת אמות"...

אזוי קלערט זיך רחל'ע, צוגעהענדיג צוריק צו דער כלה, און איז שוין פאַרטיג צו פערגעסען, אז ס'איז דאָ א סטעמפּעניו אויף דער וועלט. נאָר — שאַ! וואָס איז דאָרט פאַר א גערודער פלור-צים? סטעמפּעניו שפּיעלט שוין ווידער א ווייגענדיגס, און די קאַפּעליע האַלט איהם אונטער; אוים ליאַרעם, אוים געפּילדער! אידען ווערען פערטראַכט, ווייבער ווערען אנשוויגען, יונגלעך, מייד-לעך קלעטערען-ארויף אויף די בענק און אויף די טישען — אַלע ווי-

לען הערען סטעמפעניו'ן. אייזיק־נפתלי האלט דעם קאָפּ אויף אַ זייט און הערט זיך איין, ווי אַ גוטער מבין. דוואָסי־מלכה, ווי זי איז געשטאַנען מיט'ן זיידען טיכעל פערבונדען ארונטער, מיט אַ טעלער אין דער האנד, אַזוי איז זי געבליבען שטעהן אין דער פּאַזע. און אַפילו די סאַרווערס מיט די פּערקאַטשעטע פּאָלעס און די סאַרוועריגס מיט די אונטערגעשטעקטע קליידלעך זענען אויך גע־בליבען, ווי פערגליווערט, אויף זייערע ערטער אין מיטען שטוב. און סטעמפעניו האָט זיך צעגאַסען אויפ'ן פיעדעלע מיט אַזעלכע טרויעריגע אומעטיגע געזאַנגען, אַז דער עולם איז געבליבען אָהן אָטהעם, געשטאָרבענע, טאַקי פּשוט געשטאָרבענע, טוידטע מענ־שען!... דאָס הארץ ווערד פול, צעווייקט, און עס שטעלען זיך טרע־רען אין די אויגען. אידען זיפצען, אידען קרעכצען, אידען וויי־נען... און סטעמפעניו? — ווער סטעמפעניו? וואָס סטעמפעניו? מע זעהט איהם גאָרניט, מע זעהט ניט קיין סטעמפעניו, מע זעהט ניט קיין פיעדעלע; מע הערט די זיסע קולות, געטליכע געזאַנגען, וואָס פילען־אָן די שטוב... און רחל'ע די שענע, וואָס האָט נאָך ביז היינט ניט געהערט סטעמפעניו'ס שפּיעלען, שטעהט און הערט זיך צו צו די כשופ'דיגע געזאַנגען, צו די זעלטענע קולות — און פער־שטעהט נישט, וואָס דאָס איז? עפּיס ציהט דאָס איהר דאָס הארץ, עפּיס גלעט דאָס זי, נאָר וואָס דאָס איז — פערשטעהט זי ניט. זי הויבט־אויף די אויגען און קוקט אהין, פון וואַנען עס גיסען זיך די וואונדערליכע מעלאָדיען, און דערזעהט אַ פּאָר וואונדערשענע שווארצע אויגען, וואָס קוקען גלייך אויף איהר, גלייך אויף איהר, וואָס נעמען זי דורך, ווי צוויי שארפע שפּיזען; די וואונדערשע־נע שווארצע פייערדיגע אויגען קוקען אויף איהר און ווינקען צו איהר און רעדען מיט איהר... רחל'ע לאָזט־אראָפּ דעם קאָפּ און זעהט די וואונדערשענע שווארצע פייערדיגע אויגען, רחל'ע קוקט אויף אַלע זייטען — און זעהט אַלץ אָט אַ יענע וואונדערשענע שווארצע פייערדיגע אויגען...

VI.

נאך דער „חופה־וועטשערע“.

די „חופה־וועטשערע“ האט זיך שוין לאנג געענדיגט, עס איז שוין נאך אלע „וויוואטען“, נאך דעם „דרשה־געשאנק“, נאך דעם „כשר־טאנץ“ — דער עולם הוליעט, יעדער דינגט א טאנץ, מע חאפט א פריילִיכס; רב יאנטעל דער שוחט געהט א „קאזאקעל“, און אקעגען איהם צעלאזט זיך מיט גרוים קוראזש די מחותנת'טע אליין מיט איהר גראבען בויך, מחילה, און דער גאנצער עולם פליעסקעט־אונטער רב יאנטל'ען, וואס זעהט גאר ניט, אז ער טאנצט מיט א נקבה און מאכט „פריסיאדקעס“, ווי א חוואט, און אקעגען איהם העצקעט זיך די מחותנת'טע מיט די הענד „פאדבאקאם“ און שמייכעלט צו רב יאנטל'ען מיט א בריטען שמייכעל איבער'ן גאנצען בריטען פנים, ווי די לבנה אין האלבען חודש... שפעטער ווערד נאך פריילִיכער. מע טאנצט שוין, מחילה, אין איינע תחתונים. אייזיק־נפתלי שטעהט שוין אהן א קאפאטע, מיט די ברייטע ווייסע ארבעל. מע האט איהם לאנג געשלאגען, ביז ער האט מסכים געווען אויסצוטהון די קאפאטע, און אויפ'ן קאפ האט איהם עמיצער אנגערוקט א קאפעליש ביז דער נאז — און אלע לאכען פון איהם מיט פער'שכור'טע אויגען, אפילו זיין אייגענער זוהן משה־מענדעל (רחל'עס מאן) שלעפט אויך דעם טאטען פאר איין ארבעל „אין קאהן אריין“.

— פולקעס, פולקעס! — שרייט משה־מענדעל, שפרינגט ביז דער סטעלי.

די כלי־זמר שפיעלען שוין אליין, אהן סטעמפעניו'ן. צווישען דער דאזיגער חברה איז געווארען גאר הפקר. דאס גאנצע רעדעל פיהרט איינער פון די געשוואלענע יונגען מיט די גרויסע צייהן. דער שווארצער קאלטענעוואטער רב שניאור־מאיר דער אונטער־האלטער (סעקונדע) דרימעלט, רב יאקעל קאנטרבאס שלאפט. נאר יונגווארג ארבייטען אויף אלע כלים, און מעחר פון אלע הארעוועט

נעבאך מעכטשי פייקלער: ער קאָכט אויפ'ן פויק, ווי א גזלן; זיין געל קעפּעל האָט ער בעהאַלטען אין באַראַבאַן אריין, און מע זעהט נאָר, ווי ער ארבייט מיט די פּלייצעס, צוטופּענדיג מיט די קרומע פיסלעך. און סטעמפּעניו? סטעמפּעניו שאַרט זיך אַרום די יונגע ווייבלעך, און נאָך מעהר — אַרום רחל'ען.

— שוויעגער, קומט לאָמיר געהן אהיים! — זאָגט רחל'ע צו דוואָסי־מלכה'ן, וואָס שטעהט און בעטראַכט אייזיק־נפתלי'ן מיט די ווייסע ארבעל און מיט'ן קאַפּעליש.

— קום, טאָכטער, קום! מאָרגען איז א מאַרק, דאַרף מען זיך אָפּרוהען. זעה נאָר, ווי זיי האָבען זיך אביסעל צעהוליעט!

און דוואָסי־מלכה געהט מיט רחל'ען אהיים.

דער טונקעלער־בלויער הימעל ווערד אין איין זייט אביסעל העלער, ליכטיגער. עס שאַריעט אויף טאָג. עס טהוט א קרעה איין האָהן, און צעהן אַנדערע האָהנען ענטפערען איהם. ווייט־ווייט לאָזט זיך הערען דאָס בילען פון א הונד. אַלע שטיבעלעך, אפילו ביי די גויים, זענען נאָך צוגעמאַכט, נאָר ביי איין הערש־בער דעם שוחט לייכט זיך: הערש־בער דער שוחט שטעהט־אויף א שעה פאַר טאָג לערנען „פאַר זיך".

— וואָס זאָגסט דו, רחל'ע, אויף גנעסי'ס טאָכטער, ווי זי האָט זיך עס אביסעל אויסגעסטראָצעלט? ביזט א מבין אויף איהר?

נאָר רחל'ע ענטפערט איהר ניט דערויף. רחל'ע איז פערנומען מיט איהרע אייגענע געדאַנקען. ווער ווייסט, וואָס און וועגען וועמען זי טראַכט אצינד?...

— שוויעגער! — זאָגט רחל'ע פּלוצים. — אָט דאָס הער איך דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען סטעמפּעניו'ס שפּיעלען.

— געה שוין געה, קינד, נאַ דיר גאָר דאָס ערשטע מאָל! — ענטפערט איהר די שוויעגער. — נו, און ביי אייער גביר רב לייבצי אברהם־הערש'ס? און ביי רב נחמיה ביק? און ביי שרה בן־ציונ'ס? און ביי'ם רבי'ן אליין?

— איך געדענק נישט, — ענטפערט רחל'ע, — איך האָב נאָר געהערט — סטעמפעניו, סטעמפעניו, און געזעהען האָב איך איהם ניט.

— נו, ס'פארשטעהט זיך, ביזט נאָך דעמאָלט געווען... וואָס ביזט דו געווען? א פיסקליא ביזט דו געווען, ווען סטעמפעניו האָט געשפּיעלט אין סקווירע ביי'ם רבי'ן די חתונה. א חתונה איז דאָס געווען — אויף אלע מיינע ליעבע, רבונו של עולם! א היבש שטיקעל חתונה! קאָנסט זיך מעלדען, אז איך האָב דעמאָלט געטראָגען, סאמע מיט יאָסעל'ען האָב איך געטראָגען, און בין געווען, הייסט דאָס, און בין געווען, אזוי גרויס, ווי אין זעכסטען... הא? ניין, אין אכטען חודש טאָקי... וואוהין געהסט דו דאָס, רחל'ע? אָט איז דאָך אונזער שטוב, און דו ביזט פארקראָכען גאָר צו גנע־סי'ן, — ס'א גראם, חע־חע!

— זעהט נאָר! — ענטפערט רחל'ע, ארומקוקענדיג זיך אויף אלע זייטען. — א שענע מעשה, כלעבען, חא־חא־חא!

און לאָכענדיג זענען די שוויעגער מיט דער שנור אריינגעקומען צו זיך אהיים, זיך צולעגען אויף א פּאָר שעה אָפּרוהען, דען מאָרגען פריה שטעלט זיך אוים א גרויסער מארק אין מאזעפּעווקע, גמעט א גאַנצער יריד.

VII.

רחל'ע קאָן ניט אנשלאָפען ווערען.

האָט איהר געהערט איין אומגליק? — רחל'ע קאָן ניט שלאָ־פען! זי קאָטשעט זיך אויף אלע זייטען, זי דעקט זיך צו און דעקט זיך אָפּ — ניטאָ קיין שלאָף אויף איהר! וויפיעל זי פלייסט זיך, אשטייגער, נישט צו טראַכטען וועגען איהם, וועגען סטעמפעניו'ן מיין איך, — און ער קריכט איהר אלץ פאר די אויגען, דער גוטער יאָהר ווייסט איהם וואָס און ווען! זי מאַכט־צו די אויגען שטאָק־שטארק — און דערזעהט איהם מיט זיינע וואונדערשענע שוואַרצע

פייערדיגע אויגען, ווי זיי קוקען גלייך צו איהר, ווי זיי ווינקען צו איהר, ווי זיי רופען זי צו זיך... „א, ניט געדאכט זאל ער ווערען!... משה־מענדעל זאל חאטש זיין!" — קלערט זי זיך. זי עפענט־אויף די אויגען און דערזעהט סטעמפעניו'ן מיט'ן פידעלע, און עס מאהלט זיך איהר אויס, אז זי הערט נאך דאס שענע זעלטענע שפּיעלען... „אך, א מין שפּיעלען, נו, נו! ניט אומזיסט דער־צעהלט מען זיך אן וועגען איהם אזעלכע וואונדערליכע מעשיות"... און רחל'ע דערמאנט זיך אן אלע יענע שענע מעשיות, וואס זי האט זיך אנגעהערט וועגען איהם נאך בשעת זי איז געגאנגען אין חדר זיך לערנען שרייבען צו מאטעל שפּרייז דעם מיידעלשען שרייבער, בשעת זיי זענען געזעסען אין סקווירע. אט דארט האט זי זיך דאס אנגעהערט פון איהרע חבר'טעס מעשיות, ווי אזוי סטעמפּעניו האט אמאל אפּגערעדט א כלה פון א חתן, און די כלה איז פאר בזיון געשטארבען, און מע האט געשטעלט אויף איהר א שווארצע חופּה... ווי אזוי סטעמפּעניו האט אמאל אפּגעטהאן א מיידעל דערפאר, וואס זי האט איהם אנגערופען מיט'ן נאמען שארלאטאן... ווי אזוי סטעמ־פּעניו האט אמאל געשפּיעלט א חתונה ביי א גרויסען פּריץ, א גראף; ווי דעם גראפ'ס טאכטער, די פּאניענקע, א זעלטענע שענ־הייט, האט זיך אין איהם איינגעקאכט און האט געזאגט: איין מאל פאר אלע מאל — דער טוידט זאל איהר זיין און סטעמפּעניו'ן וויל זי... דער גראף, אז ער האט דערהערט אזא מעשה, האט ער מיט איהם איינגע'טענה'ט, פריהער מיט בייזען, דערנאך מיט גוטען, און לסוף האט ער איהם צוגעזאגט דריי דערפער, אבי ער זאל זיך איבערקעהרען און נעמען זיין טאכטער, די פּאניענקע, פאר א ווייב. נאר סטעמפּעניו האט איהם געענטפערט אויף פראנצויזיש (סטעמ־פּעניו האט געקענט דייטש און פראנצויזיש), אז ער מעג איהם אנ־שיטען א פולע שטוב מיט רענדלעך, ווער ער זיין רענדעל נישט אויסבייטען (און דערפאר איז ער געווען ביי אלע עהרליכע אידען, אפילו ביי'ם רבי'ן, אזא חשוב). און די פּאניענקע, אז זי האט דאס דערהערט, האט זי זיך מיט'ן אנטהון אריינגעווארפען אין טייך

אריין... און נאָך פיעל וואונדערליכע מעשיות, וואָס עס נעמט־אָן א שרעק, נאָר אויסהערענדיג זיי...

נאָך האָט זיך רחל׳ע דערמאָנט, וואָס זי האָט געהערט פון איהרע חבר׳טעס, אז סטעמפעניו האָט אזא מין פלעשעלע „ליעבע־טראָפּען“... „ליעבע — ליובקע, קאָך לאָקשען! — האָט זיך רחל׳ע געקלערט, דערמאָנט זיך אָן די אַלע שענע מעשיות. — נא דיר א גראָשען פאַר דער גאַנצער ליעבע! מיין משה־מענדעל, נישקשה, האָט מיך ליעב אָהן „ליעבע־טראָפּען“. און איך איהם? איך משה־מענדל׳ען?“...

און רחל׳ע קעהרט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט, מיט׳ן פּנים צו דער וואַנד, און טראַכט וועגען דעם גאַנץ שטאַרק. דאָס ערשטע מאָל איז איהר ארויפגעקומען אויפ׳ן קאָפּ אזא מחשבה: „אָט האָסט דו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב! וואָס עפּיס מיצקע־דרינען ליעב־שמיעב? פיינט געווים ניט!“...

און באמת טאַקי, פאַר וואָס זאָל זי איהם פיינט האָבען? משה־מענדעל איז, חלילה, ניט קיין מיאוסער יונגערמאַן, אביסעל פון דער נייער וועלט, די פּאות פערשאַרט אַרונטער, לייענט א בלאַט, מאַכט שען קידוש, האָט ליעב צו זאָגען א ווערטעל, מיט יונגעלייט א שטיפ טהון — גאַר א פיינער יונגערמאַן. אמת, צו איהר, צום ווייב, איז ער נאָך אביסעל ווילד, רעדט מיט איהר קיינמאָל נישט קיין צוויי גאַנצע ווערטער, עפּיס נאָר מיט א ווערטעל און מיט א דרעה־זיך־אוים אָדער אין בית־המדרש, אָדער אין מאַרק. ער זאָל זיך עס א מאָל, אויף א ציקאַווּעסט, אנידערזעצען מיט׳ן ווייב, ווי ביי לייטען פיהרט זיך, רעדען, שמועסען, גלאַט אזוי, — דאָס ניין. א ווילדע ציעג!

אוי, ניט דאָס האָט רחל׳ע געמיינט כלה׳ווייז! רחל׳ע, אז זי איז א כלה געוואָרען, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז אַלע זענען איהר מקנא אויף איהר חתן; אז אזא משה־מענדעל (אָך, איז ער געוועזען שען חתנ׳ווייז!) איז נאָר דאָ איינער ביי גאָט און דער אַנדערער ביי איהר — און זי וועט דאָס זיין איינע א גליקליכע...

און צום סוף? צום סוף זעהט זי, אז איהרע אלע חבר׳טעס לעבען מאקי א גוטען טאג: די איז ערגיץ מיט איהר מאן אין א גרויסער שטאדט און שרייבט פון דארט אזעלכע בריוולעך, וואס עס לאזט זיך אויס די וועלט, און יענע איז שוין אליין א בעל־הבית׳טע; אפילו חנה־מירעל, וואס האט חתונה געהאט פאר איין אלמן מיט פינף קינדער און וואס האט אזוי איינגעלעגט די וועלט, איז אויך גליקליך. און זי? און רחל׳ע?... אך, נימא וואס צו רעדען. א גאנצע וואך זיץ פערשפארט, ווי איין עוף אין א שטייג: עס, טרינק און שלאף! דער שוועהר און שוויעגער לאזען ניט אפטהע־מען: טאג און נאכט נאר רחל׳ע און רחל׳ע! און משה־מענדעל מיט זיינע געגג, מיט זיינע ווערטלעך, גלייך ווי זי וואלט געוועזן ביי איהם א וויים איך וואס... שא! אן קלאפט עמיצער אין דער טיר. דאס קעהר אודאי זיין משה־מענדעל. די שוויעגער געהט איהם עפענען.

— משה־מענדעל!

— הא, וואס?

— ס׳איז דו, משה־מענדעל? — פרעגט איהם די מוטער.

— נו, א טענצעל, ימח שמו, בררררר... — ענטפערט איהר דער זוהן.

— וואס לעפעטשעסט דו, משה־מענדעל? — זאגט ווידער צו איהם די מוטער. — טהו זיך אויס און לעג זיך שלאפען.

— ימח שמו, גוט געטרונקען, בערעל־מנשה, חא־חא־חא!

— גאט איז מיט דיר, משה־מענדעל! וואס פלאפעלסט דו? — זאגט צו איהם דוואסי־מלכה, אויסרייבענדיג א שוועבעלע.

— איהר הערט דען נים, שוויעגער, אז ער איז שכור־לוט? — זאגט צו איהר רחל׳ע. — צינדט איהם דארט אן א ליכט, זייט מוחל, ער וועט זיך ברעכען רוק און לענד.

— חיללל... נאך א גלעזעל, ימח שמו!...

מיט די דאזיגע האלבע ווערטער פאלט משה־מענדעל אנידער ביי זיך אין בעט און ווערד גיך אנשלאפען מיט א שרעקליך חרא־

פעריי. דוואַסי־מלכה ווערד אויך אַנשלאָפען. די קליינע קינדער שלאָפען שוין לאַנג. עס סווישטשעט און עס פייפט אין אַלע ווינ־קעלעך. אַלע שלאָפען געשמאַק אינ׳ם דאָזיגען שטיבעל. נאָר איין רחל׳ע קאָן ניט אַנשלאָפען ווערען, האָטש נעם טהו זיך אָן אַ מעשה — ניטאָ קיין שלאָף!... די לבנה שיינט־אריין דורך אַ פענסטער, און אַ לאַנגע ווייסע פאַסמע פון איהר ליכטיגקייט פאַלט אויפ׳ן בעטעל, אויף וועלכען משה־מענדעל ליגט צעוואָרפען מיט׳ן פנים ארויף, דאָס מויל אָפען, די אויגען פערגלאָצט, דער האַלז פערריסען, און אַ קנאָפּ, אַ שאַרפער קנאָפּ, שטעקט־ארויס פונ׳ם גאָרגעל, אַז עס איז אַ מיאוסע זאַך צו קוקען.

רחל׳ע וויל נישט קוקען — און קוקט פאָרט; קיינמאָל האָט איהר משה־מענדעל נישט אויסגעוויזען אַזוי העסליך, ווי אַצינד, ווי אין דער דאָזיגער נאַכט. און, נישט ווילענדיג, האָט זי איהם פערגלייכט מיט איין אנדערען, מיט אַ יענעם ימח־שמו׳ניק סטעמ־פעניו... און דאָס איז דער אייגענער משה־מענדעל, וואָס פריהער? וואָס אַמאָל, בשעת חתנ׳וויז, מיט זיין שען וויים פנימ׳על, מיט זיין זים שמייכעלע, מיט זיינע פריילינע אויגעלעך, מיט זיין גלייך שטעלטעל, מיט זיין גענגעל און מיט אַלע זיינע בנעימות׳דיגע פאַ־סטעמקעס, מיט זיינע קלוגע גלייכווערטלעך? אָט דאָס איז יענער משה־מענדעל?...

און דאָ האָט איהם רחל׳ע, ניט ווילענדיג, ווידער אַ מאָל פערגליכט מיט איין אנדערען, מיט סטעמפעניו׳ן...

אוועקט, אוועקט, פינסטערע מחשבות, פון אַ אידישער טאָכטער!

VIII.

צום „שלייער־וואַרמעס“.

אויף מאָרגען, אַז חיענע די שמש׳טע איז געקומען צו דוואַסי־מלכה׳ן זאָגען, אַז די מחותנת׳טע מיט׳ן חתן, מיט דער כלה, מיט

אלע מחותנים האָבען געלאָזט בעטען צום שלייער־וואַרמעס, איז שוין רחל'ע געוועזן אויסגעשלייערט און אָנגעטהאָן נאָך דער לעצטער מאָדע פון רב דוד מעכאַניק דעם זשענסקי שניידער: אַ בלוי זיידען מלבוש, הימעל־קאַליר, מיט ווייסע קרוזשעווקעס און מיט גאַנץ ברייטע אַרבעל, ווי מע האָט דעמאָלט געטראָגען אין מאָזעפּעווקע, וואו די מאָדע האָט פערשפּעטיגט אויף עטליכע יאָהר; אויפ'ן קאָפּ אַ בלוי זיידען טיכעל, אַזשורנע אַרבייט, אַזוי, אַז מע האָט געקאָנט אַרויסזעהן דעם גאַנצען שלייער מיט די צעפּ... נאָר פרעמדע צעפּ; די אייגענע בלאָנדע האָר זענען שוין ביי רחל'ען פון לאַנג בעהאַלטען, פערבאָרגען אויף תמיד, אויף אייביג! עטליכע שנירעלעך פּערעל אויפ'ן האַלז, אויפ'ן ווייסען, אויפ'ן שענעם האַלז, אַ גרויסע גאָלדענע קייט, אַ בראָש, בראַסליעטען, פינגערלעך, אויהערינגלעך — די גאַנצע אידישע ציערונג, דער גאַנצער אידישער מאָיאָנטעק.

איין אויסגעשלייערטע איז רחל'ע געזעסען ביי זיך אין חדר, וואו משה־מענדעל איז נאָך געלעגען אין דער נעכטיגער פּאָזע, מיט'ן גאָרגעל אַרויף און מיט איין אָפען מויל, און האָט געהאַלטען אין איין חראָפּען.

„אַך, וואָס פאַר אַ גרויסער חילוק עס איז צווישען די צוויי משה־מענדלען, דאָס הייסט, צווישען משה־מענדעל דעם חתן און משה־מענדעל דעם מאַן: יענער משה־מענדעל איז עפּיס געווען מיט אַזוי פיעל חן, זיינע אויגען האָבען געלייכט, ווי הבדלות, זיין קול איז געוועזן צוקער־זיס, זיינע אַלע פּאַסטעמקעס זענען געווען אַזוי אָנגענעהם, אַזוי ליעבליך! און דער משה־מענדעל? עפּיס אַזוי משונה־לאַנג און שמאָל און סאָטולעוואַטע, און אַ געל בערדעל שיט זיך איהם. פון וואַנען האָט זיך צו איהם גענומען אַזאַ צאַפּען־בערדעל?

און נישט ווילענדיג, שטעלט זי זיך פאַר אַלץ אָט אַ יענעם כל־בו'ניק, וואָס האָט זי אַ גאַנצע נאַכט ניט געלאָזט שלאָפען — אַ ריינער אומגליק! „איך בין אַליין שולדיג — קלערט זיך רחל'ע —

איך בין אליין שולדיג: פלוצים נאָ דיר גאָר אזאַ שלים-מזל, אַ סטעמפעניו! ווער שטעלט זיך דאָס אָפּ פלוצים רעדען מיט אַ כלי-זמר? פע, בזיונות! און וואָס וואָלט מען געקאָנט אויף מיר זאָגען, ווען מע זאָל מיך זעהן שטעהן און רעדען מיט איהם? אַ מערכה, וואָס ס'איז געווען אזאַ געפּילדער. און וואָס וואָלט משה-מענדעל געזאָגט?"...

און מיט אַ שמייכעל איז רחל'ע צוגעגאַנגען צו משה-מענדעל'ס בעט און האָט זיך איינגעבויגען איבער זיין קאָפּ און האָט איהם אָנגערופען ביי'ם נאָמען. משה-מענדעל האָט אויפגעעפענט די גרויע אויגען און האָט לאַנג געקוקט און האָט ניט פערשטאַנען וואָס ער זעהט פאַר זיך.

— משה-מענדעל! — האָט איהם רחל'ע געזאָגט, אָנגעבויגען זיך אינגאַנצען צו איהם. — משה-מענדעל! דו דערקענסט מיך נים, צי וואָס? קוק איהם אָן, ווי ער באַטראַכט מיך אביסעל! איך בין דיר, אפנים, געפעלען אין שלייער?

— אַי, לאָז צורוה, וויל שלאָפען!... — און מיט די ווערטער דרעהט זיך משה-מענדעל אוים מיט'ן פּנים צו דער וואַנד און לאָזט-אַדוים אַ משונה-ווילד חראַפּעריי.

— די מחותנת'טע און חתן-כלה און אַלע מחותנים האָבען גע-לאָזט בעטען אייך מיט אייער שוויעגער און מיט אייער מאַן אויפ'ן „שלייער-ווארמעס".

אזוי רופט-אוים חיענע די שמש'טע, אריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער טיר אריין, נאָר דערזעהען, ווי רחל'ע שטעהט איבער'ן מאַנ'ס צוקאָפּענס, טהוט זי זיך אַ וואָרף צוריק.

* * *

רחל'ע האָט געטראָפען די כלה נאָך ניט קיין אויסגעשלייערטע. ביידע חבר'טעס האָבען זיך געקושט, און עס איז צווישען זיי גיך פערבונדען געוואָרען אַ גאַנץ ווארעמער שמועס, ווי עס דאַרף צו זיין צווישען צוויי יונגע ווייבלעך.

דער עולם האָט זיך געקליבען ביסלעכווייז, און די סאַרווערס מיט די סאַרווערקעס האָבען בעדעקט די טישען מיט כל־טוב: מיט לעקאַך און מיט איינגעמאַכטס, מיט קומיש־ברויט און מיט מאַנדעל־בייגעלעך און מיט שטרודלען אַלערליי. די נעכטיגע שמשים מיט די נעכטיגע אָרעמע לייט זענען שוין אויך דאָ. דער מחותן, חיים־בנציון, לויפט־ארום איין אויסגעצוואָגענער, מיט אַ סאַמעטען קאַש־קעטעל, און די מחותנת'טע איז שוין הייזעריג, ווי די וואַנד; דאָך הערט זי ניט אויף צו פּאַראַדקעווען, טרייבט דעם אהער און דעם אהין און שרייט מיט די לעצטע כחות:

— איהר ווילט מיך אומגליקליך מאַכען, שונאי־ציון! איהר נעמט און שטעלט־אוועק אַ בעקען מיט טאָרט און מיט אייגעמאַכטס דאָרט, וואו עס דאַרף גאָר שטעהן דאָס פלעשעל בראָנפען מיט די גלעזלעך, וואונד איז מיר און וועה איז מיר! געה צעריים זיך! נאַ דיר אַ חתונה! קאָסט אַ גרודע גאָלד, און צום סוף — נאַ דיר! אפילו די כלי־זמר זענען נאָך אויך ניטאָ! טאַקי נאָר אַ מעשה קומט זיך אָנצוטהון און געווג!

— שאַ, לאָז זיין שטיל! — שרייט חיים־בנציון דער מחותן. — וואָס פילדערסט דו אזוי? מע ווערד פון דיר ניט גליקליך! זי טהוט גאָרניט און שרייט! וואָס שרייסט דו וואָס? אַ נאָווינע ביי דיר אַ קינד חתונה מאַכען? דאָס ערשטע מאָל, צי וואָס? קוק זי אָן, זי חריפעט אַזש! צענויפגערופען געסט מיט קרובים אַ גאַנצע שטאָדט און לויפט־ארום און שרייט! טאָמער ווייסט דו וואָס?

— ווער שרייט, משוגענער כהן? ווער שרייט?

— איך וויים ווער סע שרייט? אדרבה, זאָג שוין אַליין!

— איך שריי ניט; סע דו שרייסט.

— איך שריי שוין? אזוי? גאָר פאַרקעהרט?

— אָט שרייסט דו דאָך, חיים־בנציון, וואָס איז דאָס דיר אָנ־געקומען אזעלכם?

— א גוטער מאַרגען זאָל קומען אויפ'ן מחותן מיט דער מחותנת'טע, אויפ'ן חתן מיט דער כלה, אויף אַלע מחותנים פון ביידע צדדים און אויף אַלע ליעבע פריינד, וויוואַט — גאַנץ פיין אויסגעשפּיעלט!

מיט דעם הילכיגען אויסרוף פון חייקעל בדחן האָבען זיך די כלי־זמר גענומען צו די כלים, און די חתונה איז געוואָרען ווידער א חתונה! דער עולם האָט זיך גענומען אויסווישען די הענד אין די פּאָלעס, פערקאַטשען די אַרבעל, און ערשט נאָכדעם זיך וואַשען, געזעצט זיך צום טיש פּראָווען דעם „שלייער־וואָרמעס" — און דאָ האָט זיך סטעמפּעניו גענומען דאָס פיידעלע און האָט איבער־אַ־נייעם געמאַכט אַלע נעכטיגע קונצען נאָך מיט עטליכע צוזעצלעך און מיט א צוויי־דריי נייע שטיקלעך, פון וועלכע דער עולם האָט געגאַפּט אויף די נעגעל און איז געווען אויסער זיך. אַלע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם, אויף סטעמפּעניו'ן; נאָר איין רחל'ע האָט נישט געקוקט אין יענעם ווינקעל — און דאָך האָט זי איהם געזעהען, און דאָך האָט זי געפיהלט, אַז ער קוקט אויף איהר... ערשט דעמאָלט, אַז סטעמפּעניו האָט דאָס פידעלע אוועקגעלעגט, און צווישען עולם איז געוואָרען א הו־האַ, — ערשט דעמאָלט האָט רחל'ע אויפגעהויבען איהרע בלויע אויגען און האָט דערזעהן... סטעמפּעניו'ן.

— וואָס זאָגט איהר אויף איהם? — האָט זיך צו איהר גע־ווענדט די כלה, וואָס האָט ביז אהער געשוויגען.

— אויף וועמען? — האָט זי רחל'ע געפרעגט בתמימות.

— אויף סטעמפּעניו'ן; א שענער כל־בו'ניק?...

רחל'ע האָט איהר גאָרנישט געענטפערט דערויף. זי האָט דער־פיהלט, אַז די פאַרב קומט איהר צו אין פּנים אריין. די כלה האָט דאָס בעמערקט און האָט זי א פרעג געטהאָן:

— ס'איז אייך היים, רחל'ע? איאַ, ס'איז אייך היים?

— יאָ, היים, שרעקליך היים! איך וועל אַרויסגעהן אויף א מינוט אין דרויסען זיך אָפּקיהלען. — האָט איהר רחל'ע געענטפערט

און איז אַרויסגעגאַנגען פונ׳ם טיש, בעגעגענט זיך אויף יעדען טריט מיט אַ סאַרווער אָדער אַ סאַרווערקע, וואָס האָבען איהר אָפּגעטראָ־טען דעם וועג מיט גרויס כבוד, נישט אַזוי צוליעב איהר, ווי צוליעב איהר זיידען מלבוש. נאָר נישט אַזוי גיך האָט זי געטראָפען צו דער טיר, דען, ערשטענס, האָט זי בעדאַרפט דורכשפּאַרען זיך דורך די כלי־זמר, וואָס האָבען זי בעטראַכט „מיט אויגען" און האָבען זיך דורכגעוואָרפען אויף זייער לשון: „קליוועַ יאָלדאָווקע, מע דאַרף טירען מיט צוזעניכע"... און אַז זי האָט זיך בעגעגענט מיט סטעמ־פּעניו׳ס אויגען, האָט זי דערפיהלט עפּיס אַ מין האַרצקלאַפּעניש, וואָס זי האָט נאָך ביז אַהער קיינמאָל נישט געפיהלט; דערפון איז זי געוואָרען נאָך רויטער און האָט דערפיהלט אַ שרעקליכע היץ אין פּנים, ווי אַ מענש, וואָס געהט אויף אַ שרפה סאַמע ביי׳ם רעכטען פייער. צו די צרות האָט זי זיך נאָך געדאַרפט בעגעגענען מיט׳ן מחותן רב חיים־בנציון, שוין כמעט ביי דער טיר, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע חתונה: רב חיים־בנציון איז געווען אַ איד אַ חסיד און האָט געציטערט פאַר אַ נקבה שרעקליך. אַז ער האָט זיך בעגעגענט פּלוצים מיט רחל׳ען, האָט זיך רב חיים־בנציון בעדאַרפט, אייגענטליך, אַ וואָרף טהון צוריק, ווי דער שטייגער איז. נאָר, מעשה שטן, האָט ער זיך גאָר אַ נעם געטהאָן רעכטס, און אַזוי ווי זי, רחל׳ע, איז אויך געגאַנגען רעכטס, איז אָפּגעגאַנגען אַ האָר, זיי זאָלען זיך צעבוצקען. לכן איז רב חיים־בנציון געפאַלען אויף איין עצה און האָט זיך באַלד אַ האַפּ געטהאָן לינקס; צום אומגליק, איז זי אויך געפאַלען אויף דער זעלבער עצה און האָט אויך גענומען לינקס. דאָ האָט רב חיים־בנציון באַלד פערשטאַנען, אַז מע דאַרף זיך ראַפּטאַם אַ לאָז טהון טאַקי נאָר רעכטס, נאָר ביז ער האָט זיך אַ ריהר געטהאָן, איז איהם שוין רחל׳ע געשטאַנען אַקעגען, ווי אויף צר־להכעיס — און גאָט ווייסט ביז וואַנען זיי וואָלטען אַזוי אוועק־געטאַנצט, ווען אויף זייער גליק זאָל ניט געווען אָנגעקומען די היי־זעריגע מחותנת׳טע און ניט שטעלען זיך אוים׳טענה׳ן מיט׳ן מחותן, אויף זייער געוועהנליכען שטייגער, און דערווייל האָט זיך רחל׳ע

ארויסגעחאפט אין דרויסען ארויס, אביסעל אפקיהלען זיך פון דער שרעקליכער היץ.

IX.

רחל׳עס ביאגראפיע און חיה-עטעל׳ס ראמאן.

אין דרויסען איז אבער געוועז נאך הייסער. עס איז געווען א תמוז׳דיגער טאג. די זון האט געהאלטען אין מיטען הימעל און האט געשמאלעט און געבראטען גאר אהן רחמנות. אויף די היל־צערנע און שטרויענע דעכער פון די מאזעפעווקער הייזער האט זיך דער אפשיין פון דער זון צעגאסען מיט טויזענדער פאסען, וואס ציטערען און שוועבען, ווי די חוואליעס פונ׳ם טייך; חדר־יונגלעך רופען דאס אן: „די שכינה רוהט“.

אקעגען רחל׳ען שטעהט דער מארק: ער איז ברייט און פוסט. די קלייטען מיט די רויטע פארטיכלעך זענען אפען, און די ווייבער זיצען אויף פיערעקעכיגע בענקלעך און ארבייטען א זאק מיט א שרעקליכער געשווינדקייט. ביי דער זייט שטעהען מולטערלעך מיט יאגערעס, מיט קיכלעך און מיט קארזשיקלעך, און א ציעג גנבה׳ט זיך אונטער און האט חשק צו מאכען א שטיקעל אומגליק, נאר מע דערלאזט זי נים. ווייט־ווייט געהען א פאר אכסען מיט א גרויסער פוהר סנאפעס קארן; די פוהר מאכט־אן א מורא׳דיגען פאראך ארום זיך, און הינטען געהט־נאך א קליין שייגעצעל מיט א גרויס ווארעם היטעל, מיט א טארבע, מיט א לאנגער בייטש און בארפיס, און א גרויסער הונד לויפט איהם נאך מיט איין ארויסגעשטעלטער צונג.

רחל׳ע שטעהט און בעטראכט דאס גאנצע וואכעדיגע אויסזיכט און פערגלייכט דאס מיט איהר בלוי־זיידען מלבוש, הימעל־קאליר, און מיט די פערעלעך, בראסליעטען, אויהערינגלעך, פינגערלעך — און זי פיהלט, אז זי איז עפיס גאר ווילד־פרעמד מיט דעם דאזיגען

בילד, מיט דער גאנצער נאטור, עפּיס ניט אהין, ניט אהער, ניט מארק־אידינע, ניט גראפינע — גלאט א אידיש קינד, א אידישע טאכטער, פּטור פון אלץ. אט האט זי זיך א מאן, עסט זיך קעסט ביי די שוועהר־און־שוויגער, טהוט נישט קיין האנד אין קאלטען וואסער, און דער מאן איז אדער אין בית־מדרש, אדער אין מארק, געהט־ארום מיט׳ן שטעקעלע און זאגט ווערטלעך.

אצינד, שטעהענדיג אט דא, נאהענט צו דער נאטור, האט זי זיך כמעט דאס ערשטע מאל אויף איהר לעבען גענומען רעכט בעטראכטען, ווער זי איז, און עס איז איהר ארויפגעקומען אויפ׳ן זינען א נייע מחשבה, אז עס פעהלט איהר עפּיס. וואס — ווייסט זי נישט, נאר עפּיס פעהלט איהר, עפּיס געהט איהר אפּ...

רחל׳ע איז געווען א פּשוט אידיש ווייבעל אהן אויבערקעפּלעך, אהן שפּיצלעך. מיט איינעם ווארט — דאס, וואס מע רופט־אן ביי אונז א אידישע טאכטער. געוואכסען צווישען א סך קינדער, איז זי ביי פאטער און מוטער אין סקווירע געווען ניט אזא אנטיק: „ווייס איך, א מיידעל, לאז זי זיך וואכסען גע־זונטערהייד"... און בכדי זי זאל זיך ניט ארומבלאנקעווען פאר די אויגען און עס זאל זיין ווינציגער מיט א קינד אין שטוב, האט מען זי אפּגעשיקט גלייך מיט אלע איהרע ברידערלעך אין חדר אריין. נאכדעם, אז זי איז שוין אביסעל אונטערגעוואכסען, האט מען זי אפּגעגעבען לערנען זיך שרייבען צו מאטעל שפּרייז, דעם „מיידעלשען שרייבער". דארט, ביי מאטעל שפּרייז, דעם „מיי־דעלשען שרייבער", האט זיך רחל׳ע געהאט, געוועהנליך, איהרע חבר׳טעס, קליינע און גרויסע מיידלעך, נאר מעהר האט זי ליעב געהאט צו שארען זיך ארום די עלטערע מיידלעך, פון וועלכע זי האט ליעב געהאט צו הערען מעשיות, שענע וואונדערליכע מעשיות. די מיידלעך וויעדער האבען ליעב געהאט רחל׳ען פאר איהר זינגען, פאר איהר שען זינגען.

— זינג אונז, רחל׳ע, הארצעניו! זינג, נישקשה, אצינד איז ניטא קיין יונגלעך.

פאר יונגלעך און פאר עלטערע האט זיך רחל'ע געשעמט צו זינגען, בפרט נאך פאר גרויסע יונגלעך האבען איהר די חבר'טעס אליין געזאגט, אז ס'איז ניט שען, מע טאר ניט...

— נו, זינג שוין, רחל'ע. קוק זי אן, מע דארף זי בעטען.

און רחל'ע פאלגט די גרויסע מיידלעך און פערציהט אויף איהר דינער, ווייכער שטימע א ליעדעל, א אידיש ליעדעל.

אויפ'ן בארג שטעהט א טויב,
און טהוט זיך טרויעריג ברומען,
ערגיץ האב איך א ליעבען פריינד —
און קאן צו איהם נישט קומען...

רחל'ע זינגט דאס דאזיגע ליעבע ליעדעל מיט גרויס געפיהל, גלייך ווי זי וואלט פערשטאנען דאסווארט „ליעבע". יענע אבער, איך מיין די עלטערע מיידלעך, האבען דאס, אפנים, יא פערשטאנען, מחמת זיי פלעגען זיך דערביי פערזארגען, זיפצען, און אמאל לאזען א טרער אויך...

מעהר פון אלע האט ליעב געהאט צו הערען די דאזיגע ליעדע־לעך, וואס רחל'ע האט געזונגען פאר איהרע חבר'טעס, איינע פון זיי מיט'ן נאמען חיה־עטעל, זעהר א שען מיידעל, א יתומה. חיה־עטעל איז געווען איינע פון א סך מיידלעך. איהר ביאגראפיע איז די ביאגראפיע פון פיעלע אידישע טעכטער און קאן דערצעהלט ווערען אזוי קורץ און אזוי גיך, ווי מאכען א ברכה „שהכל נהיה בדברו". אט האט איהר זי אינגאנצען:

אמאל (נישט זעהר לאנג) זענען געווען צוויי ברידער אין דער שטאדט סקווירע, איינער האט געהייסען אהרן און דער אנדערער האט געהייסען לייב. אהרן איז יונג געשטארבען און נאך איהם איז נאכגעשטארבען זיין ווייב, און עס איז פון זיי איבערגעבליבען א טאכטער חיה־עטעל. האט זיך אויף איהר דערבארעמט דער פעטער לייב און האט זי צוגענומען צו זיך מיט איהר ירושה. דער פעטער לייב האט זיך אפילו מיט דער יתומה נישט אזוי שען בע־

גאנגען, די גאנצע ירושה האט ער זיך צוגענומען (א דריי טויזענד קערבלעך, זאגט מען), און איהר, דער יתומה, האט ער געגעבען, מחילה, א פייג, און האט זי חתונה געמאכט פאר א חניאק, א כלב שבכלבים, וואס איז איהר דערגאנגען די יאהרען, און חיה־עטעל איז יונג, צו צוויי און צוואנציג יאהר, געגאנגען פון דער וועלט.

אט מיט דער חיה־עטעל איז אונזער רחל'ע געווען א ליבליכע חבר'טע, און זיי האבען זיך ביידע זעהר ליעב געהאט. און אט מיט דער חיה־עטעל איז אמאל געזעסען רחל'ע שבת בייטאג ביי'ם פענ־סטער, גאנץ פיין אויסגעקעמט און אנגעטהאן שבת'דיג, ווי עס גע־הער צו זיין. ווי דער שטייגער איז, האט רחל'ע געזונגען איהרע ליעדעלעך, און חיה־עטעל האט געהערט. רחל'ע האט געזונגען:

אוי, דו פאהרסט אוועק,
אוי, דו פאהרסט אוועק,
און מיך לאזט דו איבער!...

— רחל'ע, הארצעניו, נשמה'ניו! — זאגט חיה־עטעל. — זינג דאס נאך א מאל!

— איבערזינגען דאס נאך א מאל? — פרעגט זי רחל'ע פער־וואונדערט. — נו, איך קאן דאס דיר אנהויבען נאך א מאל פון אנהויב:

אוי, דו פאהרסט אוועק,
אוי, דו פאהרסט אוועק,
און מיך לאזט דו אי־אי־בער!...

פלוצים דערזעהט רחל'ע, ווי חיה־עטעל די יתומה ליגט מיט'ן פנים אויף דער האנד און איהר קאפ מיט די פלייצעס ווארפען זיך. רחל'ע בלייבט שטיל און הערט, ווי חיה־עטעל חליפעט.

— גאט איז מיט דיר, חיה־עטעל, דו וויינסט? וואס עפיס אין מיטען דרינען געוויינט? זאג מיר, וואס איז דיר, חיה־עטעל, אזעלכעס געשעהן? פלוצים גאר, נא דיר א געוויין!

— אוי, רחל'ע! — ענטפערט זי איהר מיט א געוויין. — אוי, רחל'ע, דאס ליעדעל, דאס ליעדעל דיינס!

— דאס ליעדעל? וואס זשע איז דארט אזעלכעס? וואס דארף מען וויינען דערויף?

— אוי, רחל'ע, פרעג מיך נישט, פרעג נישט קיין פארביטערט הארץ! א פייער ברענט אין מיר! עס ברענט אין מיר א העליש פייער אט דא, זעהסט דו, אט דא־א!

און חיה־עטעל ווייזט איהר אן ביי זיך אויפ'ן הארצען. רחל'ע קוקט אויף איהר פערוואונדערט און צעמישט.

— וואס קוקסט דו אויף מיר אזוי, רחל'ע? דו פארשטעהסט נים, דו קאנסט ניט פיהלען וואס מיר איז; מיין הארץ איז מיר אזוי שווער, איך בין אזוי עלענד, אזוי פארוויסט, איך טראג אזעלכע מכות, אז איך מוז דיר אלסדינג דערצעהלען — אלסדינג!

און חיה־עטעל דערצעהלט רחל'ען א גאנצע געשיכטע, א טרוי־עריגע מעשה, אפילו א געוועהנליכע, וואס טרעפט זיך גאנץ אפט ביי אידען, נאר זעהר א טרויעריגע מעשה, ווי אזוי איהר פעטער לייב האט זיך מיט איהר מיאוס בעגאנגען, און צומיינסטען — זי, די מרשעת, די מוהמע, און ווען ניט דעם פעטער לייב'ס יונגער זוהן בנימין, וואלט זי שוין לאנג אנטלאפען אין דער וועלט אריין, אדער אין טייך אריינגעווארפען זיך. אט דער בנימין איז געוועזן איהר איינציגע נחמה אויף דער וועלט; מיט איהם איז זי דאס אויפגע־וואכסען אינאיינעם; ער איז צו איהר געוועזן ווי א ברודער, ווי איין אייגענער ברודער — און צום סוף איז ער אוועקגעפאהרען, האט זי איבערגעלאזט אויף צרות, ווי א פרעמדער, גאר ווי א ווילד־פרעמדער.

— איך פארשטעה נים, חיה־עטעל, וואס באדארף מען דא אזוי איינלעגען די וועלט, ווען אפילו איין אייגענער ברודער פאהרט־אוועק, בפרט נאך ניט קיין אייגענער!

— אוי, רחל'ע, דו ווייסט נישט, ווי היימיש ער איז מיר געוועזן, ווי איינגעבאקען אין הארצען, טאקי נאר ווי איין אייגענער, נאך

מעהר ווי איין אייגענער, זאָג איך דיר! אז איך האָב געזעהן פאַר זיך בנימינ'ען, איז מיר געווען אַ ליכט אין די אויגען, און אַז ער איז אוועקגעפאָהרען...

— בנימין האָט דאָך געמוזט אוועקפאָהרען, חיה־עטעל, ער האָט דאָך חתונה געהאַט.

— אוי, רחל'ע־קרוין, זאָג עס מיר ניט, איך קאָן דאָס ניט הערען! דאָס וואָרט „חתונה־געהאַט" נעמט ביי מיר ארויס מיין גאַנץ חיות! ווען איך דערהער, אַז מע זאָגט: „בנימין האָט חתונה געהאַט", עקט זיך מיר דאָס לעבען. דו ווייסט דאָס ניט, רחל'ע, הלואי זאָלסט דו דערפון נישט וויסען אייביג... וואָס קוקסט דו אויף מיר אַזוי? בנימין האָט מיר צוגעזאָגט, געשוואָרען, אַז ער וועט מיך נעמען.

— נו, למאי זשע האָט ער דיך ניט גענומען, חיה־עטעל?

— דו פרעגסט, ווי אַ קינד, רחל'ע. מסתמא איז מיר ניט באַשערט. מסתמא איז דאָר איהר מזל.

— ער האָט דאָך דיר אָבער געשוואָרען, אַז ער וועט דיך יאָ נעמען.

— נו, מילא, האָט ער געשוואָרען! ער האָט זיך אַלץ געקליבען זאָגען דעם פעטער, אָפּגעלעגט פון טאָג אויף טאָג: ער האָט מורא געהאַט פאַר איהם (דו קענסט דאָך מיין פעטער לייב), ביז ער איז אַ חתן געוואָרען פאַר איהר. און אַז איך האָב געמאַכט מיט איהם אַ שמועס מכח דעם, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ביז דער חתונה איז נאָך ווייט, ער וועט נאָך קאָנען רעדען — און אַזוי זענען אוועקגע־גאַנגען די טעג מיט די יאָהרען, ביז ס'איז געקומען די צייט, אָט אַ יענע פינסטערע צייט, אויף מיין שלים־מזל... איך בין אַליין געווען ביי דער חופה, איך האָב אַלסדינג געזעהן מיט מיינע אויגען, אַלסדינג, ווי אַזוי ער האָט איהר אָנגעטהאָן דאָס פינגערעל, געזאָגט וואָס מע באַדאַרף... דער חזן מיט די משוררים האָבען געזונגען, און בנימין האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען אויף דער ערד, ער זאָל

מיך ניט זעהן — נאָר איך ווייס, אז ער האָט מיך געזעהן... אַך, רחל׳ע, ווי אזוי לעב איך? ווי אזוי האַלט איך דאָס אוים?
— ווי באַלד אזוי, חיה־עטעל, איז דאָך בנימין אַ גרויסער ליגנער און איז ניט ווערטה, וואָס די ערד טראָגט איהם.
— ניין, זאָג דאָס ניט, רחל׳ע, דו קענסט ניט בנימינ׳ען; דו ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ דימענט דאָס איז, וואָס פאַר אַ טייער הארץ ער האָט!... דאָס איז ער אינגאנצען שולדיג, דער פעטער לייב, דער רוצח, מיין טאַטענ׳ס בלוט זאָל איהם נאָר אָקעגען קומען, רבונו של עולם!
— איך זעה אַרוים, חיה־עטעל, אז ער טהוט דיר, אפנים, גוט באַנג.
— באַנג, זאָגסט דו? איך שטאַרב, איך געה־אוים מיט די כחות — און זי זאָגט גאָר באַנג־שמאַנג!
— נו, און זי, חיה־עטעל, זי איז עפּים אַ שען ווייבעל?
— ווער זי?
— זי, בנימינ׳ס ווייב מיין איך.
ביי די ווערטער האָט רחל׳ע דערזעהן, ווי חיה־עטעל ווערד רויט און נאָכדעם בלייך, אַלערליי פאַרבען. רחל׳ע האָט נאָך נישט געקאָנט פערשטעהן, פאַר וואָס חיה־עטעל וויל איהר דערויף ניט ענטפערען; נאָר פיהלען האָט זי געפיהלט, אז נאָך אַ מאָל איבערפרעגען זי דאַרף מען ניט. „מסתמא פאַסט איהר ניט, אז זי מאַכט אַ שווייג; מסתמא טהוט איהר וועה, אז זי וויל דערפון ניט רעדען"...

אין אַ צייט אַרום האָט זיך רחל׳ע בעגעגענט מיט חיה־עטל׳ען אויף אַ חתונה, טאַקי ביי חיה־עטל׳ען אויף דער חתונה. חיה־עטעל איז געווען אַ כלה, ווי אַלע כלות; געזעסען, ווי אַ כלה דאַרף זיצען, געשוויגען, געגאַנגען צו דער חופּה, אויף מאָרגען אויסגעשלייערט זיך, געווען אפילו בלייכליך אויפ׳ן פּנים, אביסעל ווי פערטראַכט,

נישט פרייליך... נאָר נישקשה, עס מאַכט ניט אויס: אַ כלה דאַרף אזוי זיין. וואָס זשע? מאַנצען זאָל זי געהן?...

ווער ווייסט, וואָס ביי חיה־עטל'ען איז געווען אויף דער מחשבה, אויפ'ן הארצען? דאָס הארץ פון אַ אידישער טאָכטער איז אַ סוד, אַ גרויסער סוד. אַ קאַסטען, אַ פערשלאָסענער קאַסטען, און דערצו פאַסט טאַקי ניט פאַר קיין מאַנסביל אריינצוקוקען אַהין — עס איז עפּיס נישט קיין דרך־ארץ...

X.

און ווייטער אַ מאָל רחל'ע.

אויף דער שאלה: „וואָס טהוט זיך ביי חיה־עטל'ען אינוועניג אין הארצען?“ — אויף דער שאלה האָט זיך רחל'ע פערטראַכט ביי חיה־עטל'ען אויף דער חתונה. רחל'ע האָט וועגען דעם מיט קיינעם נישט גערעדט; דאָך האָט זי פערשטאַנען מיט'ן שכל און אביסעל געפיהלט מיט'ן הארצען, אז חיה־עטל'ען דאַרף אצינד זיין ניט אין בעסטען, זיצענדיג מיט איהר בעשערטען, אַ ווילד־פרעמדען בחור, און ווען איהר אייגענער בנימין איז דאָרט ערגיץ מיט זיין ווייב... רחל'ען האָט זיך אפילו שטאַרק געגלוסט אַ פרעג טהון אצינד חיה־עטל'ען, וואָס הערט זיך מיט בנימינ'ען, וואָס מאַכט ער, צי שרייבט ער בריוולעך? נאָר, צוגעגאַנגען נאָהענט צו חיה־עטל'ען און אריינגעקוקט איהר אין איהר בלייך פּנים אריין און דערהערט, ווי זי זיפצט גאַנץ אַפּטליך, — האָט איהר דאָס הארץ נישט פערטראָגען צו רעדען מיט איהר פון אַזעלכע זאַכען.

מיר קאָנען דענקען, אז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אויף איהר לעבען, וואָס זי, רחל'ע, האָט זיך פערטראַכט וועגען אַזעלכע ענינים. עס קאָן זיין, אז איין רעכטער פאַקט פונ'ם לעבען זאָל ארויסרופען אַ סך מעהר מחשבות און אויפוועקען אַ סך מעהר געפיהלען, ווי צעהן גוטע ביכער. אמת, רחל'ע איז געווען אַ פּשוט אידיש מיידעל, אָהן חכמות, נאָר קיין נאַריש מיידעל איז זי ניט

געווען; פאַר וואָס זשע זאָל זי נישט בענעמען אַ זאַך מיט איהר אייגענעם געבאַרענעם שכל? אמת, רחל'ע האָט נישט געוואוסט פון קיין העלדען, פון קיין ראָמאַנען, אָבער אַ ריין הארץ, אַ ריין אידיש הארץ האָט זי געהאַט; פאַר וואָס זשע זאָל זי ניט פיהלען קיין פרעמדע צרות, נישט פערשטעהן קיין פרעמדע יסורים? אין דעם פרט, קאָן מען זאָגען, איז רחל'ע מיט אַ מאָל עלטער געוואָרען אויף עטליכע יאָהר, אַ דאַנק חיה־עטל'ען מיט איהר אידישען ראָמאַן.

אין יענער צייט איז שוין רחל'ע אויך געווען אַ כלה, און פון איהר חתן משה־מענדל'ען האָט זי זיך אָנגעהערט אַזעלכע שבחים מיט אַזוי פיעל מעלות, אַז זי האָט געקוקט אויף זיך, ווי אויף איינע אַ גליקליכע אין דער וועלט.

— קיין עין־הרע, אַזאַ גליק! — האָט זי געהערט פון אַלע זייטען.

— אַ שמאַלץ־גרוב! איין אָנקומעניש! רב אייזיק־נפתלי איז אַ איד אַ בעל־הבית, דער פיינסטער פון אַלע מאַזעפּעווקער בעלי־בתים, און האָט איין זוהן, איין־איינציגען זוהן, און נאָך וואָס פאַר אַ זוהן. נו, אַ מזל!

און באמת איז משה־מענדעל טאַקי געווען אַ פיין בחור'על און האָט געקאָנט געפּעלען יעדען: אַ וואָהלס, אַ לעבעדיגס, אַ גמרא־קעפּעל, אַ שענער בעל־תנ"ך, דערצו נאָך אַ כתבא־רבה אויף עטליכע הענד, אַזוי, אַז מיט זיינע כתבים האָט זיך גאַנץ מאַזעפּעווקע אַרומ־געטראָגען, און אַפילו מאַטעל שפּריוז אַליין, דער „מיידעלשער שרייבער" אין סקווירע, האָט אָנגעזאָטעלט זיין רויטע נאָז מיט אַ פּאָר שפּאַקולען, האָט עטליכע מאָל בעטראַכט דעם חתנ'ס כתב, ווי איין עכטער מבין, און האָט מודה געווען, אַז דער חתן האָט אַ גאָלדען הענטעל, און אַז ער וועט זיך מיט דער צייט אויסשרייבען די האַנד, וועט ער, אם ירצה השם, קאָנען שרייבען.

גערעדט האָט רחל'ע מיט איהר חתן זעהר ווינציג, דען וואו איז ער געווען און וואו איז זי געווען? פון מאַזעפּעווקע קיין סקווירע איז גאַנץ ווייטליך, און געזעהען האָבען זיי זיך בסך־הכל איין מאָל.

אי דאָס — נאָר אַ צוויי שעה, אי דאָס — פאַר אַ גאַנצען מנין אידען, אי דאָס — איז דער חתן געווען אין איין חדר און די כלה — אינ׳ם אַנדערען חדר. דערפאַר אָבער האָבען זיי זיך איבערגעשריבען מיט בריוולעך כמעט אַלע וואָך, אַ קיילעכיג יאָהר כסדר, ביז דער חתונה. אמת, אין דעם איבערשרייבעכטס — וואָס דאַרף מען דאָ לייקענען? — האָט מאָטעל שפּרייז געהאַט אַ גרויסען חלק, דען אזוי ווי דעם חתן׳ס בריוולעך זענען געווען געשריבען אין דריי שפּראַך: העברעאיש, רוסיש און דייטש, דערום האָט מאָטעל שפּרייז געמוזט זעהן, אַז זי, די כלה, זאָל אויך עפּים ניט פערשעמט ווערען. און בכדי צו בעווייזען בעשיינפּערליך, אַז פון מאָטעל שפּרייז׳ס חדר געהען ניט אַרויס קיין מיידלעך גלאַט אזוי, ווי ביי אַנדערע שרייבערס, האָט ער זיך געפּלייסט, אַז אין דער כלה׳ס בריוולעך זאָל זיין צוגעזעצט נאָך פראַנצויזיש אויך, דאָס הייסט, פראַנצויזישע אותיות, אין וועלכע מאָטעל שפּרייז איז געווען גאָר אַ גרויסער בקי. בכלל קאָן מען זאָגען, אַז אַ גאַנץ יאָהר כסדר האָבען זיך חתן־כלה געשפּיעלט אין כתבים, און נאָר דערמאָלט האָבען זיי אויפגעהערט דאָס דאָזיגע שפּיעל, ווען מען האָט זיך שוין אָנגעהויבען רעכט גרייטען צו דער חתונה.

די חתונה איז אָפּגעלאָפען, ווי אַלע אידישע חתונות; אַביסעל האָט כלה׳ס צד ניט יוצא געווען, נישט לייטיש זיך אויסגעשטעלט, גאַנץ אידישליך... און אַביסעל האָט זיך חתנ׳ס צד געבלאָזען, געווערטעלט און שטילערהייד אָנגערופען דעם מחותן מיט׳ן נאָמען „דבר־אחר“, ווי ער האָט דאָס אָרענטליך פערדיענט. נאָר גאָרנישט, עס מאַכט ניט אויס: מע מאַכט, ווי דער שטייגער, אַ כוסה, מע בעט זיך איבער, די כלה געזעגענט זיך אָפּ מיט אַלע איהרע ליעבע, מע בעגלייט זי ביז אַרויס דער שטאָדט, מע קושט זיך, מע וויינט, מע פּטר׳ט אַרויס אַ טאָכטער — און מע פיהרט זי אַוועק אַהין, צו די שוועהר־און־שוויעגער אויף קעסט.

XI.

און ווידער אַ מאָל רחל'ע.

דאָרט, ביי שוועהר־און־שוויעגער, האָט זיך אָנגעהויבען פאַר רחל'ען אַ נייע וועלט. ווי אַ שנור, און איין־איינציגע שנור, און אַ געראָטענע שנור, האָבען זי אַלע גיך ליעב געקריגען און מע האָט זי אָפּגעהיט, געפּאַנקעוועט, געבלאָזען דאָס אָרט פאַר איהר. און ווער שמועסט די שוויעגער, דוואָסי־מלכה, וואָס האָט קוים דערלעבט אַזאַ נחת, האָט פשוט דאָס לעבען אוועקגעלעגט צוליעב איהר: נאָר „רחל'ע און רחל'ע!" וואו ערגיץ אַ פעט שטיקעל פלייש, אַ מאַר־בעדיג ביינדעל, אַ געשמאַקע זאַך — אַלץ רחל'ען. גאַנץ פריה, רחל'ע האָט נאָר־וואָס געעפענט די אויגען — אהאַ, דאָס קריגעל ציקאָריע שטעהט שוין אויפ'ן טיש, און דוואָסי־מלכה, וואָס איז, אייגענטליך, אַ פערנומענע, אַ מאַרק־אידינע, דרעהט זיך אַרום און זעהט, אַז די שנור זאָל האָבען אַלץ צו דער צייט.

— וואָס דאַרפט איהר זיך מטריח זיין, שוויעגער?

— נישקשה, טרינק, רחל'ע, עס, רחל'ע!

איין אַנדערס מאָל זעהט רחל'ע, ווי די שוויעגער לויפט פון מאַרק אַהן אַ נשמה און פאַלט־אַריין אין קיך מיט קולי־קולות אויף די מענשען, שעלט און קאַרעניעט, גלייך ווי מע וואָלט זי דאָרט געקוילעט.

— וואָס איז, שוויעגער? — פרעגט זי רחל'ע.

— איך האָב געמיינט, דו ביזט שוין לאַנג אויפגעשטאַנען, און די מילך שטעהט און זידט און זידט — זידען זאָל, רבונו של עולם, מיין מויד'ס פּאַרע — און איך לויף, איך ווייס וואו איך בין אין דער וועלט? אין קלייט איז, קיין עין־הרע, איין ענגשאַפט — מע זאָל נאָר באַהיט ווערען, און ער, מיין דאַליע, שטעהט די הענט פאַרלעגט אַרונטער, ווי אַ מחותן! איך בעט איהם רחמים: נעם טראַג־אוועק אַחיים אָט אַ צוויי פרישע בייגעל! טאָמער ווילסט דו עסען — עס, רחל'ע, גוטע בייגעל, איך קויף תמיד ביי לייציבען

ביינעל. איך וועל ביי קיין אַנדער אידינע ניט נעמען, מע זאָל מיר אָנשיטען אַ פולע שטוב מיט גאָלד — גאָט מעג איהר טאַקי העלפען! ווי־פיעל זי קומט נעבאך אָפּ פון איהר מאַן דעם שכור! ווי אַזוי טראָגט די ערד אויף זיך אַזאַ נפש — פאַרשטעה איך נישט. נאָר אַ בזיון דאָרט דעם טאַטען אויף יענער וועלט... יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? משטיינס געזאָגט, דער קאָפּ איז מיר אַזוי פאַרשלאָגען... שאַ, אָן געהט זי שוין, די יפהפיה. מויד! וואו ביזט דו שוין געוועזן, מויד?

און דאָ געהט אַוועק אַ נייע צעטעל פון קללות מיט גוואַלדען פאַר דער מילך פון רחל׳עס וועגען, פאַר דער ציקאָריע פון רחל׳עס וועגען, פאַר דעם אָנבייסען פון רחל׳עס וועגען — הכלל, מיט רחל׳ען האַלט אין איין קאָכען די גאַנצע שטוב. אפילו דער שוועהר, וואָס איז תמיד געווען פערנומען מיט זיך און מיט זיינע געשעפטען, האָט אויך שטענדיג נאָכגעקוקט נאָך איהר, נאָכגעפרעגט אויף איהר.

דאָס גאַנצע ארומפאָדקעווען מיט׳ן ארומטאַנצען ארום איהר איז רחל׳ען, איינענטליך, געווען אַביסעל פריקרע, טאַקי אריבער דער טבע; און דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז רחל׳ע איז געווען אַ סך ווינציגער צוגעלאָזט צו זיי, אַלס זיי צו איהר.

אַז מיר זאָגען „זיי", מיינען מיר דאָס די שוועהר־און־שוויגער, און משה־מענדל׳ען, דעם רעכטען פאַרשוין, ווארפען מיר ארויס פון צעטעל, ווארום צווישען דעם יונגען פּאָרפאָלק איז געווען אַזעלכע מחזקות, וואָס מע קאָן זיי נישט אָנרופען ניט גוט, ניט שלעכט. זיי, דאָס פּאָרפאָלק, האָבען צווישען זיך קיין סך נישט גערעדט, און טאַקי נישט געקאָנט רעדען: אַזאַ יונגערמאַן, ווי משה־מענדעל, וועט זיך ניט נעמען אַנידערזעצען אין מיטען בייטאָג אין דער היים רעדען מיט׳ן ווייב, און אויף דער נאַכט, קוים זענען זיי שוין יאָ געבליבען אַ מינוט אַליין, האָט דאָס אָבער טאַקי מעהר נישט גע־דויערט, ווי איין רגע: באַלד איז געקומען אָדער רב אייזיק־נפתלי און האָט אריינגעקוקט צו די קינדער, אָדער עס האָט אָנגעטראָגען

דוואַסי־מלכה׳ן מיט אַ קריגעל, מיט אַ טעפּעל, מיט אַ גלאָז, אָדער מיט אַ שאָל.

— אַט נעם אויף אַ ציקאָוועסט, רחל׳ע, און פאַרזוך אַט דעם איינגעמאַכטס.

— וועה איז מיר! איך האָב דאָך שוין אַ מאָל הונדערט פאַר־זוכט אַט דעם איינגעמאַכטס, שוויעגער!

— ס׳אַ גראַם! געה שוין געה, קינד, וואָס דו רעדסט! אַט דעם איינגעמאַכטס האָסט דו נאָך אַפילו נישט אָנגעקוקט אין די אויגען.

און רחל׳ע נעמט ווידער אַ מאָל פערזוכען דעם איינגעמאַכטס, וואָס קריכט איהר שוין פון האַלז.

— אַ דונער איז מיר, רחל׳ע, ביזט דאָך פאַרחליאַנעט געוואָרען! טהו אַ קוק אַביסעל, ווי אַ מענטש עסט! פון וואָס דו לעבסט — ווייס איך נישט. כלעבען, מע וועט דיך דערזעהן עמיצער פון סקווירע, וועט מען דאָס מיך אַ קאָפּ אָנטעלטען: אַ שענע שוויע־גער — אַ געשוויר איהר אין דער לעבער! — וועט מען זאָגען. — פיין אויסגעהאָדעוועט אַ שנור — אַ שטריק איהר אויפ׳ן האַלז! וועה איז מיר, עס חאַטש עפּיס פון יוצא וועגען!

— לאָזט מיך, איך בעט אייך, צורוה, שוויעגער! איך בין זאַט, חלואי ביז מיין לעבען.

— נו, טהו מיר צוליעב, טאָכטער! מע טהוט צוליעב אַ מאָל אַ שוויגער אויך; עלעהיי איך בין אַ מאַמע. נעם חאַטש איין פּיצעל און טהו מיר נישט אָן קיין יסורים!

און רחל׳ע ווארגט זיך מיט נאָך אַ שטיקעל און מיט נאָך אַ שטיקעל, און עס ווערד איהר נמאס אַזא לעבען, חאַטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז מע איז איהר געטריי, איבערגעגעבען ביז לעצט, און לאָז זי זאָגען, אַז זי וויל דאָס טעלערעל פונ׳ם הימעל, בעקומט זי דאָס: וואָס הייסט, ס׳איז אַ תירוץ? רחל׳ע וויל — דאַרף עס זיין!

נאָר אַ מענש איז ניט קיין אָכס, ניט קיין גאַנז, וואָס זאָל צו־פריעדען זיין נאָר מיט גוט האָדעווען. אַ מענש קאָן ווינציג־וואָס

הנאה האָבען, אז מע זאָל איהם נאָכגעהן כסדר, אומעדום, פיס־טריט, אָפּבלאָזען יעדען אָרט, וואו ער שטעלט אַ פוס, צעהלען זיינע טריט, אכטונג געבען אויף יעדען ביסען, אויף יעדען שלונג, הענגען איבער איהם, ווען ער זיצט, זיצען איבער איהם, ווען ער שלאָפט — מיט איינעם וואָרט, מע זאָל האַלטען זיין לעבען אינ־גאַנצען אין פרעמדע הענד און איהם ניט איבערלאָזען גאָרנישט...

אין אַזאַ טרויעריגער לאַגע האָט זיך געפונען רחל׳ע אין יענער צייט, וואָס עס קומט־פאָר די דאָזיגע געשיכטע. רחל׳ע האָט נישט געהאַט אפילו פאר וועמען זיך צו קלאָגען. איהרע פאָטער און מוטער האָבען זי געהאַלטען פאַר איינע אַ גליקליכע, און זייערע בריעף צו איהר זענען תמיד געווען פול מיט נחת, מיט תענוג און מיט ברכות צו גאָט ברוך־הוא, וואָס ער האָט זיי אַזוי בעגליקט. און איהרע בריעף צו זיי זענען אויך געווען אָנגעפילט מיט „ברכה והצלחה“, מיט „נחת און פערגעניגען“, מיט „ברוך־השם“ און מיט „הלואי אויף ווייטער ניט ערגער“, און האָבען זיך שטענדיג אויס־געלאָזט מיט „גליק און פריידען“ און „פריילִיכע הערצער אָמן סלה“.

טיעף אין הארצען האָט זי געטראָגען אַ פערדראָס אויף משה־מענדל׳ען, לֿמאי ער האָט זיך געהאַלטען ווייטליך פון איהר און עפּיס אַזוי ווי העכער פון איהר, עפּיס ניט איהר גלייכען, ווי דער שטייגער איז פון אַ אידישען יונגעמאַנטשיק אַ תכשיט; ער קאָן זיך ניט אַראָפּלאָזען אַזוי נידעריג צום ווייב, עס קומט ביי איהם אויס עפּיס נישט גלאַט, זעהר פּריקרע... אינוועניג אין הארצען אָבער האָט זי משה־מענדעל גאָר נישט פיינט געהאַט; פערקעהרט, ער איז איהר געווען געטריי, זעהר געטריי, טאַקי מיט איין אמת, גאַנץ בתמימות. איינמאָל איז רחל׳ע עפּיס חרוב געוואָרען און איז געלעגען אַ פּאָר טאָג צו בעט; דעמאָלט איז משה־מענדעל נישט אָפּגעטראָטען פון איהר די גאַנצע צייט, געזיפצט, געהאַט יסורים, אויסגעגאַנגען באמת מיט אַלע כחות.

— אַ צער־בעלי־חיים! — האָט ער געזאָגט צו דער מוטער און אויף זייגע אויגען זענען געווען טרערען. — מע דאַרף רופען דעם

רופא אָדער דעם פעלדשער. איך קאָן דאָס גאָר נישט צוזעהן, ווי זי ליגט נעבאָך אין אַ העליש פייער — אַ צער־בעלי־חיים!

אויפ'ן דריטען טאָג איז רחל'ען גרינגער געוואָרען. משה־מענדעל איז דאָך ניט אָפּגעטרעטען פון איהר, און אָט דאָ, זיצענדיג ביי איהר צוקאָפּענס, האָט משה־מענדעל געהאַט אַ גוטע געלעגענהייט אביסעל צו פערברענגען און שמועסען מיט זיין שענער ליעבער רחל'ען. דערצו האָבען זייביידע חשק געהאַט — מע מוז דעם אמת זאָגען. משה־מענדעל האָט זיך צוגעזעצט צו איהר גאַנץ נאָהענט, אַזוי נאָהענט, אַז איהר שענער קאָפּ, וואָס איז געווען נאָר האַלב צוגעדעקט מיט אַ ווייס טיכעלע, איז געווען כמעט ביי איהם אויף די הענד... רחל'ע האָט אויפגעהויבען איהרע בלויע אויגען אויף משה־מענדל'ען און האָט געוואַרט, טאָמער וועט ער איהר עפּיס זאָגען. משה־מענדעל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען אַראָפּ. נאָר אַז זי האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום פענסטער, האָט ער אויף איהר געקוקט, און אַז זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן, האָט ער אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום פענסטער. און אַזוי האָבען זיי זיך איבערגעוואָרפען מיט אויגען אַ היבש שטיקעל צייט אָהן ווערטער. אינ'ם גאַנצען יאָהר נאָך דער חתונה האָט דאָס דאָזיגע פּאָרפאָלק געהאַט אַצינד אַ געלעגענהייט צו שמועסען צווישען זיך, נאָר זיי האָבען זיך נישט געקאָנט איינשטעלען און האָבען נישט געוואוסט, ווי אַזוי אָנצוהויבען עפּיס אַ שמועס. רחל'ע, אַלס ווייבעל, האָט געהאַט רעכט צו וואַרטען, ביז ער וועט עפּיס זאָגען, און ער, משה־מענדעל, אַלס פיינער יונגערמאַן, האָט געוואַרט, ביז ז י וועט עפּיס זאָגען — און דערווייל האָבען זיי ביידע געשוויגען, דורכוואַרפענדיג זיך מיט די אויגען.

— וואָס איז, משה־מענדעל?

— וואָס „וואָס איז“?

— וואָס קוקסטו דו?

— ווער קוקט?

— דו קוקסט.

— איך קוק?

— ווער דען קוקט?...

רחל'ע דרעהט זיך אוים מיט דעם פנים צו דער וואנד, און משה־מענדעל נעמט דאס בערדעל אין די צייהן אריין און קוקט אויף רחל'ען לאנג־לאנג און זיפצט, ביז זי דרעהט־אוים דעם קאפ צו איהם און חאפט איהם, ווי ער קוקט אויף איהר און זיפצט.

— וואס איז, משה־מענדעל?

— וואס „וואס איז"?

— וואס זיפצסט דו אזוי?

— ווער זיפצט?

— דו זיפצסט.

— איך זיפץ?

— ווען דען זיפצט?...

און דאס פארפאלק ווערד ווידער אנשוויגען. משה־מענדעל רוקט זיך צו נאך נעהענטער, הוסט זיך אוים און וויל עפים אנ־הויבען צו רעדען.

— הערסט דו, רחל'ע, איך מיין עס אקעגען דעם, וואס דו זאגסט...

פלוצים עפענט זיך די טיר און דוואסי־מלכה לויפט אריין מיט א ליארם:

— וואס זשע? איך האב נישט געוואוסט פריהער, אז די אינדיקעס וועלען צעברעכען וואו ס'איז דא ערגיץ א שאל אדער א טעלער? אינדיקעס האט זיך איהם פארגלוסט אין מיטען דריי־נען!... וואס מאכסט דו עפים, רחל'ע? דו ווייסט, וואס איך וועל דיר זאגען? מיר דאכט, אז ביי דיר איז די „סיניע" (קדחת); איך זעה, אז ס'איז ביי דיר א מין „סיניע". איך האב דיר גע־זאגט — שטעה ניט אין דרויסען אהן א שאל! שטעה ניט אין דרויסען אהן א שאל! איך האב ווידער געשיקט צו יקותיאל דעם רופא. אייזיק־נפתלי אליין איז זיך דורכגעגאנגען צו יקותיאל'ען.

— למאי, שוויגער? עס וועט איבערגעהן; עס איז ביי מיר אזא איבערגאנג.

— ביי דיר איז אלסדינג איין איבערגאנג. א שען איבערגאנג! געה שוין געה, קינד, וואס דו רעדסט! מע דארף זיך אביסעל צוועצען...

און דוואסי־מלכה רוקט זיך צו א בענקעל צום בעט און זעצט זיך אנידער.

— ווייסט דו וואס, מאמע? — רופט זיך אן פלוצים משה־מענדעל. — ווייסט דו וואס? דו געה בעסער אין קלייט אריין און איך וועל שוין זיצען אט דא.

און זיינע אויגען האבען זיך בעגעגענט מיט רחל'עס אויגען, און ער האט איבערגעלייענט אין זיי: „אוי, האסט דו, משה־מענדעל, צוגעטראפען!"...

— וויס איך וואס דו רעדסט! — ענטפערט איהם דוואסי־מלכה און רוקט זיך צו נאך נעהענטער צום בעט. — נא דיר גאר אין קלייט! וואס האב איך דארט אנגעווארען? די גרויסע פדיונות די היינטיגע, משטיינס געזאגט! איך פארגין זיי אלע מיינע שונאים מיט'ן גאנצען הארצען!... געה דו בעסער, משה־מענדעל, צו מיר אין ספאלנע און לעג זיך צו אויפ'ן טאטענ'ס בעטעל שלאפען. דו ביזט דאך א גאנצע נאכט ניט געשלאפען!

און אט אזוי לעבט זיך אפ דאס גליקליכע, נאר דאס געפענטעטע פארפאלק, אויף אלעם גרייטען, נאר אהן א פרייער מינוט, אונטער דער בעשטענדיגער אפעקע פון גוטע פאטער־און־מוטער, פון געטרייע שוועהר־און־שוויגער — און נישט דער מאן און נישט דאס ווייב מאכען דערפון איין עסק; נישט ער און נישט זי זענען דאס מזכיר איינס פאר'ן אנדערען. נאר משה־מענדל'ען איז נאך ווי עס איז: ער קוקט־אריין אין א ספר, מישט זיך אריין אין דעם פאטער'ס געשעפטען, האט זיך זיינע יונגעלייט, מיט וועלכע ער טהוט אמאל א שטיפ אין שוהל אדער אין מארק; מיט איינעם ווארט, משה־מענדעל לעבט ווי עס איז.

רחל׳ע אָבער לעבט גאָרניט: זי עסט און טרינקט, פערזוכט צוואנציג מאָל א טאָג דער שוויעגער׳ס איינגעמאכטס, טהוט נישט קיין האנד אין קאלט וואסער, געהט זיך נישט צענויף מיט קיינעם, מחמת רב אייזיק־נפתלי׳ס שנור קאָן זיך נישט צענויפקומען „אבי־מיט־וועמען“, און „אבי־ווער“ וועט זיך נישט צענויפקומען מיט אייזיק־נפתלי׳ס שנור, וואָרום דער אבי־ווער האלט זיך פיעל לייטישער און רייכער און שענער פון אייזיק־נפתלי׳ן, און אייזיק־נפתלי האלט זיך לייטישער און רייכער פון אלע מאזעפעווקער בעלי־בתים — און אזוי ציהט זיך רחל׳ע איהרע יאָהר און טעג, ווי אין געפענגעניש: וויעדער געגעסען, וויעדער געשלאָפען, וויעדער דאָס קריגעל קאווע, וויעדער די ליעבע שוויעגער מיט׳ן איינגעמאכטס, און אזוי ווייטער, א גאנץ יאָהר כסדר.

XII.

רחל׳ע זינגט ליעדלעך.

אָט אין דער לאַנגע האָט זיך געפונען אונזער רחל׳ע אין יענער צייט, ווען מיר האָבען זי געזעהן בײ חיים־בנציונ׳ס טאָכטער אויף דער חתונה, צום שלייער־וואָרמעס, שטעהענדיג אין דרויסען ביי דער טיר און בעטראכטענדיג דעם מאזעפעווקער מארק מיט די קלייטען, מיט די סעדיכעס, מיט דעם וואָגען, מיט די אומגעלומפערטע אָכסען און מיט׳ן שייגעצעל מיט דעם גרויסען היטעל.

אָט אין דער לאַגע האָט זיך געפונען אונזער שענע רחל׳ע אין יענער צייט, ווען זי האָט צום ערשטען מאָל דערהערט דאָס זעלטענע שפּיעלען פונ׳ם געוויסען סטעמפעניו.

הערען שפּיעלען האָט רחל׳ע ליעב געהאט — אוי, האָט זי דאָס ליעב געהאט! כלי־זמר איז פון תמיד אָן געווען ביי איהר דאָס חיות; האָט זי געהערט ערגיץ זינגען אָדער שפּיעלען א נייעס, האָט זי דאָס תיכף איבערגענומען און איבערגעזונגען אויף איהר שטנער, גלאטער שטימע. דערפון האָבען איהרע עלטערען געגוג

אָנגעקוועלט און געזאָגט: „אַ מאַנסבילשער קאָפּ אויף איהר; אַ מערכה, וואָס זי איז געבאָרען געוואָרען אַ נקבה, ווען ניט — וואָלט זי געסמאַלעט אַ וועלט"...

עס ווייזט אויס, אַז איהרע עלטערען האָבען דוקא יאָ פערשטאַנען, אַז עס ליגט אין זייער טאָכטער עפּיס אַ כח, עפּיס אַזאַ מין זאַך, וואָס מיר אין היינטיגע צייטען רופען־אָן טאַלאַנט; נאָר זיי, רחל'עס עלטערען, אין יענער צייט, האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער כח איהרער פון איבערנעמען אַ זאַך און איבערזינגען דאָס — ליגט ביי איהר אין קאָפּ, ווייל זי האָט אַ מאַנסבילשען קאָפּ. דער קאָפּ שפּיעלט ביי אונז, אידען, די גרעסטע ראָלע, מעהר אַלס אַלע צוויי־הונדערט־אַכט־און־פערציג אברים. אַ קאָפּ, אַ קעפּעלע! — אָט דאָס איז ביי אונז דער עיקר אַנטיק. נאָר ווי אַזוי די מעשה איז, ביז פופצעהן־זעכצעהן יאָהר האָט רחל'ע געזונגען, ווי אַ פריי פויגעלע: וואו ערגיץ אַ חזנ'יש שטיקעל, אַ „נקדישך", אַ „כבקרת", אַזוי אויך אַ חסיד'ישער ניגון, כלי־זמר־שטיק אַלערליי, — האָט רחל'ע אויסגעזונגען אויף איהר ציכטיג קול, וואָס איז געווען אַ מחיה נפשות צו הערען. נאָר קוים איז זי אַ כלה געוואָרען, אַזוי האָט איהר די מאַמע געזאָגט:

— פע, גענוג, טאָכטער, דיר צו טערעלייקען. וועסט קומען צום שוועהר־און־שוויגער אויף קעסט און וועסט זיך גאָר פּלוצים אַנידערזעצען ברימבלען — אַ שענעם פּנים פאַר לייטען!

רחל'ע, פערשטעהט זיך, האָט פערשטאַנען, אַז ס'איז ניט לייטיש, האָט זי געפאָלגט און האָט אויפגעהערט צו זינגען... נאָר לחלוטין אויפהערען צו זינגען האָט זי ניט אויפגעהערט, דען עס פלעגט זיך ביי איהר אַליין, אָהן איהר ווילען, אַרויסכאַפּען אַ געזאַנג, פון רגילות, אַפּנים, און וואָס איז זי שולדיג, אַז עס זינגט זיך פאַרט?... אַז מע זעהט, פון וואַנען דאָס וואַסער לויפט, קאָן מען דאָס נאָך פערשטעלען, אָבער אַז מע זעהט ניט, מע ווייסט ניט, פון וואַנען עס נעמט זיך — וואָס קאָן מען טהון?... ניט נאָר בלה'ווייז, אפילו שוין נאָך דער חתונה האָט זיך איהר עטליבע מאָל

געמאכט, אז זי האָט זיך גאָר פערגעסען, וואָס זי איז, און האָט זיך צעזונגען, ווי אַמאָל, צעלאָזט גאָר אויפ'ן אַלטען שטייגער, ווי מיידעלוויוו. רחל'ע האָט גאָר פערגעסען, אז די שוויעגער איז דאָ אין שטוב און הערט יעדעס וואָרט, ווי אזוי זי זינגט:

אוי, אָט דאָרט, אָט דאָרט,
אוי, אויף יענעם אָרט
שטעהען טייבעלעך צוויי — צוויי!
זיי שמועסען זיך, זיי קושען זיך...
נאָר וואָס פאַר א טענה האָבען זיי?
זיי קושען זיך און שמועסען זיך...

— אוי, א דונער איז מיר! נא דיר נאָך! — האָט רחל'ע אויס־געשריגען און האָט זיך א חאַפּ געטהאָן, דערזעהען פּלוצים די שוויעגער.

— נישקשה, נישקשה, וויים איך! — האָט זי די שוויעגער בערוהיגט און האָט זיך געמאכט תמ'עוואטע, שמאָרענדיג מיט דער נאָז און אריינקוקענדיג אין א סלאָי איינגעמאכטס. — זעהסט דו, רחל'ע, איך האָב מורא, אז די אגרעסען אונזערע זאָלען ניט אָנ־הויבען צוקערען; איך האָב שוין פאַר־א־יאָהרען געהאַט אזא פּסק: העכער א האלבער פוד איינגעמאכטס איז פארפאַלען געוואָרען אָט אזוי...

און ווער רעדט, פאַר משה־מענדל'ען וואָלט זי ניט געזונגען פאַר קיין געלד: עס קומט אוים עפּים משונה־נאַריש און זעהר פּריקרע — געמען עפּענען א מויל פאַר'ן מאַן אין די אויגען און זינגען... עס קאָן זיין, אז משה־מענדעל וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט און וואָלט אפשר א גרויסער בעלן געווען דערויף. ער האָט זי גע־הערט א פּאָר מאָל א זינג טהון און ווייסט, אז איהר קול איז צוקער־זים. נאָר וואָס פאַר א פּנים וואָלט ער געהאַט פאַר זיך אליין, אז ער זאָל זיך פּלוצים אנידערזעצען אין דער היים — הערען דאָס ווייב זינגען ליעדלעך? א שענע עובדא פאַר א לייטישען יונגען־

מאנטשיק! עס זאָל זיך מאכען על פּי מקרה זי הערען — מהיכי־תיתי... און עס פּלעגט זיך אַמאָל מאכען, נאָר זעהר זעלטען; דעמאָלט פּלעגט משה־מענדעל בלייבען שטעהן, זיך גוט אָנהערען און נאָכדעם געבען אַ הוסט, צו בעווייזען, אַז ער קומט כלומרשט ערשט אָן, און זיך אריינקומען אין שטוב בלא ידע...

אָט אזוי האָט זיך אָפּגעלעבט רחל'ע אַ קיילעכיג יאָהר, איינע אַליין, צווישען גוטע געטרייע לייט, איבערגעגעבענע ביז לעצט, און מע קאָן ניט זאָגען, אַז ס'איז איהר געווען גוט, און מע קאָן ניט זאָגען, אַז ס'איז איהר געווען שלעכט. זי האָט זיך געפיהלט צווישען אייגענע פרעמדע, צווישען אייגענע עלענד, צווישען גוטע, טרייע — פערלאָזט. זיצענדיג אזוי פערזאָרגט איבער איין ארבייט, איין אויסנייהעכטס, פלעגט זיך רחל'ע, ווי איהר שטייגער איז, אונטערזינגען, און פּלוצים פּלעגט זי אָננעמען אַ הארצקלעמעניש און עס האָט זי געצויגען אהין, דאָרט, וואו זי האָט פערבראַכט איהרע קינדער־יאָהרען.

געפלויגען, געפלויגען
די גילדענע פויגעל
איבער אלע ים'ען;
לאָזט זשע געריסען,
גילדענע פויגעל,
מיין ליעבער, הארציגער מאמען!
געפלויגען, געפלויגען
די גילדענע פויגעל
איבער אלע טייכען;
לאָזט זשע געריסען,
גילדענע פויגעל,
מיין ליעבען, הארציגען טאטען...

דוואָסי־מלכה האָט ליעב געהאט גאַנץ אָפט אונטער'גנבה'נען זיך אויף די שפּיץ־פינגער און אונטערהערען זיך וועגען וואָס זינגט די שנור.

— וואס איז דיר, רחל'ע, דו בענגסט אהיים?
— אך, ניין, שוועגער! גלאט אזוי... — ענטפערט רחל'ע שמייכלענדיג און ווישט־אויס די טרערען.

XIII.

רחל'ע האט שוין דאס גוטע בריוועל.

מיר האבען איבערגעלאזט רחל'ען בשעת דעם „שלייער־וואר־מעס" שטעהן ביי דער טיר און קוקען אויפ'ן גרויסען מארק־פלאץ פון דער שטאדט מאזעפעווקע, פערטיפט אין איהרע מחשבות, פון וועלכע מיר האבען אויבען געשמועסט. די מחשבות איהרע זענען אבער גיך איבערגעריסען געווארען דורך אונזער וואהלען יונג — סטעמפעניו'ן.

דער דאזיגער פיינער בחור, וואס האט געווארפען איין אויג אויף רחל'ען, האט גוט בעמערקט, ווי זי איז ארויסגעגאנגען פונ'ם טיש, האט ער אביסעל צוגעווארט און איז אויך ארויסגעגאנגען, און האט זיך געשטעלט אין דרויסען ביי דער טיר, און האט תיכף פערבונדען מיט רחל'ען א שמועס וועגען זיין שטאדט מאזעפעווקע און וועגען איהר שטאדט סקווירע, וועלכע ער האט גוט געקענט מיט אלע בריקלעך, מיט אלע איהרע אנטיקלעך, אויסגעטונקען, ווי מע זאגט; און פון דער שטאדט יעהופעץ האט ער מיט איהר גע־רעדט; ער האט געהערט, אז זי איז אמאל געוועזען אין יעהופעץ. רחל'ע האט איהם געענטפערט איין ווארט איבער צעהן.

— וואס איז די מעשה — האט זי סטעמפעניו א פרעג גע־טהאן — וואס איז די מעשה, וואס מע זעהט אייך קיינמאל ניט געהן אויפ'ן שפאציער, ניט שבת, ניט יום־טוב? איהר זענט שוין דא כמעט א יאהר, העכער א יאהר, און מע זעהט אייך נאך ניט

אויף דער באַרדיטשעווער גאַס! און פאַרקלויבען האָט איהר זיך אַזוי ווייט, אין עק שטאָדט, און איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר זענט היע... ערשט נעכטען בין איך געוואָהר געוואָרען, ווען איך האָב אייך דערזעהן... איך האָב נאָך נעכטען געוואָלט מיט אייך אביסעל רעדען, קאָן מען ניט... איהר ווייסט דען נישט אונ־זערע אידישע שטעדטלעך? באַלד הויבט מען אָן צו רעדען, מע נעמט אין די מיילער אריין... געהט זיך דורך, פאָלגט מיך, שבת בייטאָג אויף דער באַרדיטשעווער גאַס... דאָרט איז די גאַנצע שטאָדט... למען השם, הערט איהר? למען השם, שבת בייטאָג אויף דער באַרדיטשעווער גאַס!

רחל׳ע האָט איהם קיין צייט ניט געהאַט צו ענטפערען, דען איהר געטרייע שוויגער דוואָסי־מלכה האָט בעמערקט, אַז די שנור איז ניטאָ ביי׳ם טיש, איז זי געלאָפען זי זוכען, און אַז זי האָט זי געט־אָפען שטעהן אין דרויסען ביי דער טיר מיט סטעמפעניו׳ן, האָט זי זיך אין פלוג אביסעלע פערוואונדערט: „וואָס עפּיס אין מיטען דרינען אַט דאָ מיט איהם?" נאָר סטעמפעניו, וואָס איז בכלל געווען אַ מזיק און אַ גרויסער בריה אין אַזעלכע ענינים, האָט זיך תיכף גענומען צו דוואָסי־מלכה׳ן מיט די דאָזיגע ווערטער:

— מיר שמועסען דאָ מכח דער חתונה, מכח דעם רבינ׳ס חתונה אין סקווירע... אייער שנור איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד, ווען איך האָב געשפּיעלט אויף דעם רבינ׳ס חתונה. זי געדענקט ניט דעם רבינ׳ס חתונה...

— עס פאַרשטעהט זיך, ווי קומט צו איהר דאָס געדענקען? — האָט איהם דוואָסי־מלכה געענטפערט. — איך געדענק אָבער גוט. איך בין דעמאָלט געווען מיט מיין מאַן, און האָבען גענעכטיגט אין פעלד, — אַזאַ איין ענגשאַפט איז דעמאָלט געווען אין שטעדטעל.

— וואָס ווייסט איהר דאָס ענגשאַפט דעמאָלט! איך וועל אייך דערצעהלען שענערס... — האָט איהר סטעמפעניו געענטפערט און האָט פערבונדען מיט דוואָסי־מלכה׳ן אַ לאַנגען שמועס מכח פיעל פערשיעדענע ענינים, און אַזוי האָט ער זיך מיט איהר פער־

רערט, און רחל'ע האָט זיך דערוויל אַרויסגעדרעהט און איז אַריינ־געקומען צוריק אין שטוב אַריין צו דער כלה. מיר האָבען נאָך אויבען געזאָגט, אַז סטעמפעניו האָט געקאָנט רעדען; מיר דאַר־פען דערצעהלען נאָך אַ מעלה פון איהם, היינו: אויף צו רעדען מיט אַלטע ווייבער, פּלאַפּלען, פּעררעדען זיי די צייהן, וועלען מע בעדאַרף, האָט מען איהם אויך ניט בעדאַרפט פּיקען די צונג; ער האָט געקאָנט די מלאכה גוט. „אַ געלערענטע מכשפה — זאָגט די וועלט — איז ערגער, ווי אַ געבאָרענע". סטעמפעניו איז אין זיין אַרביים געווען אַ חריף; ער איז דורכגעגאַנגען אַ גוטען חדר, ווי מיר וועלען זעהן וויימער.

„אַ עצה אַביסעל! — האָט זיך רחל'ע געטראַכט אין הארצען.— זאָגען מיר, אַז איך זאָל, למען השם, זיין שבת בייטאָג אויף דער באַרדיטשעווער גאַס! למען השם? אַנדערש וויל ער ניט? אַ השגה אַביסעל! דאָס קאָן נאָר אַ כלי־זמר!"...

מיט אַזעלכע בייזע מחשבות איז רחל'ע געקומען צוריק פון דער חתונה, און אַז עס איז געקומען דער ליעבער שבת־קודש, אַז דער שווער און די שוויגער און אויך משה־מענדעל האָבען זיך געלעגט רוהען און קלויבען אַביסעל עונג־שבת פונ'ם זיסען שלאָף, פון וועלכען אידען האַלטען גאָר אַ וועלט פון כמה וכמה יאָהרען, — דעמאָלט האָט זיך רחל'ע, ווי איהר שטייגער איז, געזעצט איינע אליין ביי'ם פענסטער און האָט געקוקט אויף דער גאַס אַרוים, צו־ברומענדיג זיך אַ ליעדעלע אונטער דער נאָז. דאָרט, אויף דער גאַס, האָט זי דערזעהן, ווי אַלע שבת, אויסגעצוואָגענע מיידלעך, מיט רויטע און מיט בלויע סטיינגעלעך אין די צעפּ, מיט רויטע, געלע, גרינע, מאָדנע קליידלעך און מיט הענטשקעלעך און מיט נייע גלאַנ־צענדיגע שיך אויף סקריפּקעס. דאָס געהען זיי אַהין, „אויפ'ן שפּאַ־ציער", אויף דער באַרדיטשעווער גאַס. דאָרט וועלען זיי ווייזען, איינע די אַנדערע, זייערע רויטע, בלויע סטיינגעלעך, מיט זייערע רויטע, געלע, גרינע קליידלעך. דאָרט וועלען זיי חאַפּען אַ קוק פון דער וויימענס, פערבייגעהענדיג, ווי דער מנהג איז ביי אונז, אויף

די בחורים׳לעך, אויף די שענע בחורים׳לעך מיט די קאַרטענע קאַ־פּאַטקעלעך, מיט די לאַנגע הויזלעך און מיט די גלאַנצענדיגע דאַש־קעס (קאַזיראַקלעך) פון די שבת׳דיגע קאַרטוזלעך. דאָרט וועלען זיי מיט גרויס צניעות אַראָפּלאָזען די אויגען, און די בעקלעך וועלען ביי זיי ווערען רויטליך פאַר חרפּה, און די הערצלעך... מיט איינעם וואָרט, דאָרט וועט זיין חי־געלעבט!

רחל׳ע ווייסט דאָס גאַנץ גוט. פאַר וואָס זאָל זי דאָס ניט ווי־סען? זי איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַ מיידעל מיט רויטע און בלויע סטיינגעלעך אין די צעפּ, און האָט אויך געשפּאַציערט מיט אַ סך מיידלעך שבת בייטאָג אויף דער גאַס. אָבער איצט?

רחל׳ע קוקט זיך אַרום. אַלע שלאָפען און חראָפּען געשמאַק. אַלע! נאָר זי אַליין זיצט דאָ, ווי צווישען טוידטע, ווי צווישען אמת׳ע מתים. זי שפּאַרט אָן איהר קאָפּ אויף די הענד און פער־טראַכט זיך און דערמאַנט זיך איין אַלט ליעדעלע, וואָס זי האָט געזונגען אַמאָל, מיידעלווייז:

איינע אַליין,
עלענד, ווי אַ שטיין,
איך האָב צו קיינעם צו רעדען,
נאָר צו זיך אַליין,
עלענד, ווי אַ שטיין,
איך האָב צו קיינעם צו רעדען...

— גוט שבת!...

רחל׳ע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט דערזעהן... קאָמפּאַניאָן׳ן.

— אַ גוט שבת! זאָג איך.

„וואָס איז דאָס? ! ווי קומט ער אַהער?" — האָט רחל׳ע גע־וואָלט פרעגען און אַפּטרעטען פון׳ם פענסטער.

— גוט שבת, גוט יאָהר! — האָט זי איהם געענטפערט און איז געוואָרען רויט, ווי אַ צוויק.

— איהר האָט מיך ניט געפאָלגט און זענט נישט ארויסגעגאנגען אויף דער באַרדיטשעווער גאַס? איך האָב אויף אייך אומזיסט אַרויסגעקוקט... איך האָב... איך בין... נאָט לייענט!...

און סטעמפעניו האָט איבערגעגעבען רחל'ען אַ צענויפגעלעגטען בויגען פּאַפּיער און איז גיך פערשוואונדען געוואָרען פון איהרע אויגען.

רחל'ע האָט לאַנג, לאַנג געהאַלטען דעם בויגען פּאַפּיער אין איהרע הענד, ניט געוואוסט, וואָס צו טהון דערמיט, און ניט פערשטאַנען, וואָס דאָס בעדייט, „מיט וואָס עסט מען דאָס?“... אז די ערשטע איבערראַשונג איז איבערגעגאַנגען, האָט זי צענומען אַ גרויסען בויגען נאָטען־פּאַפּיער און האָט דערזעהן גרויסע אותיות, אויף פּשוט אידיש געשריבען, מיט אַ סך גרייזען.

„מיין ליבשטיר איינציל פין הומיל ווען איח האָב דיין
„לעחטיק שטאַלד דערזוהין איז מער געוואָרין לעחטיק אָן
„מיינע בײדה עייגין אין אַ לעחטיק פייאר טיט מיין הארץ
„פרעגין פין גריית ליבשעווט צי דיר מיין נעשאָמע וואָת דיי־
„נע הומיל עייגין האָבין מעח מיד דיין שיין לעחטיק שטאַלד
„צי זעח גוצויגען פין דער אורשטיר שאַ ביסד מיין לייבין פין
„מיין לייבין פין מיין הארץ מיין זיילי אין טי ניט שלאָפען אין
„חאָלים דיך זייהין אָן דיר דאָח די לעחטיקי זין פינסטיר אין
„מיינע עייגין אָב דעח ליב ווי מיין זים לייבין אין חשטאַרב
„מיד אלי עייוועריס דעח טאָמיד זייהין פאַר מייני עייגין
„אין דעח טאָמיד ליבין אין מיד דיר טאָמיד לייבין דען דעח
„אויף אימער ליבענדיר וואָת גייט אוית נאָח דייני טרייט אין
„טיט דעח פין ווייטין קישין דייני שייני עייגין

סטעמפעניו“.

XIV.

פון דער „בת־מלכה" צוריק צום „בן־מלך".

לאָמיר איבערלאָזען די „בת־מלכה" און זיך אומקעהרען צום „בן־מלך". מיר וועלען פערבויגען רחל'ען און שמועסען מכח סטעמפעניו'ן.

אמת, דאָס דאָזיגע בריוועל פון סטעמפעניו'ן, וואָס איז אויבען געקאָפּירט אות באות, איז נישט אזוי קונציג, נאָר וואָס קאָן מען העלפען? סטעמפעניו איז אודאי געוועזען אַ העלד, אַ שענער יונגאַטש, אַ ימח־שמו'ניק אַ גוטער, נאָר קיין שרייבער איז ער ניט געוועזען. געהט מאַכט עפּיס! זיין פאָטער, עליו השלום, בערעל באַס, אז ער האָט דערזעהן, ווי סטעמפעניו האָט חשק צו שפּיעלען און לערנען וויל ער ניט קיין וואָרט, האָטש בראָט איהם, האָטש ברען איהם, האָט ער איהם גיך גענומען צו דער מלאכה און האָט איהם פריהער אויסגעפּרובט אויף אַלע כלים, ביז ער איז געבליבען שטעהן מיט דער פיעדעל. און בערעל באַס, וואָס האָט געהאַט חוץ סטעמפעניו'ן נאָך קינדער מוזיקאַנטען, האָט געזאָגט בפירוש, אז אין איהם, אין סטעמפעניו'ן, געפינט זיך איין אָדער פונ'ם זיידען, רב שמואל'קע טראַמייט (וואָס האָט זיך פערזענליך געקענט מיט'ן גרויסען פיעדלער פּאַגאַניני), אַזוי, אז צו צוועלף יאָהר האָט שוין סטעמפעניו געקאָנט „בעזעצען" אַ כלה און טאַקי אָפּשפּיעלען אַ גאַנצע חתונה. דערפאַר האָט איהם בערעל באַס בעסער ליעב געהאַט פון אַלע קינדער, וואָס זענען געגאַנגען ביי איהם אָפּגעריסען, אָפּגעשליסען, אָדער פּשוט נאַקעט און באָרפיס. און האָטש בערעל באַס איז געוועזען אַ שטרענגער קאָמאַנדיר און פלעגט שלעפּען סטעמפעניו'ן פאַר'ן אויהער, אָדער אזוי הרג'ענען, שלאָגען, ממית'ען, ברעכען די ביינער, דאָך איז סטעמפעניו געוועזען ביי איהם דער אנטיק, אַ ציערונג, אַ גאַנצער מאַיאָנטעק אויף דער עלטער. בערעל האָט אַלעמען אָנגעוויזען אויף סטעמפעניו'ן און האָט געזאָגט מיט

גדלות, האַלב אויף כּלי־זמר־לשון: „זעהט איהר, ממזרים, אַט דער פּיטיוקעל וועט מיר געבען פּאַפּע אויף דער עלטער. נישקשה, איך מעג זיך אויף איהם פאַרלאָזען".

דעם אַלטען בערעל באַס איז אָבער ניט בעשערט געווען אויף דער עלטער צו זעהן ביי זיך זיין געליעבטען זוהן. סטעמפּעניו האָט זיך צו פּופּצעהן יאָהר אַוועקגעלאָזט, מיט אַ דרייערעל אין בייטעלע און מיט איין אַלטער, צעבראָכענער פיעדעל אונטער'ן פּאָדעלעק, וואַנדערען אויף דער וועלט. ער האָט זיך אויסגעוואַלגערט וואו איהר ווילט, אין אַ סך שטעדט און שטעדטלעך, צווישען פיעל פער־שיעדענע קאָמפּאַניעס כּלי־זמר. מעהר ווי אַ האַלב יאָהר האָט זיך סטעמפּעניו ניט געקאָנט האַלטען אויף איין אָרט. עס האָט איהם אַלץ געצויגען ווייטער און ווייטער: פון מאַזעפּעווקע קיין סטעפּעווקע, פון סטעפּעווקע קיין קאָרעץ, פון קאָרעץ קיין באַלטע, פון באַלטע קיין אַלט־קאָנסטאַנטין און פון דאָרטען קיין באַרדי־טשעוו, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז אַדעס. און פון אַדעס האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צוריק — ווידער וואַנדערען איבער קליינע שטעדטלעך, וואו מע קאָן זיך לאָזען הערען, האָבען אַ נאָ־מען, זיך קונה שם זיין. און עס איז טאַקי אַזוי געווען: אין יעדען אָרט, וואוהין סטעמפּעניו איז געקומען, האָט מען שוין געהערט פון איהם פריהער. אידען האָבען געהערט, אַז עס פאָהרט אַרום אויף דער וועלט אַ געוויסער סטעמפּעניו, וואָס מיט זיין שפּיעלען לאָזט זיך אויס די וועלט. דעריבער איז גרינג צו פערשטעהן דעם רעש, וואָס עס איז געוואָרען אין יעדער שטאָדט, וואוהין סטעמפּעניו איז געקומען מיט זיין קאַפּעליע. דען סטעמפּעניו, פערשטעהט איהר, האָט צו אַכצעהן יאָהר שוין געהאַט איין אייגענע קאָמפּאַניע, און איז אַרומגעפאָהרען און האָט געשפּיעלט נאָר אויף געוויסע, רייכע חתונות, און אַזוי מיט דער צייט האָט סטעמפּעניו אַוועקגעלעגט אַלע אַנדערע קאָמפּאַניעס, ווי, למשל, די „ק אָ נ אָ ט אָ פּ ע ר כּ ל י ־ ז מ ר", וואָס האָבען אויך געגוג גע'שמ'ט, די „ס מ י ־ לע ר", די „ווי נ י צ ע ר", די „ש אַ ר אַ ג ר אַ ד ע ר" און

נאָך פיעל בעריהמטע קאָמפּאַניעס, וואָס האָבען זיך געלאָזט הערען אויף דער וועלט.

עס פערשטעהט זיך, אַז קיין גוטע פריינד האָט זיך סטעמפּעניו ניט געקויפט, דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעריסען דעם בעסטען ביסען פון די כלי־זמר'ס מויל, און מע פלעגט אָנווינשעווען גענוג צרות מיט שלעק אויף זיין קאָפּ. נאָר אין די אויגען האָט מען איהם געחנפ'עט, און אין הארצען האָט מען אויך געהאַט גענוג אָפּשיי פאַר איהם. יעדער כלי־זמר האָט געוואוסט אינווענינ, ביי זיך אין הארצען, אַז קוים נעמט סטעמפּעניו דאָס פיעדעלע אין האַנד אריין, אַזוי מעגען שוין אַלע כלי־זמר זיך לעגען שלאָפען.

די חברה כלי־זמר, דאַרפט איהר וויסען, האָבען פון תמיד אָן ליעב גוזמאות. ביי זיי געפינט איהר ספורי־מעשיות, וואונדערליכע ערצעהלונגען, לעגענדעס אָהן אַ שיעור. אויף סטעמפּעניו'ן האָבען זיי דערצעהלט אין יעדען אָרט שרעקליכע גוזמאות, און אויף זיין פיעדעלע האָט מען געזאָגט, אַז עס וואַכסט פון פּאַגאַניני'ן אַליין. אַז מע האָט דערהערט, אַז סטעמפּעניו דאַרף אָנקומען מיט זיין „קאַפּעליע", האָבען איהם די שטאָדט־כלי־זמר, געוועהנליך, גענוג אָנגעשאָלטען, און ווער שמועסט זייערע ווייבער האָבען פּשוט גע־רעגענט מיט קללות, מע זאָל גאָר בעהיט ווערען.

— אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר, מע דאַרט, מע קווארט, מע באַרגט מע משכונ'ט, מע עסט פון זיך די הויט. וואָס איז? ראש־חודש אלול וועט זיין אַ חתונה ביי'ם נגיד. צום סוף קומט אַ רוח, אַ שלים־מזל פון אַלדי שווארצע יאָהר, אַ סטעמפּעניו, און רייסט־ארויס דעם ביסען פון די צייהן, פּאַרהאַפּט זאָל ער נאָר ווערען!...

נאָר קיין אמת'ע שונאים האָט זיך סטעמפּעניו ניט געקויפט אין ערגיץ. ער איז געווען אַ גוט ברודערעל ביז גאָר: אָפּגעשפּיעלט די חתונה, האָט ער זיך צעגויפגעקאָמפּאַנעט מיט דער חברה שטאָדט־כלי־זמר און געלאָזט מאַכען אַ וואַרעמעס מיט דער ברייטער האַנד, נישט געקאַרגט קיין שנאַפּס, פיין אונטערגעלעבט, זיך שען צעצאָהלט, און פאַר'ן אוועקפאָהרען צעטיילט דעם קליינוואַרג

מתנות. מיט איינעם ווארט, ער האט זיך אויסגעשטעלט מעשה־מענש, גאר לייטיש.

— הערט איהר? — האבען די כלי־זמר'קעס נאכדעם געערדט צווישען זיך. — הערט איהר? א אידישע נשמה טאר מען ניט שאצען.

נאר מעהר ווי ביי אלע האט סטעמפעניו געפונען חן אין די שווארצע אדער בלויע אויגען פון די כלי־זמר'ס טעכטער, די מיידלעך. צו וועלכע ער האט זיך אומעדום גע'שדכנ'ט. און ווען ער האט געשווארען דעם כלי־זמר'ס טאכטער, אז ער איז אין איהר איינגעליעבט ביז לעצט, האט איהר איהם געמעגט גלויבען: בשעת מעשה איז ער באמת געוועזן אין איהר איינגעליעבט (צום מיינסטען, זענען ביי די כלי־זמר שענע טעכטער). נאר קוים איז סטעמפעניו אריבערגעפאהרען איבער דער ראגאטקע, אזוי איז זיין ליעבע פערשוואונדען געווארען מיט'ן ווינד און מיט'ן רויך. און געקומען אין דער צווייטער שטאדט, האט ער זיך ווידער באלד איינגעליעבט אין א דארטיגען כלי־זמר'ס טאכטער; ווידער געשווארען, געחאפט די ערד, אז ער ליעבט זי, אז ער עקט זיך, געשענקט מתנות, אפגעזעגענט זיך, אוועקגעפאהרען — און ווידער די אייגענע מעשה...

מע קאן ניט זאגען, אז אזעלכע ליעבעס האבען זיך אויסגעלאזט תמיד אהן א וויסטען סוף, — געוועהנליך, פאר איהר, פאר דער כלה... דאס איז אמת, אז פיעל פון זיינע געליעבטע האבען גיך פערגעסען אין סטעמפעניו'ן מיט זיין געביין און האבען חתונה געהאט פאר אנדערע כלי־זמר. נאר עטליכע, זעהר איינגעשפארטע מיידלעך, האבען זיך אזוי איינגעגלויבט אין דעם דאזיגען ימח־שמו'ניק, אז ער וועט קומען, ניט היינט — איז מארגען, ניט מארגען — איז איבערמארגען, ביז זיי האבען אנגעהויבען צו טריקענען און אויסגעהן, ווי א ליכט. אין דער צייט, ווען סטעמפעניו האט ערגיץ בסוד, אין א פינסטער הייזעל, זיך געקושט מיט א כלי־זמר'ס טאכטער, אין דער אייגענער מינוט איז געלעגען נישט איינע פון

זיינע כלות מיט'ן פנים אראפ, בעווינענדיג זייער פינסטער מזל, וואס זייער „געליעבטער" האט זיי פערגעסען, פערלאזט און טהומ זיי גאר ניט דערמאנען"...

אט אזעלכע אומגליקליכע כלות האט סטעמפעניו געלאזט כמעט אין יעדער שטאדט, וואו ער איז דורכגעפאהרען מיט זיין קאמ־פאניע. נאר ניט שטענדיג גילט די הצלחה; עס מאכט זיך אמאל — מע טרעפט אן אויף א שלאק, האט מען דעמאלט צו זינגען און צו זאגען. סטעמפעניו'ן האט געטראפען איין אומגליק, וואס ער האט זיך גאר אויף אזעלכעס ניט גערוכט: ער האט געמוזט חתונה האבען, חאטש עס האט זיך איהם שטארק ניט געוואלט חתונה האבען!

XV.

סטעמפעניו פערשלייערט זיך גאר אומגעריכט.

ויהי היום איז סטעמפעניו געקומען מיט זיין קאפעליע קיין מאזעפעווקע און האט אפגעשפיעלט דריי חתונות מיט א מאל, בשותפות מיט די שטאדט־כלי־זמר, וואס זענען צוגעשטאנען צו איהם מיט חזקה־טענות און האבען איהם פערשווארען, אז באם לאו, וועט איהם חברה ברעכען די ביינער. און זיי וואלטען עס זעהר שען מקיים געווען, ווען סטעמפעניו, וואס האט געהאט בכלל א גוט הארץ, זאל ניט געווען מרוצה ווערען אויף שותפות.

אזוי ווי פון איין חתונה ביז דער אנדערער האט געדויערט א פאר טאג, און סטעמפעניו האט דערווייל ניט געהאט וואס צו טהון, האט ער זיך דערווייל בעקענט מיט ישעיה'קע דעם פיעדלער'ס טאכטער, א פיין מיידעל פון א יאהר צוויי און צוואנציג, א שווארצס און א גראבס, און ער האט זיך אין איהר רעכט איינ־געליעבט, ווי דער שטייגער איז ביי איהם געווען: געקושט, גע־הלזט, געליובעט, געקויפט מתנות, קוצעניו־מוצעניו, גאר מעשה־

חתן, און אַז עס איז געקומען די צייט פון אָוועקפאָהרען, האָט איהם דאָס שוואַרצע מיידעל (פריידעל האָט מען זי גערופען) געזאָגט, אַז ער זאָל ניט מאַכען קיין שהיות און שרייבען תנאים, ווי דער מנהג איז. סטעמפעניו, וואָס איז דערצו נאָך נישט געוואָהנט גע־וואָרען, האָט זיך אביסעל געקווינקעלט, גערדעהט מיט דער צונג אַהין — אַהער, נאָר עס האָט איהם נישט געהאָלפען קיין רבונו־של־עולם. פריידעל איז געווען אַ מיידעל אַ קאָזאַק און האָט איהם גענומען אין די הענד אַריין גאָר קיין מעשה ניט, אַזוי, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט אויסדרעהען פון איהר, און עס איז געווען דאָס קנס־מאָל אין אַ מזל׳דיגער שעה. חברה כלי־זמר האָבען לכבוד דעם געריהמטען חתן געמאַכט אַ היבשען קנאַק, און ביי׳ם פיעדלער אין שטוב איז געווען ששון ושמחה דריי טאָג כסדרה, ביז דער ליעבער חתן מיט אַלע ליעבע געסט זענען זיך אָוועקגעפאָהרען אין דער אַנ־דערער שטאָדט, אין דער דריטער, און אַזוי ווייטער.

געוועהנליך, האָט סטעמפעניו באַלד פערגעסען אין דער גאַנ־צער חתונה מיט די תנאים, מיט דעם שוואַרצען מיידעל, מיט אַלע מיט איין אַנדער, און האָט זיך געטהאָן זיינס, דאָס הייסט, גע־פיהרט זיינע ליעבעס אין אַלע שטעדט, ווי ער איז געוואָהנט גע־ווען. און אַזוי איז ער זיך געפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט מיט זיין קאַפעליע — חתונות שפּיעלען, און האָט זיך געלעבט אַ גוטען טאָג. נאָר פּלוצים... עס איז ניטאָ קיין אייביגע זאַך אויף דער וועלט! אַלץ איז ביז אַ צייט. אויף סטעמפעניו׳ן איז אויך גע־קומען די צייט. אַ בייזער שלאַק האָט איהם געטראָפען און אַ צרה. אַ משולחת האָט זיך אויף זיינע יונגע יאָהרען גענומען! הערט איין אומגליק:

געשפּיעלט אַזוי איינמאָל אַ חתונה אין אַ קליין שטעדטעל, ערגיץ אין מאַלאָראָסיע, און געהאַלטען סאַמע אין מיטען אַ ליעבע מיט הערשקע דעם פּליימער׳ס טאָכטער (אַ גאַנץ שען מיידעל), און סטעמפעניו האָט איהר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זי געווים נעמען, — איז אַריינגעקומען מעכטשי פּייקלער מיט׳ן שלעפעריגען פּנים און

האָט אַ וואונק געטהאָן אויף סטעמפעניו'ן און אַ מורקע געטהאָן אונטער דער נאָז אויף כלי־זמר־לשון:

— געהט, סטעמפעניו, דאָרט אין הויז וואַרט אויף אייך אַ שעכטעל.

— אַ מיידעל? וואָסער אַ מיידעל?

— אַ שוואַרץ מיידעל מיט גרינע אויגען.

און סטעמפעניו האָט זיך געלאָזט אין הויז אַריין און האָט דערזעהן דאָס שוואַרצע מיידעל, ישעיה'קע דעם פיעדלער'ס טאָכטער, זיין כלה פריידעל!

— וואָס קוקסט דו מיך אָן, סטעמפעניו? האָסט מיך נישט דערקענט? איאָ? זעה נאָר, ווי ער פינטעלט מיט די אויגען און קוקט זיך צו! דאָס בין איך, סטעמפעניו, איך, פריידעל, דיין כלה פריידעל, ישעיה'קע דעם פיעדלער'ס טאָכטער.

— האָ? איך וויים, וואָס דען? איך וויים ניט? איך וויים! איך וויים! נאָר ווי קומסט דו אהער? פון וואַנען?

— ווי קום איך אהער? מיט די פיס, סטעמפעניו, מיט די פיס. קוים דערפרעגט אהער, צו הערשקע דעם פלייטיסט. פון וואַנען, פרעגסט דו? פון דער היים קום איך אָן.

— נו, וואָס הערט זיך? ווען ביזט דו פון דער היים?

— וואָס זאָל זיך הערען, סטעמפעניו? ניטאָ קיין נייעס. ווען בין איך פון דער היים? פון דער היים בין איך, אפנים, אַזוי גרויס, ווי אַ וואָך זעכס אָדער זיעבען. מיר זענען אויסגעוועזן וואו דו ווילסט. וואוהין מיר קומען צו פאָהרען, זאָגט מען אונז: געהט אין אַוועקגעפאָהרען ווייטער. קוים, קוים מיט צרות געטראָפען אויפ'ן אמת'ען וועג... נו, וואָס מאַכסט דו עפּיס, סטעמפעניו?

— האָ? איך? גאָרניט! וואָס זאָל איך מאַכען? קום, פריידעל, וואָס שטעהען מיר דאָ? — האָט ער צו איהר געזאָגט, דערזעהען, אַז חברה כלי־זמר הויבען זיך אָן קלויבען אַרום זיי און בעטראַכטען דאָס שוואַרצע מיידעל מיט די גרויסע שוואַרצע צעפּ און מיט די גרינע אויגען.

— פון מיינעטוועגן, לאָמיר געהן, — האָט איהם פריידעל געענטפערט.

און סטעמפעניו האָט געחאַפּט אויף זיך דעם אויבערראָק מיט'ן שטעקעלע אין דער האַנד און האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַציער מיט פריידעל דער שוואַרצער איבער דער שטאָדט. סטעמפעניו האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט ניט זייער שמועס, און האָט זיך געווענדט צו איהר שוין מיט מעהר שטאַרקייט:

— זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, וואָס הייסט דאָס?

— וואָס הייסט „וואָס הייסט דאָס"?

— אָט דאָס, וואָס דו ביזט אַהער געקומען.

— ס'אַ גראַם! קוק איהם אָן, קלאָמפּערשט ווייסט ער ניט, מאַכט זיך גע'פגר'ט.

— הערסט דו, פריידעל? — האָט איהר סטעמפּעניו שוין מיט האַרץ געזאָגט. — הערסט דו, פריידעל? איך האָב פיינט, אַז מע מאַכט מיט מיר אַזעלכע מחזוקות! איך פרעג דיך, וואָס טהוסט דו דאָ, און דו טרייבסט מיט מיר קאַטאָוועסלעך?

פריידעל האָט אַ גלאַנץ געטהאָן מיט'ן פייערעל פון איהרע גרינע אויגען אויף סטעמפּעניו'ן, און פערוואַרפען מיט די הענד איהרע לאַנגע שוואַרצע צעפּ אַרונטער, האָט זי זיך געווענדט צו סטעמפּעניו'ן אויך ערנסט:

— וואָס איך טהו דאָ, ווילסט דו וויסען? איך בין געקומען צו דיר, סטעמפּעניו! האָסט אונז ביי'ם קנס־מאָל געזאָגט, אַז נישט מעהר ווי אין צוויי וואָכען אַרום שרייבסט דו אונז אַריין אַ בריוועל מכח דער חתונה אָפּשטעלען; מיר האָבען געוואַרט און געוואַרט העכער צוויי חדשים און האָבען דערזעהן, אַז פון דיר איז ניטאָ קיין שום ידיעה, האָבען מיר זיך מיישב געווען און האָבען זיך געלאָזט אויף דער וועלט צו זוכען דעם נעכטינען טאָג, און אַזוי זענען מיר אויסגעוועזען וואו די וועלט האָט איין עק, ביז קוים, קוים מיט צרות, גאָט האָט אונז געהאָלפען און מיר...

— זאג מיר נאר, פריידעל, ווער זענען די „מיר“? עפּיס זאגסט דו אַלץ מ י ר זענען געפאָהרען, מ י ר זענען געקומען...

— מיר ביידע. דאס הייסט: איך און מיין מאמע.

— דיין מאמע?! — האט סטעמפּעניו אויסגעשריגען און האט זיך אָפּגעשטעלט א דערשלאָגענער. — דיין מאמע? וואס האט זי דא צו טהון?

— שא, וואס שרייסט דו אזוי, סטעמפּעניו? וואס דען, אליין האסט דו געמיינט? א מיידעל פאָהרט ניט אליין. א שענע זאך, כלעבען!

— יא, אבער וואס קעהר זי זיך אן מיט מיר, די מאמע דיי־נע? — האט זי סטעמפּעניו געפרעגט, אומקעהרענדיג זיך צוריק מיט איהר.

— א מחותנת׳טע, סטעמפּעניו, א מחותנת׳טע קעהר זי זיך מיט דיר אן, און שפּעטער וועט זי זיך דיר אַנקעהרען א שוויעגער.

— דו מיינסט טאקי, אפּנים, איין אמת, פריידעל, חתונה האָ־בען פאַר מיר?

— נו, און דו, סטעמפּעניו, מיינסט דאס אויף קאטאוועס?

— נארישקייטען!

— פאר וואס נארישקייטען?

— אַט אזוי. איך האב עס אפילו נישט אין זינען אין דער לינקער פּיאטע.

פריידעל איז געבליבען שטעהן א מינוט און האט א קוק גע־טהאָן סטעמפּעניו׳ן אין די אויגען אריין. נאכדעם האט זי זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען און האט זיך שטילערהייד גע־ווענדט צו סטעמפּעניו׳ן מיט די ווערטער:

— הער נאר אויס, סטעמפּעניו! מיין ניט, אז דו האסט אָנ־געטראָפען אויף א ניונקעלע, וואס ווייסט ניט, ווער עס האט זי געשלייערט. איך קען דיך גאנץ גוט, סטעמפּעניו! איך וויים, אז דו ביזט א היבשער שארלאטאן, האסט ליעב כלות אלע וואך א נייע. נאר עס מאכט ניט אוים, אלץ ביז א צייט, נישקשה... ביזט

אַ גוטער בטבע, האָסט אַ ווייך האַרץ, ביזט אַ פאַרשוין איינער צווישען צעהן טויזענד, שפּיעלסט אויסגעצייכענט אויפ'ן פיערעל און קאָנסט געבען אַ ווייב ברויט, — דערפאַר וויל איך דיך, און דער־פאַר וועל איך פאַר דיר חתונה האָבען, און טאַקי גיך! און דאָס, וואָס דו שפּאַרסט זיך, איז אומזיסט, אַרויסגעוואָרפען דיין טרחה, סטעמפּעניו, גלויב מיר, בויג זיך אָן צו מיר אהער, איך וועל דיר זאָגען אַ סוד...

און פריידעל די שווארצע האָט איינגערוימט סטעמפּעניו'ן אַ סוד אין אויהער, און סטעמפּעניו איז פּערציטערט געוואָרען מיט אַלע אברים. ער איז געבליבען שטעהן, ווי אַ לעהמענער גולם, אין מיטען וועג, נישט געקאָנט עפענען קיין מויל אַ וואָרט אויסצורע־דען. און דאָ איז אָנגעקומען מעכטשי פייקלער מיט דעם רויטען קאָפּ און האָט איהם געזאָגט, אַז מע רופט איהם צום נגיד פונ'ם שטערטעל בעשטעלען אַ חתונה. סטעמפּעניו האָט זיך מיט אַ וואונק אָפּגעזעגנט מיט פריידל'ען און האָט אויסגערעדט מיט אַ זיפץ:

— מיר וועלען זיך נאָך זעהן, פריידעל!

— ס'אַ שאלה אביסעל, אויב מיר וועלען זיך זעהן! — האָט איהם פריידעל געענטפערט און האָט זיך גאַנץ צופריעדען אָפּגע־שיידט פון איהר ליעבען חתן סטעמפּעניו.

די אַלע, וואָס האָבען אין יענער צייט געזעהן סטעמפּעניו'ן אויף דער חתונה, האָבען זיך שטאַרק פערוואונדערט אויף זיין בלאַס פּנים, מיט זיין אָפּגעלאָזטקייט: גאָר ניט דער סטעמפּעניו, וואָס פריהער, אַ שענערען לעגט מען אין אין דער ערד אריין! עס איז אָפּ־געגומען געוואָרען זיין פרייליכקייט מיט זיין ברען, ווי מיט די הענד. יאָ, סטעמפּעניו האָט געפיהלט, אַז דאָס איז איין עק צו זיין זיס לעבען פון אַ פריי פויגעלע, אַז דאָס נעמט ער אויף זיך אַ יאָך אויפ'ן האַלז אויף תמיד, אויף אייביג. אדיע, ליכטיגער זומער־אָבענד מיט אַ וויימען שפּאַציער הינטער דער שטאָדט מיט'ן כלי־

זמר'ס טעכטערעל! אדיע, לאַנגע שמעקענדיגע צעפּ, צעלאָזטע האָר, גרויסע קאָרע אויגען! אדיע, זילבערנע לבנה!...

אמת, סטעמפּעניו האָט זיך נאָך אביסעל געאָמפּערט, געוואָר־פען, ווי אַ פיש אין דער נעץ, מיט די לעצטע כוחות, געפּרובט אַלע מיטלען, נאָר עס האָט איהם געהאָלפען, ווי אַ טוידטען באַנקעס. פריידעל מיט איהר מוטער זענען געשטאַנען אַקעגען איהם, ווי אָט יענע מתים, וואָס קומען צו אונז ביינאַכט אין חלום און שלעפּען אונז צום בית־דין של מעלה אָפּגעבען דין וחשבון... און איבער־הויפּט האָט ער געציטערט פאַר איהר, פאַר דער מחותנת'טע, וואָס האָט צענויפגעשנירעוועט דאָס שווארצע פּיסקעלע, ווי מיט אַ בענדעלע, נאָר דאָס פּנים האָט איהר אַזוי געפייערט, אַז זי איז געווען גרייט אַלע מינוט אַרויפחאַפּען זיך אויף סטעמפּעניו'ן, ווי אַ ווילדע קאַץ, און אַרויסרייסען איהם ביידע אויגען, ווען ניט פריידעל, וואָס האָט זי די גאַנצע צייט איינגעהאַלטען.

— טשעפּע ניט, מאַמע, וועסט נאָך קאַלי מאַכען. דו קוק נאָר און שווייג, דו היט איהם נאָר די טריט, ער זאָל זיך ניט אויסרייי־סען פון אונזערע הענט. עס וועט זיין רעכט, מאַמע, סטעמפּעניו איז מיינער, ער איז מיינער!...

XVI.

שמשון הגבור ביי דלילה'ן אויפ'ן שויס.

פריידעל האָט זיך פער'עקשנ'ט און האָט אויסגעפיהרט איהרס: זי האָט חתונה געהאַט פאַר סטעמפּעניו'ן כדת משה וישראל און האָט איהם גיך אריינגענומען אין די לאַפּקעס אריין גאָר אויף איין אנדער אופן. אביסעל האָט איהר צוגעהאָלפען די מאַמע איהרע, וואָס זי האָט קוים דערלעבט דעם נחת צו ווערען אַ שוויגער, און סטעמפּעניו האָט פערזוכט דעם טעם פון גיהנם און האָט זיך נישט געגנאַרט. דאָס פאָר־פאָלק איז אריבערגעפאָהרען קיין מאַזעפּעווקע,

און סטעמפעניו האָט זיך דאָ בעזעצט מיט זיין קאָמפּאַניע, ווי אַ שטענדיגער, אויף איין אָרט.

— שוין, אוים, אוים אָרומשלעפּען זיך! גענוג, סטעמפּעניו, געריזט איבער דער וועלט, גענוג! — אַזוי האָט פריידעל געזאָגט צו איהר מאַן, וואָס איז אינגאַנצען געווען איהרער, און וואָס זי האָט געוואָלט האָט זי מיט איהם אויסגעפיהרט, און דוקא מיט גוטען.

נאָך דער חתונה האָט זיך אָנגעהויבען ביי סטעמפּעניו'ן אַ ניי לעבען, גאָר אַ שפּאָגעל־ניי לעבען. גייציג איז ביי זיך סטעמפּעניו געווען נאָר בחור'ווייז; קוים אָבער האָט ער נאָר חתונה געהאַט און איז אַריין צו פריידל'ען אין די הענד, אַזוי האָט ער אָנגעוואָרען אינגאַנצען זיין שטאַרקייט, אינגאַנצען זיין מוטה, דעם גאַנצען גלאַנץ. ביי זיך אין שטוב האָט סטעמפּעניו ניט געהאַט קיין ברעקעל דעה.

— דו האָב אין זינען דיינס, דיין עסק איז די קאַפּעליע מיט די חתונות, צו וואָס טויג דיר געלט, נאַרעלע? — אַזוי האָט צו איהם פריידעל געזאָגט, צוגענומען ביי איהם וואו ער האָט פערדיענט עפּעס אַ גראָשען.

אויף געלד איז פריידעל געווען זעהר זשעדנע. זי איז אויסגעוואַכסען ביי זעהר אָרעמע עלטערען און האָט כמעט קיינמאָל ניט געזעהען קיין גראָשען אין די אויגען. מיידעלווייז פלעגט איהר אָנקומען אַ סטיינגעלע אָדער אַ קעמעלע זעהר שווער, מיט ביטערע טרערען. ביז פופצעהן יאָהר איז פריידעל געגאַנגען באָרפיס, געווען אַ ניאַנקע דער מוטער ביי די קלענערע קינדער, געחאַפּט קלעפּ גענוג אי פון דער מוטער, אי פון דעם פאָטער, ישעיה'קע דעם פיעדלער, וואָס האָט ליעב געהאַט דעם טרונק. געגעסען האָט זי קדחת, מלובש איז זי געווען, ווי עס איז אָנגעשטאַנען צו די באָרפיסע פיס, און נאָר פורים פלעגט איהר אַריינפאַלען עטליכע קאָפּיקעס פון'ם שלח־מנות, וואָס זי פלעגט טראָגען אין פרעמדע הייזער; די עטליכע גראָשען פלעגט זי בעהאַלטען ווייט־ווייט אין בוזעם, בכדי די מאַמע זאָל ביי איהר ניט אויסנאַרען, און אַזוי פלעגט זי שלאָפען

מיט׳ן ביסעל מינץ ביז פסח, און אויף יום־טוב קויפען זיך פאר דעם א סטיינגעלע אדער א קעמעלע. און אזוי איז פריידעל גע־וואכסען ביז אכצעהן יאהר, ביז זי איז פלוצים אויסגעוואכסען א הויכע, א שענע, א געזונדע מויד — א כלה־מויד! אז פריידעל איז א כלה געווארען פאר סטעמפעניו׳ן, האט זי אליין ניט געוואוסט וואס פאר א גליק עס האט זי געטראפען. נאר די מאמע, וואס האט דאס דוקא יא פערשטאנען, האט מיט איהר ווענען דעם גע־נוג איינגע׳טענה׳ט, אז זי זאל וויסען, אז איהר חתן איז א גאלד־שפינער, נאר א גרויסער שארלאטאן, וואס דאס קערבעל איז ביי איהם א ממזר, לכן זאל זי זיך ניט לאזען שפייען אין דער קאשע און זאל האבען ביי איהם א דעה אין אלץ, אזוי ווי זי, די מאמע, האט א דעה ביי׳ם טאטען, ישעיה׳קע דעם פיעדלער...

אז פריידעל האט חתונה געהאט פאר סטעמפעניו׳ן, האט זי ניט פערגעסען, וואס די מאמע האט איהר אנגעזאגט, און האט ביסלעכווייז, מיט שכל, אנגעהויבען לעהרנען מיט׳ן מאן הלכות „ווייב״, אז א ווייב דארף וויסען אלץ, וואס ביי׳ם מאן טהוט זיך, אז א ווייב איז ניט קיין פרעמדע, אז א אידישע טאכטער איז ניט קיין „פאליובאווניצע״, — ניין, עס איז זיין בלוט און פלייש, זי איז ער און ער איז זי. הכלל, ער דארף וויסען, ער דארף פיה־לען, אז ער האט א ווייב...

אז פריידעל איז געווארען אליין א בעל־הבית׳טע פאר זיך און האט דערזעהן אלע מאל א ניי קערבעל, וואס סטעמפעניו פער־דיענט אזוי אפט, האט זי זיך א ווארף געטהאן אויף די קערבלעך, ווי א הונגעריגער, אז ער דערזעהט עפיס א מאכל. נאר עס איז איהר אבער דאס געלד ניט איינגעגאנגען. פריידעל האט זיך אליין געזארגט, טאמער וועט מארגען ניט זיין, טאמער וועט דער מאן שפעטער חלילה ניט פערדיענען, האט זי זיך געמאכט איין קניפעל און דאס אנדערע, און האט אנגעהויבען צו קלויבען א גראשען צו א גראשען.

— וואס פראטעסט דו אזוי? — האט זי סטעמפעניו געפרעגט, בעמערקט איהרע תנועות.

— וועסט אלץ וועלען וויסען, וועסט דו גיך אלט ווערען. לאז דיך ניט אהרען, סטעמפעניו! — האט איהם פריידעל געענטפערט מיט א שמייכעלע, און האט זיך געטהאן איהרס, אפגעשפארט, אפגעריסען פונ'ם מארק, פונ'ם קלייטעל און פון דער יאטקע, מיט'ן ווארמעס אויסגעקומען, ווי מיט קרעפעל-פלייש, אפטמאל ניט דער־געסען, ניט דערטרונקען, און זיך אלץ צענויפגעשלאגען א קערבעל אום א קערבעל. ביסלעכווייז, אז עס האט זיך צענויפגעשלאגען היבשע עטליכע גילדען, האט זי אנגעהויבען צו מאכען הלואות אויף א משכון און נעמען פראצענט; דאס ערשטע מאל גלאט אזוי, דורך א צופאל, וואס א שכנה האט ביי איהר געבעטען א גמילות־חסד און פריידעל האט איהר א טובה געטהאן — פאר וואס דען ניט? — און נאכדעם, אז פריידעל האט דערזעהן, אז דאס געלד וואכסט גאר, אז פון איין קערבעל ווערד מיט דער צייט צוויי, האט זי אנגע־הויבען מיט איהר ביסעל קאפיטאל צו מאכען עסקים, אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז זי איז געווארען פשוט א „וואכערניצע" מיט אלע חן־גריבעלעך פון דער דאזיגער פראפעסיע, מיט וועלכער א גרויסער טייל פון אונזערע נגידים, צווישען אונז רעדענדיג, פערנעמען זיך און האבען דאס גאר ניט פיינט...

מערקווירדיג! ווי קומט עס צו פריידלען אזא חשק צו קלוי־בען געלד? נישט ביי איהר טאטען, ישעיה'קע פיעדלער, נישט ביי קיינעם פון אלע בעקאנטע כלי־זמר, האט זי דאס געקאנט זעהן. וואו וועט איהר דען געפינען א גלייכען צו דער חברה כלי־זמר, מע זאל זיך אזוי נישט אומקוקען אויף קיין גראשען, עס זאל אזוי זיין א קערבעל הפקר, פשוט ווי די בלאטע? די אידישע כלי־זמר — און ווער שמועסט אין יענע יאהרען — קאן מען גלייכען צו א מין ציגיינער, א בעזונדער פאלק, מיט א בעזונדערען זשארגאן, מיט גאר בעזונדערע געננ; די דאזיגע חברה האט שטענדיג געלעבט א גוטע שעה, תמיד איז געווען פורים, פריילידך, לעבעדיג, תמיד גע־

רימפּעלט, געוואַרטעלט זיך, געשטיפּט, געאַרבייט, זיך לוסטיג געמאַכט, איבערגעקעהרט וועלטען, געשמועסט מכח פּרייליכע זאַכען... געקומען אַהיים צום ווייב, געטריבען קאַטאַוועס, געהלעפּטשעט טייגלעך מיט פּאַסאַלים, אָדער גאָר געגעסען מכות, נאָר פּריילִיך, מיט אַ טענצעל, מיט אַ ליצנות, הונגעריג זיך געלעגט שלאָפען, אויף מאָרגען געבאָרגט, געליהען, די קישעלעך פּערזעצט, נאָכדעם אויסגעקויפט און ווידער אַ מאָל דאָס אייגענע. די כלי־זמר׳שע טעכטער זענען אויך געווען, מיינסטענס, לופטיגע פּרייליכע נשמות; זייער לעבען, אַזוי ווי די האָר זייערע, איז נישט געווען פּערדעקט מיט קיין שלייער... מיט איינעם וואָרט, ביי די כלי־זמר איז געוועזען אַ גן־עדן, מיט אַלע מעלות און חסרונות פון אַ גן־עדן... היינט אין אַזאַ גן־עדן ווען קאָן אַרויף אויף דער מחשבה צו זאָרגען — וואָס וועט זיין מאָרגען?

פריידעל׳ס טאַטע, פערשטעהט זיך, איז אויך ניט געווען קיין פּערוויינטע נשמה. ישעיה׳קע פיעדלער איז זיך געווען אַ רעכטער קבצן, נאָר אַ לעבעדיגער, אַ פּרייליכער קבצן, און אַז ער האָט פּערדיענט דאָס קערבעל, האָט ער דאָס גאָר גיך פּערלעבט, טאַקי, ווי מע זאָגט, אין איין אָטהעם. און זי, פריידעל׳ס מאַמע, האָט אויך ליעב געהאַט צו לעבען, דאָס הייסט, גוט עסען. עס איז כמעט קיין העמד נישט געווען אויפ׳ן לייב, נאָר געגעסען האָט מען כל זמן ס׳איז נאָך געווען אַ שטיקעל קישעלע צו פּערזעצען. „דאָס גאַנצע דאַברע־מזל געהט אין דער קישקע אַריין“, „ווי זאָגט מען: בעסער דעם בעקער איידער דעם „רופא“, „וואָס זשע דען איז דעם מענטשענס לעבען?“ — אַזוי פּלעגט זאָגען פריידעל׳ס מאַמע, וואָס איז, איינענטליך, געווען אַפילו צווישען כלי־זמר׳קעס אַ אויסבּרענגערין.

ווי־זשע קומט עס פּאַרט צו פריידל׳ען אַזאַ גוסט? פון וואַנען נעמט זיך צו איהר אַזאַ קאַרגשאַפט? עס קאָן זיין, אַז די דאָזיגע מעלה איז געקומען צו איהר מחמת זשעדנאָסט, מחמת זי איז תמיד געווען ביי די עלטערען הונגעריג אויף אַ גראָשען. אָדער ס׳איז אפשר געווען ביי איהר גאָר אַ טבע־זאַך: עפּים על־פּי טעות איז

א קאַרגע נשמה מגולגל געוואָרען אין דער כלי־זמר׳שער משפחה און עס איז אויסגעוואַכסען אזא פריידעל.

ווי די זאַך איז שוין, נאָר פריידעל האָט געמאַכט משונה תנועות, געשוויצט און געפּינעט, ווען זי האָט נאָר געהערט אפילו מכּח געלד.

אויף איהר דאַליע האָבען איהר מקנא געווען אַלע כלי־זמר׳קעס. „אָט אַ מזל!“ — האָבען אויף איהר אַלע אין איין קול געזאָגט.

נאָר אין איין זאַך האָט גאָט פריידל׳ען פערזעהן: ער האָט איהר קיין קינדער ניט געגעבען. און ווער ווייסט, עס קאָן זיין, אויך דעריבער איז זי געווען אזוי אָפּגעגעבען מיט לייב און לעבען צום געלד, ווייל דאָס בעסטע פערגעניגען, פערגעניגען פון קינדער, איז פאַר איהר געווען פערבאָרגען. בכלל זעהט מען, אז די ווייבער, וואָס גאָט האָט זיי נישט געבענשט מיט קינדער, זענען מיינסטענס בייזע ווייבער; עפּיס פעהלט זיי די גוטסקייט, די ווייכקייט פון דעם דאָזיגען מין; אַזעלכע ווייבער קאָנען ליעב האָבען נאָר זיך אליין.

פריידעל איז געווען פּונקט אזא סחורה. נאָר מע קאָן ניט זאָגען, אז זי האָט איהם, סטעמפּעניו׳ן, פיינט געהאַט: פאַר וואָס קומט דאָס איהם? א פאַרשוין, א בילה, א זעלטענהייט, א שפּיעלער איינער צווישען טויזענד און (אָט דאָס איז דער עיקר!) א פערדיענער, א גאָלדשפּינער!

— מיין סטעמפּעניו — האָט זיך פריידעל בעריהמט פאַר איהרע בעקאַנטע ווייבער — מיין סטעמפּעניו, אז ער טהוט א פיהר מיט׳ן סמיק איבער׳ן פיעדעל — איז א קערבעל, צוויי פיהר — איז צוויי קערבלעך, דריי פיהר — איז דריי קערבלעך. פאַרשטעהט איהר מיך?

אין דעם ענין פון „קערבעל“ איז סטעמפּעניו געווען פּונקט דער היפך: דאָס קערבעל האָט ביי איהם ניט געשפּיעלט קיין ראָלע. אָט האָט ער אָפּגעשפּיעלט א חתונה און אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט געלד, און אָט — פּורפּאַ, ניטאָ א שילינגער! האָט

ער געהאַט — האָט ער געגעבען, געטיילט, אַנטליהען; האָט ער ניט געהאַט — האָט ער געליהען ביי יענעם. אין דעם אופן איז סטעמפּעניו געווען איין אַרטיסט. זיין עסק איז געווען נאָר די „קאַפּעליע“ — אויסשטעלען עפּיס אַ נייע זאַך, פונאַנדערשפּיעלען איין אָפּער־שטיק, בעשטעלען אַ חתונה און אָפּשפּיעלען זי, ווי גאָט האָט געבאָטען, אידען זאָלען לעקען די פינגער, ניט גלאַט ריפּ־סקריפּ.

סטעמפּעניו האָט ליעב געהאַט מעהר פון אַלץ אין דער וועלט צוויי זאַכען: זיך און דאָס פיעדעלע. מיט זיך האָט ער געהאַט צו טהון כמעט שטענדיג, זיך געפּוצט, געשטשאַגעלט, געגרייזעלט די האָר, מיט איינעם וואָרט — זיך „גע'בחור'ט“, ווי פריידעל האָט דאָס מיט אַ שטאָך גערופען, און דעמאָלט האָט ער פערגעסען אין דעם פיעדעלע; האָט ער אָבער גענומען דאָס פיעדעלע, האָט ער פערגעסען אין זיך און אין דער גאַנצער וועלט. אז עס איז אָנגע־פאַלען אויף איהם אַ „מרה־שחורה“, האָט ער זיך גענומען דאָס פיעדעלע, פערקייטעלט די טיר און האָט געקאָנט אָוועקשפּיעלען דריי שעה כסדר אייגענע פאַנטאַזיעס; וואָס עס איז איהם אַרויף אויף דער מחשבה, דאָס האָט ער געשפּיעלט. אָט האָט ער זיך צעגאָסען מיט אַ קלאָג, אַזוי יאָמערליך, אַזוי טרויעריג, אַלע מאָל שטילער און שטילער, און אָט האָט ער זיך פּלוצים צעבייזערט און איז אַוועק אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַרויסהאַפּען ווי אַ זיפץ פון'ם טיעפען האַרצען, און דאָס פייער איז איהם אַביסעל אָפּגעטראָטען, אָפּגעגאַנגען דער כעס, און ווייכע מעלאָדיעס, ליעבע זיסע געזאַנגען, וואָס ווייטער אַלץ טרויעריגער, האָבען זיך ווידער ווי געגאָסען אָהן איין עק, און נאָכ־דעם ווידער אַ ביסעל לעבעדיגער, פריילִיכער... אמת, דאָס איז גע־ווען נישט אָפּט, ניט אַלע מאָל האָט זיך איהם געשפּיעלט; נאָר קוים האָט ער זיך צעשפּיעלט, איז געווען אונמעגליך איהם אָפּ־צורייסען. סטעמפּעניו'ס פאַנטאַזיע האָט זיך צעקאָכט און געזעצט ווי פון אַ קוואַל, וואָס ווייטער מיט מעהר פרישקייט.

א מענטש מיט געפיהל, מיט א נשמה, האט זיך אין אזעלכע מינוטען זאט נישט געקאנט אנהערען די דאזיגע פרייע מוזיק, וואס לאזט זיך גאר נים איבערגעבען אויף נאטען, און עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער הערט א בקשה צום רבונו־של־עולם פון א פערביטערט הארץ, עפיס א מין תפלה צו זיין ליעבען נאמען אויף רחמים, אויף לייטזעליגקייט, אזא מין תפלה, וואס דארף און מוז אנגענומען ווערען אויבען, דארט פאר גאט'ס שטוהל... מע דערצעהלט, אז דער ר י ז ש י נ ע ר האט געהאט איין אייגענעם ארקעסטער, וואס פלעגט שפיעלען בשעת ער האט אפגעגעבען א שבת צו דעם וואס לעבט אייביג. אודאי איז דאס א געדאנק דוקא פון א גרויסען מענשען, א השגה גאר פון א הויכער פאעטישער נשמה.

— קיילע די גראבע, מיינע צרות אויף איהר קאפ, האט מיר אפגעבראכט דאס פראצענט פאר יענער וואך; און פאר היינטיגער וואך, זאגט זי, לאז זיין נאך שבת!

מיט אזא מין געשפרעך, למשל, האט פריידעל מכבד געווען סטעמפעניו'ן, ווען ער פלעגט ארויסגעהן נאכ'ן שפיעלען פון זיין חדר'על, אביסעל צוגעפלאמט, מיט א גלאנץ אין זיינע שווארצע אויגען. דאס איז געווען דאס פייערעל פון זיינע אויגען, וואס האט אזוי געצויגען צו זיך. דאס פייערעל פלעגט זיך בעווייזען זעלטען, און בעגעגענט זיך מיט פריידעל'ס אויגעלעך, האט זיך דאס פייערעל גיך בעהאלטען, פערשוואונדען געווארען.

אז סטעמפעניו האט אפגעשפיעלט א חתונה און איז געקומען אהיים, פלעגט איהם פריידעל בעגעגענען מיט א שמייכעלע, זיך לאשטשען, ווי א קעצעלע:

— צו וואס טויג דיר געלט, סטעמפעניו? — פלעגט איהם פריידעל זאגען און אויסטרייסלען איהם אלע קעשענעס. — אויף וואס דארפסט דו געלט? וואס פעהלט דיר? האסט אלסדינג, וואס דו דארפסט, ביזט ניט הונגעריג, חלילה, און נאקעט געהסט דו אויך ניט, און אז דו דארפסט אזוי עטליכע גראשען, געב איך דיר

דען ניט? גיב עס בעסער אַפּ מיר, נשמה מיינע, ביי מיר וועט דאָס זיין גאַנץ. גיב שוין, גיב!

און סטעמפּעניו שטעהט, ווי אַ בעשטראָפט קינד, און פריידעל מהוט מיט איהם, וואָס זי וויל. ער איז אינגאַנצען ביי דער דאָזיגער שווארצער פריידל'ען אין די הענד. אַך, וואָס איז דאָס מיט דיר געשעהן, סטעמפּעניו? אזא גאַרנישט, ווי פריידעל, זאָל דיר טאַנצען אויפ'ן קאָפּ, און דו לאָזט זיך פיהרען ביי דער נאָז, פּונקט ווי שמשון הגבור ביי זיין געליעבטער דלילה אויפ'ן שויס?... פּע, סטעמפּעניו, אַ בזיון, כלעבען!

XVII.

סטעמפּעניו ריהרט נאָך מיט איין אבר.

אַ רחמנות אויף סטעמפּעניו'ן!...

נאָר עס איז ניט אַזוי די מעשה, ווי איהר מיינט. לעגט ניט אַזוי דעם רחמנות אויף אונזער העלד. אַז סטעמפּעניו האָט ניט געהאַט קיין גרויסע דעה ביי זיך אין דער היים און איז געוועזן עפּיס גאָר מעשה אידינע, האָט ער אָבער דערפאַר זיך געהאַט זיין וועלטעל, זיין אייגענע וועלט, וואָס האָט זיך שוין מיט פריידל'ען ניט אָנגעקעהרט לחלוטין. דאָרט, אין זיין וועלטעל, איז זיך סטעמפּעניו געוועזן אַ פריץ פאַר זיך און איז געוועזן, ווי מיר וועלען באַלד זעהן, גאַנץ צופריעדען.

קודם כל איז ביי איהם אַוועקגעגאַנגען אַ האַלבער טאָג אויף „רעפּעטיציע", דאָס הייסט, אויף איבערשפּיעלען מיט דער גאַנצער חברה כלי-זמר אַלע נייע שטיק, דערביי טרייבען אביסעל קאַטאָוועס, אויסהערען דעם ברחנ'ס ווערטלעך און לאַכען פון מעכטשי פייקלער, וואָס דער ברחן האָט אויף איהם ליעב געהאַט צו ווערטלען זיך, און נאָכדעם גלאַט דערצעהלען מעשיות פון דער אָדער יענער חתונה. וואָרום יעדע חתונה ביי אידען האָט זיך איהר מעשה: דאָ האָט זיך דער חתן איינגעשפּאַרט, חאָטש גיב איהם

א קרענק, און וויל נישט געהן צו דער חופה, ביז מע וועט איהם אַט דאָ אויפ'ן אָרט ניט אָפּצאָהלען דעם נדן אחת ואחת. „קלאַפּ און צעהל"; דאָרט האָט די כלה גע'חלש'ט פאַר גרויס געוויין און מע האָט זי קוים אָפּגעמינטערט (און דערביי זאָגט אָפּ דער ברהן אביסעל ליצנות); אין א דריטען אָרט האָט זיך געטראָפען נאָך א שענערע מעשה: נאָך דער וועטשערע, אַז ס'איז געקומען די צייט, וואָס מע דאַרף טאַנצען... און חברה שיסט-אויס א געלעכטער, ווי פון א הארמאַט.

— וואָס איז ביי אייך פאַר אַזא געלעכטער דאָרט? זעה נאַר, ווי מע ראַהאָטשעט זיך! — שרייט פריידעל פון איהר חדר.

— לאָז דיך ניט אָהרען! — ענטפערט איהר סטעמפעניו מיט גדלות. — אין אונזערע ענינים זאָלסט דו זיך ניט מישען, האָב איך דיר שוין הונדערט מאָל געזאָגט!

און סטעמפעניו'ן ווייזט זיך אויס אין דער מינוט, אַז ער איז דאָ א בעל-הבית, א גאַנצער סולטאַן ביי זיך.

די איבעריגע צייט האָט סטעמפעניו פערבראַכט אויף אָנטהון זיך, אויספוצען זיך, די מלבושים און די שטיוועל, זיי זאָלען גלאַנ-צען, ווי א שפּיגעל, פערקעמען זיך גאַנץ שיקאָזנע, אונטערבויגען זיך די שענע שוואַרצע לאָקען, אויסגלעטען די ווייסע מאַנישקע פון דעם העמד, און נאָכדעם האָט ער זיך גענומען דאָס שטעקעלע אין דער האַנד, א שטעקעלע מיט א גאָלקע, אויסגעשניצט א פייג פון עלפּענביין, און מיט א ברייטען שוואַרצען קאַשקעט אויפ'ן קאָפּ מיט א גלאַנצענדיגען קאַזיראָק, אַנגערוקט ביז די אויגען. דעם קאָפּ פעררייסען ארויף, אַזוי, אַז די לאָקענס ליגען צעוואָרפען אויף די אַכסלען, געהט זיך סטעמפעניו און שפּאַציערט איבער דער שטאָדט. דאָרט האָט ער זיך שוין זיינע בעקאַנטע, מיט וועלכע ער בעגעגענט זיך, און געהענדיג פערביי די קלייטען, גריסט ער די יונגע ווייבלעך, די קרעמערקעס. די ווייבלעך ווערען רויטליך; זיי דערמאַנען זיך, אַז זיי זענען אמאָל געווען מיידלעך און דעמאָלט

וענען זיי מיט סטעמפעניו'ן געווען בעקענט... דעמאָלט איז געווען א וועלט... און היינט? ווער האָט דאָס היינט אין זינען?...

דאָך געפינען זיך נאָך אַזעלכע יונגע ווייבלעך, און איבער־הויפּט מיידלעך, וואָס שטעהען־אוועק מיט סטעמפעניו'ן אין דרוי־סען ביי דער טיר א היבשע צייט; מע רעדט, מע שמועסט פון דעם און פון יענעם, מע לאַכט...

אודאי געהען אַזעלכע זאַכען ניט אָפּ גלאַט; דאָס דערזעהט א שכנה און טראָגט עס אָפּ גיך דער אַנדערער, דער דריטער, און אַזוי הויבט זיך אָן א רעדעניש, און צו אידישער מיילער אז מע חאַפּט זיך אריין, נאַרט מען זיך ניט...

— וואָס איז שוין ווידער, סטעמפעניו, פאַר א רעדעריי אין שטאָדט? שוין ווידער א מעשה?

— וואָס פאַר א מעשה, פריידעל?

— דיינע מעשיות... ער פרעגט נאָך! וואו צוויי, איז ער דער דריטער! די גאַנצע שטאָדט האָט מיט אונז צו טהון.

— איך ווייס ניט וואָס דו ווילסט האָבען פון מיר, פריידעל.

— וואָס איך וויל האָבען? איך וויל, זאָלסט אוועקוואַרפען דיינע אַמאָליגע גענג... שוין צייט! וואו ערגיץ א ווייבעל אָדער א מיידעל אין שטאָדט, דאַרף ער מיט איהר זיין בעקאַנט, און אוועק־שטעלען זיך מיט איהר אויף דריי זייגער שעה — ער קאָן זיך גאָר ניט אָנרעדען און נענוג!

— א? דו קעהרסט אודאי מיינען, וואָס איך האָב גערעדט מיט אסתר אברהם־יענקעל'ס?

— נו, און אז מיט אסתר אברהם־יענקעל'ס, איז וואָס? וואָס איז זי, א שטיילינע, צי וואָס?

— איך האָב דאָך געשמועסט מיט איהר מכח איין עסק.

— דיינע עסקים... איך קען דיך, סטעמפעניו!

— זאָלסט דו טאַקי וויסען! אברהם־יענקעל'ס האָט חשק ארויסצופיהרען די חתונה קיין יעהופּעץ, אַזוי איז איהם אָנגעקר־מען דאָס משוגעת. נו, איך האָב דערזעהן אסתר'ען האָב איך מיט

איהר געמאכט א שמועס וועגען דעם. איין עבירה, למאי זאל איך ארויסלאזען אזא חתונה פון די הענט?

— וואס איז איהם עפּיס ארויסגעפאלען יעהופּעץ, דעם משוגע'נעם כהן? — פרעגט פריידעל, און אין איהרע גרינע אויגעלעך בעווייזט זיך אט א יענס פייערעל, וואס בעווייזט זיך ביי איהר שטענדיג, ווען זי דערשמעקט נאר געלד...

— פרעגסט קשיות אויף א משוגענעם? — ענטפערט איהר סטעמפעניו, געהט־ארויס טרוקען פון דער דאזיגער מעשה.

און אזוי ווערד צעריבען די מעשה, יענע מעשה און אלע מעשיות. סטעמפעניו איז א גרויסער בריה און ווייסט, מיט וואס מע קאן פריידל'ען נעמען.

אין דער פרעמד, אז סטעמפעניו איז ארויסגעפאהרען מיט זיין קאפעליע אין דער פרעמד, האט איהם, געוועהנליך, נאך מעהר געגלאטען. דארט איז ביי איהם געווען, ווי זאגט מען, א כשר'ער טאפ מיט א כשר'ען לעפעל, און אז סטעמפעניו איז געקומען ערגיץ אין א שטעדטעל שפּיעלען א חתונה, האט זיך איהם שוין ניט געגלוסט אוועקצופאהרען. דארט זענען געווען מעשיות מיט מעשיות, פרייליכע און טרויעריגע גאר אהן א שיעור. הכלל, דאס איז זיך געווען ביי סטעמפעניו'ן א בעזונדערע וועלט, זיין אייגען וועלטעל, וואוהין ער האט פריידל'ען ניט אריינגעלאזט בשום אופן, חאטש זי האט דערויף זעהר חשק געהאט. זי האט אפילו שוין געפּרובט אונטערקויפען מעכטשי פייקלער, נאר עס איז נישט געגאנגען. דא, אין זיין וועלטעל, איז סטעמפעניו געווען גאר איין אנדער מענש, א גרויסער אונטערשיעד פון יענעם סטעמפעניו'ן, וואס איז געווען ביי פריידל'ען אין שטוב...

XVIII.

סטעמפעניו הויבט אָן זיך איינצוליעבען.

אינ'ם דאָזיגען וועלטעל האָט ביי איהם איצט רחל'ע אָנגעהויבען שפּיעלען א גרויסע ראָלע, די גרעסטע ראָלע אין זיין לעבען. מע מעג איהם גלויבען, אז זיין בריוועל צו איהר, וואָס מיר האָבען אויבען געזעהען, איז געוועזען געשריבען גאַנץ ערנסט, מיט איין אמת, דען ער האָט זיך אין רחל'ען איינגעליעבט פון דער ערשטער שעה, וואָס ער האָט זי דערזעהען ביי חיים־בנציון'ס אויף דער חתונה.

גישט באַלד האָט סטעמפעניו איהר דאָס בריוועלע אָנגעשריבען. עס האָט געדויערט עטליכע טעג, ביז דאָס פייערעל, וואָס רחל'עס בלויע אויגען האָבען אָנגעצונדען אין זיין הארצען, האָט זיך רעכט צעברענט, צעפלאַקערט, אזוי, אז ער האָט זיך שוין מעהר נים געקאָנט איינהאַלטען, האָט ער זיך פערשלאָסען ביי זיך אין חדר'על, און דאָרט, וואו ער האָט געשריבען די נאָטען, און טאַקי מיט דער אייגענער פען און אויף דעם זעלבען פּאַפּיער מיט די פּאַסען, אויף וועלכע ער האָט געשריבען זיינע נאָטען, האָט ער אויך דאָס געוויסע בריוועלע געשריבען.

סטעמפּעניו האָט אביסעל געשוויצט אויפ'ן בריוועל. דאָס שרייבען איז איהם אָנגעקומען שווערליך. ער האָט זיך נישט געלערענט שרייבען אין ערגיץ, נאָר פון זיך אַליין. אודאי איז קיין חידוש נים, וואָס ער איז געווען שטומפּיג אויף דער פען.

עטליכע טאָג האָט סטעמפּעניו ארומגעטראָגען דאָס בריוועל ביי זיך און האָט נישט געקאָנט געפינען קיין מיטעל איבערצוגעבען עם רחל'ען. מעכטשי פייקלער איז געווען א גוטער שליח אויף אַזעלכע בריוועלעך נאָר אין דער פרעמד, אָבער דאָ, וואו עס געפינט זיך א פריידעל, איז מעכטשי אויך א געפעהרליכער בריעפטרעגער. סטעמפּעניו האָט קוים דערלעבט שבת, האָט זיך אויסגעפּוצט, ווי א מויד, אָנגעטהאָן א הויכען קאפּעליש נאָך דער לעצטער דעמאָלטיגער מאָדע, און איז ארויסגעגאַנגען אויף באַרדיטשעווער גאַס,

ווי אַלע שבת, צו מאַכען אַ שפּאַציערגאַנג, גערעכענט, אַז מסתּמאַ וועט רחל'ע אויך זיין דאָרט. נאָר אומזיסט: אַלע ווייבלעך, אַלע מיידלעך דרעהען זיך אַרום, חאַפּען אַ קוק אויף סטעמפּעניו'ן, טהוען אַ שמייכעל און ווערען רויטליך — אַלע זענען דאָ, נאָר איין רחל'ע איז ניטאָ! דאָס אָנגעשריבענע בריוועלע האָט איהם נישט געלאָזט רוהען. עס האָט איהם געצויגען צו איהר וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער.

„מע דאַרף זיך פּרובען דורכגעהן אַהין, אויף יענער גאַס, וואו רב אייזיק-נפתּלי וואָהנט, טאָמער וועל איך זי בעגעגענען"... — אַזוי האָט זיך סטעמפּעניו געטראַכט און איז אַזוי פּאַוואָלינקע צו־געגאַנגען צום פענסטער, וואו רחל'ע איז געזעסען פערטיעפט אין איהרע געדאַנקען און האָט זיך געזונגען דאָס בעקאַנטע ליעדעל:

איינע אַליין,
עלענד, ווי אַ שטיין,
איך האָב צו קיינעם צו רעדען,
נאָר צו זיך אַליין,
עלענד, ווי אַ שטיין,
איך האָב צו קיינעם צו רעדען...

תּחילת, אַז זי האָט דערהערט פּלוצים דעם „גוט־שבת" און דערזעהן פאַר זיך שטעהן סטעמפּעניו'ן, האָט זיך איהר אויסגע־דאַכט, אַז דאָס איז אַ מין חלום (זי האָט סטעמפּעניו'ן שוין עט־ליכע מאָל געזעהען אין חלום...). נאָר אַז זי האָט צענומען דאָס שטיקעל נאָטען־פּאַפּיער און האָט איבערגעלייענט סטעמפּעניו'ס בריוועלע, האָט זי זיך אויפגעהויבען פון'ם אָרט, אַ קוק געטהאָן אין פענסטער און געזאָגט צו זיך אַליין:

— זיין גליק, וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען: איך וואָלט איהם אָפּגעשפּיעלט... נאַ דיר גאָר אַ סטעמפּעניו!...

זי האָט געחאַפּט דאָס בריוועל און האָט דאָס געוואָלט אַרויס־שמיצען דורך דעם פענסטער אין דרויסען אַרוים, נאָר זי האָט זיך

פערהאפט, האט דאס נאך א מאל איבערגעלייענט, צענויפגעקאַ־
טשעט, ווי מע קאטשעט צענויף א מגילה, און אריינגעלעגט צו זיך
אין קעשעני אריין.

רחל'עס כעס איז געווארען אלע מאל גרעסער און שטארקער,
און איהר האט זיך געוואלט נאר זעהן איהם אליין, און פרעגען
איהם אונטער פיער אויגען: וואס הייסט דאס? ווי אזוי רופט
מען דאס? מיט וואס פאר א העזה שרייבט ער איהר אזא קווי־
טעלע? ווער איז ער און ווער איז זי?... זי האט גענומען
צו־קלערען מיטלען, ווי אזוי בעגעגענט מען זיך מיט איהם ערגיץ
אין אזא ארט, וואו קיינער זאל ניט קאנען הערען וואס זיי וועלען
צווישען זיך רעדען, און איז געפאלען אויף א המצאה.

XIX.

א בייטש קארעלען ביי פריידעל סטעמפעניו'ס.

— הערט איהר, שוויגער, ווען עס זאל נישט קאסטען טייער,
וואלט איך א בעלנ'טע געווען אויף א בייטש קארעלען, גוטע
שווערע קארעלען.

— נו, איך האב דאך דיר שוין וויפיעל מאל געזאגט: געה
זיך דורך צו פריידעל סטעמפעניו'ס, וועסט דו דיר אויסקלויבען
וואס דיין הארץ גלוסט. אויב דו ווילסט, קום מיט מיר באלד.
צוליעב מיר וועט זי דיר אפגעבען ניט טייער.

אונזער שווארצע פריידעל, וואס האט זיך פערנומען מיט פראַ־
צענט און מיט משכונות, מיינסטענס קארעלען, האט ביסלעכווייז,
אזוי, אויף א געלעכטער, אנגעהויבען אונטערצוהאנדלען מיט דער
דאזיגער סחורה, וואס זי האט געהאט ביד גאנץ ביליג אפצוקויפען
ביי איהרע בעלי־חובות און נאכדעם דאס אראפברענגען אויך בי־
ליגער, ווי אלע קאראלניצעס (וווייבער וואס האנדלען מיט קארע־
לען), אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז זי האט טאקי אנגעהויבען דער־

מיט צו האנדלען אויף איין אמת מיט אלע באַרדיטשעווער און מיט אַלע בראָדער. גאַנץ מאַזעפּעווקע האָט שוין געוואוסט, אַז אַ רעכטע בייטש קאַרעלען קריגט מען ביי פריידל'ען, ביי פריידעל סטעמ־פּעניו'ס.

אַ וואונדערליכע זאַך! ווי קומט צו פריידל'ען אַזאַ פעהיגקייט צום מסחר, אַזאַ בענעמונג מיט די קונים, אַזוי קאָנען איינרעדען? אַז דוואָסי־מלכה מיט דער שנור זענען אַריינגעקומען צו איהר אין שטוב אַריין, האָט זיי פריידעל אָפּגעגעבען אַ ברייטען ברוך־הבא:

— סקאָצעל קומט! וואָס מאַכט איהר, דוואָסי־מלכה? איהר ווייסט, אַז איך האָב שוין אויף אייך איין אויג פון לאַנג אָן?

— וואָס זשע איז אַזעלכעס, פריידעל?

— וואָס איז, פרעגט איהר? שוין אַ יאָהר, אַז איהר האָט געבראַכט אַזאַ ציערונג צו זיך אין שטוב אַריין — און גאָרניט! איהר זאָלט דאָס אַמאָל אַריינגעהן מיט אייער שנור זיך אויס־קלויבען עפּיס אַזעלכעס, וואָס איהר פּאַסט. פּע, כלעבען, דוואָסי־מלכה, עס איז אַזש מיר אַ בזיון!

— איהר זענט אודאי גערעכט, פריידעל־סערדצע, נאָר וואָס בין איך שולדיג, זאָגט שוין אַליין, אַז מיין שנור וויל ניט קיין קאָרעלען, וויפיעל איך בעט זי?

— נאָט אייך גאָר אַ נייעס! וואָס הייסט, זי וויל ניט? דאָס איז ביי אייך וויל מען ניט; ביי מיר, נישקשה, וויל מען!

און פריידעל האָט אין דער גיך געעפענט אַ גאַנץ גרויסען קאַסטען, גרין געפאַרבט, און האָט אָנגעהויבען אַרויסציהען פון דאָרטען איין בינטעל קאָרעלען נאָכ'ן אַנדערען און פאָרלעגען פאַר די קונים, מיט פיעל פערשיעדענע דבורים דערביי און מיט וויג־שעניישען, גאָר ווי אַ רעכטע סוחר'טע.

— זעהט איהר, דוואָסי־מלכה, אַז איהר זאָלט מיך פאָלגען, וואָלט איך אייער שנור געהייסען נעמען אָט די בייטש קאָרעלען, איך זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס מיט אייך אינאיינעם, ווי מע דאַרף גאָר האָבען נאָך אַזאַ בייטש קאָרעלען „אָרליאַנער“ פּערעל!

איהר טהוט זיי נאָר אָן, זייט מוחל, אויפ׳ן האַלז, אַט אַזוי אַ — אַזאַ יאָהר זאָל איך האָבען, ווי זיי פּאַסען אייך צו אייער ווייסען האַלז! טראָגט זיי געזונטערהייד און לאָז גאָט געבען, אַז אייער שוויעגער זאָל אייך קאָנען קויפען איבער אַ יאָהר אין דער צייט חאָטש אַזעלכע גרויסע פּערעל עפּיס אַ פינף שנירלעך. אָך, ווי זיי קליידען אייך צום פּנים! זאָגט שוין איהר, דוואָסי־מלכה, איהר זענט דאָך יאָ אַ מבינ׳טע אויף קאָרעלען, לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר, רבונו של עולם!

ביי די ווערטער האָט פריידעל אַרויסגעחאַפּט אַ שפּיגעלע פונ׳ם קאַסטען און האָט זיך געשטעלט אַקעגען רחל׳ען, און די גרינע אויגעלעך האָבען געבלישטשעט ביי פריידל׳ען פאַר גרויס נחת, און אַ שוויים איז איהר אַרויסגעטראָטען פון פיעל רעדעניש מיט שבועות און מיט ווינשעניש.

— און אייער סטעמפּעניו טהוט זיך זיינס? — האָט איהר דוואָסי־מלכה געזאָגט, אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער אויף דעם חדר, פון וואַנען עס האָבען זיך געלאָזט הערען זעלטענע זיסע קולות.

— יאָ, ער שפּיעלט דאָרטען, — האָט פריידעל געענטפערט און האָט גענומען בעווייזען נאָך אַנדערע מינים קאָרעלען, אַזוינע און אַזוינע, און דערווייל האָט זיך צווישען פריידל׳ען מיט דוואָסי־מלכה׳ן פערקניפּט אַ לאַנגער שמועס, ווי עס געהער צו זיין צווישען צוויי קרעמערקעס, אַז מע צערעדט זיך וועגען געשעפט.

רחל׳ע איז געזעסען אין אַ זייט און האָט דעם שמועס פון דער שוויעגער מיט פריידל׳ען נישט געהערט. רחל׳ע האָט געהערט איין אַנדער שמועס, איין אַנדער קול, גאָר אַנדערע ווערטער, וואָס האָבען זיך געלאָזט הערען פון סטעמפּעניו׳ס פיעדעלע, אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען איהר געגאַנגען גלייך אין האַרצען אַריין, און זי איז ערשט דעמאָלט אויפגעשטאַנען פונ׳ם אָרט, אַז דאָס פיעדעלע האָט אויפגעהערט צו שפּיעלען און סטעמפּעניו האָט זיך בעוויזען אויף דער טהיר. זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט און זיי זענען ביידע רויט געוואָרען, ווי פייער... סטעמפּעניו איז געבליבען שטעהן

בײ דער טיר, ניט אהין, ניט אהער. און רחל'ע האָט געקוקט אויף איהם, געזאָגט בשעת מעשה דער שוויעגער, אז עס איז שוין צייט צו געהן אהיים. דוואָסי־מלכה האָט זיך א חאַפּ געטהאָן מיט א ברעך אין די הענד:

— אוי, א דונער איז מיר! זעהט נאָר, ווי מיר האָבען זיך פאַררעדט! נו, וואָס וועט איהר ביי מיר נעמען, פריידעל, פאַר די קאַרעלען? ביי מיר טאָרט איהר ניט נעמען טייער, פריידעל. מיט מיר דאַרפט איהר האַנדלען אויף נאמנות!

— אויף ריינע נאמנות! הערט איהר, דוואָסי־מלכה, איך זאָל זיך דערווערגען מיט'ן ערשטען ביסען, אויב איך זאָג אייך א ליגען! סאָסי האָט מיר געטיקעט פאַר די קאַרעלען אכצעהן קערבלעך, איך זאָל אזוי זיין געזונט, רבונו של עולם, מיט מיין מאַן! נאָר גאָר־ניט. איך בין זיך מיישב — סאָסי איז סאָסי, און איהר זענט דוואָסי־מלכה. איך געב אייך זיי אָפּ פאַר פופצעהן קערבלעך, און איך זאָל עס ניט פאַרמאָגען אויף מיין אייגענס, אויב איך פאַר־דיען דערביי עפּיס, גאָטעניו!

— פופצעהן יאָק פופצעהן, צוועלף וועל איך אייך געבען, פריידעל. צוועלף קערבלעך מזומן געלט.

— אוי, געזונט זאָל איהר מיר זיין, דוואָסי־מלכה, דינגט זיך נישט! — האָט פריידעל אויסגעשריגען מיט גרוים היץ און האָט אָנגענומען דוואָסי־מלכה'ן פאַר ביידע הענד אויף דעם אופן, ווי צוויי ווייבער נעמען זיך פאַר די הענד בשעת זיי געהען טאַנצען א פרייליכס.

אין דער מינוט האָבען זיך דערווייל רחל'ע מיט סטעמפעניו'ן געקאָנט בחפזון איבערוואַרפען מיט א פאָר ווערטער.

— איך האָב אייך געוואָלט עפּיס זאָגען, סטעמפעניו.

— איך האָב אייך אויך געוואָלט זאָגען, רחל'ע.

— איהר האָט מיר שוין געזאָגט.

— ווען?

— אינ'ם בריוועל.

— נאָך ווינציג.
— שוין צו־פיעל.
— ניין, קיין הונדערט־חלק אפילו.
— איהר האָט אַ טעות.
— איך שווער אייך ביי מיין לעבען, איך שטאַרב! וואו קאָן איך זיך מיט אייך זעהען?
— איך ווייס ניט, וואו מיר קאָנען זיך זעהען.
— סיידען פאַרנאַכט?
— וואו?
— אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס.
— ווען?
— שבת־צו־נאַכטס. איהר וועט אַרויסגעהן פון יענער זייט צום מאָנאַסטירסקען גאָרטען.
— איך קאָן ניט, איך וויל ניט.
— איהר מוזט, רחל׳ע. איך בעט אייך, געהט־אַרויס אויף איין מינוט! זייט דאָרטען, איך וועל שוין וואַרטען, שבת־צו־נאַכטס, למען השם, רחל׳ע...
— איך וועל ניט זיין.
— איהר וועט זיין, רחל׳ע, איהר וועט זיין!...
— נו, טאָכטער, — האָט זיך אָנגערופען דוואָסי־מלכה, — קום, לאָמיר געהן אַהיים. קוים אויסגעדונגען פאַר פערצעהן קאָר־בען. אָ, איך האָב גאָר ניט געוואוסט, פריידעל, אַז איהר זענט אַזאַ בריה אַ סוחר׳טע!
— ע, דוואָסי־מלכה לעבען, געזונט זאָלט איהר מיר זיין, איהר קאָנט זיך גוט דינגען, נישקשה, אַ גוטען טאָג, געהט געזונט! טראָגט געזונט! פאַרניצט געזונט! צערייסט געזונט!

— אויף קוליעס זאָל זי געהן, ווי זי האָט דאָס מיר אויסגע־קאָכט דאָס וואַסער! — האָט פריידעל געזאָגט צו סטעמפעניו׳ן,

צוגעמאכט נאָך זיי די טיר. — און זי, די שנור, די ווייסע טע־
לעצע, זיצט זיך און שווייגט. עס פאסט איהר אזוי די קארעלען,
ווי א חזיר פאטשערקעס...

XX.

נאָך אַ מאָל קאַרעלען.

אז רחל׳ע איז געקומען אהיים מיט דער בייטש קארעלען, האָט
זי די שוויגער צוגעפיהרט צום שוועהר מיט אזא גליקליכען שמיי־
כעל, גלייך ווי זי וואָלט דאָ געוואונען מי יודע וואָס.

— וואָס זאָגסט דו, אייזיק־נפתלי, אויף די קארעלען? אַ
מציאה, טאקי אַ כשר׳ע מציאה!

אייזיק־נפתלי איז צוגעגאנגען נאָהענט צו רחל׳ען, האָט זיך
שטארק איינגעקוקט, ווי אַ רעכטער מבין, האָט אַ שמאָרע געטהאָן
מיט דער נאָז און אַ פרעג געטהאָן:

— וואָס האָסט דו באצאָהלט פאר זיי, וויפיעל?

— נו, טרעף, ביזט דאָך עפּיס אַ סוחר. נו, אדרבה, טרעף? —
האָט איהם דוואָסי־מלכה געזאָגט מיט אַ שמייכעלע.

— איך ווייס ניט, צי טייער, צי וואָלוועל?

— אז איך זאָג דיר אַ מציאה, שוטה, אַ מציאה, ווי ביי אַ
גנב! מאָהל דיר, איך האָב זיך גענוג אָנגעהאריקעט, אויסגעקאָכט
דאָס וואסער מיט דער דאָזיגער מאכליארקע, די כלי־זמר׳קע, אַ
סיפּע איהר אין פנים! נו־נו, זי קאָן זיך גוט דינגען, איין אמת׳ע
סעדיכע! דער רוח ווייסט זי, וואו און ווען זי האָט זיך עס אזוי
אויסגעלערענט! אַ פּיסקעלע ביי איהר — טאקי נאָר אויף שרייפ־
לעך, פעך און שוועבעל אויס איהר מויל, און אז זי רעדט מיט אַ
קונה, פינעט זי, ווי אַ העכט, אַ מיתה משונה זאָל אויף איהר
קומען, אויף דער סטעמפעניוכע!... נו, וואָס שווייגסט דו, אייזיק־
נפתלי? זאָג שוין, לאָמיר הערען דיין מבינות, וואָס, אשטיינער,
דארפען קאָסטען אָט די קארעלען?

— אַט די קאַרעלען וואָס דאַרפען קאָסטען ? — האָט אייזיק־נפתלי געענטפערט, אָנגענומען זיך ביי דער באָרד. — אַט די קאַרעלען דאַרפען קאָסטען אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, — שאַ נאַר, לאָם איך דיר זאָגען אַקוראַט, איך זאָל מיך ניט אָפּנאַרען, — אַ מציאה, זאָגסט דו, אַ מציאה? אויב זיי זענען אַ מציאה, האָסט דו באַדאַרפט פאַר זיי באַצאָהלען נישט ווינציגער ווי זעכסטהאַלבען קערבלעך, נאַר ווערטה זענען זיי אַלע זיעבען.

— לאָקש ! ! ! — האָט דוואָסי־מלכה אויסגעשאָסען, ווי פון אַ האַרמאַט, און אייזיק־נפתלי האָט אַזש אַ ציטער געטהאָן און אָפּגעטראָטען אין אַ זייט. — לאָקש איינער ! בהמה בצורת פערד ! אַזאַ ביימש קאַרעלען — זעכסטהאַלבען קערבלעך ? ! משוגענע לעמעשקע ! אַ שטומער וואָלט דאָך ניט אויסגערערט אין אַ יאָהר ! האָסט אויגען, צי ניין ? נאַ, קוק זיך צו, דו אָפּגעריסענער נאַר !

און דוואָסי־מלכה האָט אָנגענומען רחל'ען פאַר אַ האַנד, האָט זי צוגעפיהרט צום שוועהר, איהר אויפגעהויבען דעם קאָפּ און בעוויזען אייזיק־נפתלי'ן די מציאה, געשאָטען מיט שטעכווערטלעך און מיט קללות. אייזיק־נפתלי נעבאך האָט געשמאָרעט מיט דער נאָז, געפינטעלט מיט די אויגען און מורא געהאַט שוין אויסרעדען אַ וואָרט. ביז גאָט האָט זיך אויף איהם דערבאַרעמט און ס'איז אָנגעקומען משה־מענדעל מיט'ן שטעקעלע פונ'ם מאַרק — האָט שוין משה־מענדעל געגומען שאַצען די קאַרעלען ביי רחל'ען אויפ'ן שעגעם, ווייסען האַלז, און האָט געטראָפען, אַז זיי דאַרפען קאָסטען, בלי גוזמא, אַ דרייערל... דאָ האָט זיך דוואָסי־מלכה אַזוי צעפּלאַמט, אַז זי האָט זיך אַזש צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, פאַר גרויס דאַסאַדע, וואָס קיינער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסע מציאה זי האָט געהאַנדעלט, און אפשר פאַר האַרצוועהטיג, וואָס סטעמפעניוכע האָט זי אַזוי גראָב אָפּגענאַרט.

— דיך אַ סוחר ! — האָט זי געזאָגט צו משה־מענדל'ען. — פונקט אַזאַ מבין, ווי דער טאַטע זיינער ! וואָס עפּים אַ דרייערל, זוהנאַ ? פאַר וואָס ניט ווענינער ?

— דערפאר, וואס זיי זענען מעהר ניט ווערטה, דערפאר, וואס די קארעלען זענען זעהר פשוט'ע קארעלען. איך האב אויך געזעהן אמאל קארעלען, מאמע. לאז זיך דיר דאכטען, אז איך האב שוין געזעהן אמאל א רעכטע בייטש קארעלען...

דעם גאנצען טאג האבען זיך אלע דריי געקריעגט און געיאדעט פאר די קארעלען.

— ער זאל מיר בעסער געבען מיט א פיסטויל אין הארצען, — האט דוואסי־מלכה גע'טענה'ט — וואלט ביי מיר פיעל מעהר ניחא געווען, איידער הערען פון איהם דאס ווארט „זעכסטהאלבען"! מילא, לאז זיין די מאכליארקע, די חלירע זאל זי באקומען היינטיגען טאג, האט מיך אפגענארט (מיך האט נאך קיינער ניט אפגענארט!), — מילא, חאפט זי דער שווארץ־פינסטער־ביטער יאהר מיט איהר סטעמפעניו'ן אינאיינעם! אבער צו וואס טויג נאך זאלצען יענעם אויף די וואונדען און ארויספאהרען מיט א מכת „זעכסטהאלבען"? נא דיר גאר „זעכסטהאלבען"! זעכסטהאלבען טויזענט מכות איהר אויפ'ן לייב און זעכסטהאלבען קדחת'ען איהר אין דער לעבער! איך וועל, מאהל דיר, ביי איהר מיין נעלט, מיין בלוט, ארויסרייסען, ווי ביי א הונט פון די צייהן, מאהל דיר! אבער פארגינען זיך זאגען „זעכסטהאלבען"?!

די גאנצע סצענע איז אונזער רחל'ען אזוי נמאס געווארען, אז זי האט די קארעלען פאר'ן שלאף אויסגעטהאן און בעהאלטען ביי זיך טיעף־טיעף אין קאסטען, מיט דער דעה, אז זי זאל זיי שוין מעהר ניט אנטהון ווייל זי וועט לעבען. מעהר פון אלץ האט אונזער רחל'ען פערדראסען, וואס משה־מענדעל האט זיך פערנומען אפקריעגען מיט דער מוטער פאר די קארעלען און איז אפילו נישט צוגעגאנגען צו איהר, ווי עס דארף צו זיין, ווי עס פיהרט זיך, זאגען „פארניץ געזונט". מע האט זי דעם גאנצען טאג ארומגעפיהרט פאר די הענד, געקוקט אויף איה'ע קארעלען, פונקט ווי מע בעטראכט

א קוה; איטליכער איז צוגעגאנגנען און האט איהר אויפגעהויבען דעם קאפּ, געטאפּט די קארעלען — און אז איהר האט מען גאר פערגעסען... רחל'ע, וואס איז בטבע ניט געווען קיין בייזע, קיין בעסנ'טע, האט דעם גאנצען טאג געפייערט אויף אלעמען, און נאך מעהר אויף משה־מענדל'ען. דער דאזיגער חברה־מאן האט זיך גאנץ פיין אפּגעגעסען מיטאג און איז זיך אוועק אין בית־מדרש אריין. און אזוי ווי עס איז געווען יענעם אבענד אין בית־המדרש א שטי־קעל שמחה, א סיום, לכן איז שוין משה־מענדעל איבערגעבליבען דארט פון נאך מעריב ביז'ן ווייסען טאג אריין, ווי ער פלעגט עס טהון גאנץ אפּטליך.

רחל'ע איז גאר אינגאנצען געווען לא־עליכם'דיג, שטארק צע־קאכט. דאס פּנים האט איהר געפלאמט, ווי א העליש פייער, דער קאפּ האט איהר געטרישטשעט און אין די אויהערען האט איהר געקלונגען און געפייפט. זי האט גאר ניט געוואוסט, וואס מיט איהר טהוט זיך... קיין וועטשערע האט זי ניט געקאנט עסען. געוועהנליך, האט איהר דוואסי־מלכה נענוג געפּיקט אין קאפּ אריין, פאר וואס זי עסט ניט, פאר וואס זי טרינקט ניט — נאר אומזיסט: רחל'ע איז אוועק מיט רויטע אויגען צו זיך, האט זיך גיך אויס־געטהאן, אריינגעלעגט אין בעט אריין, און פון איהרע אויגען האבען זיך מיט א מאל א גאס געטהאן טרערען, — ווארעמע, הייסע טרע־רען, און א סך, א סך.

XXI.

א שווערע נאכט.

וואס האט רחל'ע געוויינט? זי האט אליין נישט געוואוסט. וואס זי וויינט, און האט אפילו נישט געפיהלט, אז זי וויינט. דאס הארץ איז איהר שוין פון א צייט געווען שווער, זעהר שווער, נאר פּלוצים האט זיך עס צעווייקט, צעגאסען און אויסגעגאסען זיך דורך טרערען. רחל'ע האט געפיהלט, ווי מיר האבען שוין אויבען גע־

זאָגט, אַז זי איז עלענד, אַז עס געהט איהר עפּיס אָפּ, אַז עס פעהלט איהר עפּיס. נאָר וואָס פעהלט איהר — דאָס האָט זי ניט געוואוסט און ניט געקאָנט וויסען. רחל'ע האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איהרע עלטערען האָבען זי חתונה געמאַכט און האָבען זי גע'פּטר'ט. דאָס וואָרט „גע'פּטר'ט" איז שוין גענוג אויף צו פיהלען, ווי ווייט מע ווערד אָפּגעריסען: קינדער פון עלטערען און עלטערען פון קינדער. דאָס וואָרט „גע'פּטר'ט" קומט־אויס זעהר אָפט צו הערען ביי אונז, אידען, כמעט אין יעדער משפּחה. דאָס וואָרט „גע'פּטר'ט" איז אַ גרויסער בזיון, אַ בעלעדיגונג פאַר אונזער גאַנצער אומה, וואָס פּיינט זיך אויס מיט איהר בארעמהערציגקייט... מעהר פון אַלע איז איהר דערגאַנגען משה־מענדעל מיט זיינע גענג, מיט זיין פיהרעכטס קעגען איהר. רחל'ע האָט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ ראָלע זי שפּיעלט מיט איהר שענקייט און מיט איהר גוטסקייט, מיט איהר עהרליכקייט און מיט איהר געטריישאַפט ביי איהר מאַן דעם תכשיט. רחל'ע האָט פּרויסגעזעהן, וואָס זי איז ביי איהם...

ועל כולם איז רחל'ע גלאַט געווען צעשרויפט, צערודערט און פערטומעלט די לעצטע צייט. אַ קלייניגקייט, וואָס זי האָט איבער־געטראָגען פון סטעמפּעניו'ן? רחל'ע, די פרומע רחל'ע, וואָס האָט ניט דורכגעלאָזט אויף איהר לעבען קיין האָר פון אידישקייט, נישט איבערגעטראָטען קיין מינדסטען דין פון די אַלע דינים, וואָס זענען שייך צו דער אידינע, — רחל'ע, אַ אידיש ווייבעל פון טייטש־חומש, האָט אין זינען אַ פרעמדען, בעקומט פון איהם בריוולעך, בעגעגענט זיך מיט איהם — און גאָרנישט! אדרבה, זי פיהלט, ווי עס ציהט זי צו איהם, נישט מיט עפּיס אַ שלעכטער מחשבה, חלילה! נאָר גלאַט אזוי, זעהען איהם און הערען, ווי ער שפּיעלט אויפ'ן פיעדעל.

אַך, זיין שפּיעלען, זיין שפּיעלען! רחל'ע וואָלט אייביג ניט געגעסען, ניט געשלאָפען נאָר הערען סטעמפּעניו'ן, הערען איהם און... זעהען איהם! זיינע אויגען, אַז זיי קוקען, ווארעמען זיי, גלעטען זיי, ניעזשען זיי... אַך, זיינע אויגען!

רחל'ע האַפּט זיך אָן מיטביידע הענד פאַר'ן קאָפּ און הערט זיך צו, ווי די שלייפען קלאַפּען, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט, און די נשמה ציהט, ציהט. זי ווייסט ניט, וואָס מיט איהר טהוט זיך. זי דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע איבער'ן קאָפּ און דערזעהט איהר אמאָליגע חבר'טע, חיה-עטעל, עליה השלום. רחל'ע דערמאַנט זיך אָן יענער מעשה פון חיה-עטל'ען מיט בנימינ'ען, און עס געהט איהר איבער אַ פראָסט איבער'ן לייב. זי דעקט פון זיך אָפּ די קאָלדרע און דערהערט פלוצים זעהר אַ בעקאַנט געזאַנג, אַ בעקאַנט שפּיעלען פון אַ בעקאַנט פיעדעלע. רחל'ע האָט געמיינט, אז עס ווייזט זיך איהר אויס, נאָר ווייטער-ווייטער האָט זי אַלץ נעהענטער געהערט דאָס שפּיעלען, וואָס מע שפּיעלט, געוועהנליך, ביי'ם אָפּ-פיהרען פון דער חתונה די מחותנים אהיים. רחל'ע האָט שוין דערהערט און דערקענט אַקוראַט, וואָס מע שפּיעלט; רחל'ע האָט אויך דערקענט סטעמפּעניו'ס פערגעהן זיך אויפ'ן פיעדעל, און עס איז שוין פאַר איהר ניט געוועזן קיין ספק, אז דאָס פיהרט-אָפּ סטעמ-פּעניו די מחותנים אהיים נאָך דער חופּה-וועטשערע. נאָר ווי קומט ער אהער? אויף דער גאַס איז היינט נישט געוועזן קיין חופּה און דאָ זענען נישטאָ קיין מחותנים! וואָס קאָן דאָס בעדייטען? די פויק מיט די טאַצען לאָזען זיך אָבער הערען אַלץ נעהענטער און נעהענטער. די גאַנצע חברה שפּיעלען געשמאַק; נאָר מעהר פון אַלץ לאָזט זיך הערען סטעמפּעניו'ס פיעדעלע, וואָס פערדעקט מיט'ן זיסען שפּיעלען, מיט דעם וויינען געזאַנג אַלע אַנדערע כלים.

רחל'ע קאָן ניט איינליגען. זי שפּרינגט-אַראָפּ פונ'ם בעט, געהט-צו צום פענסטער, עפענט עס אויף און בויגט זיך איבער העבער האַלב אין דרויסען אַרויס.

רחל'ע האָט שוין לאַנג אַזאַ נאַכט נישט געזעהען. די לבנה שפּאַצירט אין מיטען הימעל, און אַרום איהר האָבען זיך אויסגע-שאָטען אַלפי אלפים שטערען — בריליאַנטען, וואָס שעמערירען אין די אויגען. די לופט איז וואַרעם, גרינג און פריש. קיין שום ווינ-טעל, אַזוי, אז די הויכע טאָפּאָלים, וואָס זעהען זיך פונ'ם גרויסען

מאַנאַסטירסקען גאָרטען, שטעהען אויסגעצויגען, ווי סאָלדאַטען אויף דער וואך. קיין בלעטעל ריהרט זיך נישט. נאָר זעלטען־זעלטען טהוט עס אַ טראָג פון'ם מאַנאַסטירסקען גאָרטען אַ שענעם ריח פון שמעקענדיגע גראָזען, ווי בשמים, וואָס איז אין מאָזע־פעווקע שטאַרק אַנגעלעגט, מחמת בייטאָג הערט זיך דאָרט איין אַנדער ריח...

צו דער דאָזיגער אויסגעצייכענטער נאַכט פּאַסט אַקוראַט אונ־זער רחל'ע די שענע, — די שענע, די ריינע, די עהרליכע רחל'ע מיט איהר גרויסען ווייסען האַלז, אויף וועלכען עס ליגען צעשאָטען איהרע רייכע בלאָנדע האָר (אָך, רחל'ע האָט דען געקאָנט אין אַזאַ צייט געדענקען, אַז די לבנה און דער מחבר פון'ם ראָמאַן קאָנען זעהען איהרע אייגענע האָר?). איהרע אויגען זענען געווען ניט ווינציגער בלוי און לויטער, ווי דער בלויער לויטערער הימעל, און איהר שען ליכטיג פּנים איז ניט געווען מיאוס'ער פון דער שענער ליכטיגער נאַכט. נאָר רחל'ע האָט ווינציג־וואָס געטראַכט וועגען דעם: איהר קאָפּ איז געווען דאָרטען, וואו עס האָט זיך געהערט דאָס זעלטענע שפּיעלען, און איהר האַרץ איז געווען דאָרט, וואו סטעמפעניו'ס פּיעדעלע.

די כלי־זמר שפּיעלען עפּיס אַזוי טרויעריג, גלייך ווי זיי וואָלטען אָט־ערשט עמיצען בעהאַלטען, אין דער ערד אַריינגעלעגט. ביי אונז אַ שמחה בעווייזט זיך אַרויס דורך אַ געוויין, און מחמת גרויס פרייד מיט פערגעניגען פערגיסען מיר טרערען... נאָך אומעטיגער ווייזט־אויס דאָס שפּיעלען אים האַלבע נאַכט, ווען די גאַנצע וועלט האַלט אין איין שלאָפען, נאָר איין ביסעל אידען זענען זיך משמח מיט אַ וויינענדיגם, געהענדיג צוריק פון דער חופּה־וועטשערע מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ: וואָס איז? מע האָט גע'פטר'ט אַ קינד, פערשטעהט איהר מיך, פערזאָרגט, הייסט דאָס, ברוך השם, — נו, מהכתיתי... אין דער דאָזיגער שטילער שענער זומער־נאַכט הערט זיך סטעמ־פעניו'ס פּיעדעלע נאָך מעהר, ווי אַלע מאָל; עס קלעהמט דאָס האַרץ, ציהט די נשמה, נעמט־אַרויס דאָס חיות — און רחל'ע

שטעהט אַ האַלב־נאַקעטע ביי׳ם פענסטער און הערט זיך צו. זי וויל אַנטלויפען פון דאַנען, צומאַכען דאָס פענסטער און אַנטלויפען, נאָר עס האַלט זי צו, ווי מיט אייזענס, ווי אַ מאַגניט ציהט עס זי. זי קוקט זיך איין און הערט זיך צו אַזוי ערנסט, גלייך ווי זי וואָלט הערען ניט זיין פיעדעלע, גלייך ווי זי וואָלט הערען, ווי ער רעדט צו איהר, ווי ער טענה׳ט, ווי ער בעט, ווי ער וויינט... און ניט נאָר רחל׳ע אַליין הערט זיך איין אין די דאָזיגע שענע מעלאָדיען פון סטעמפעניו׳ם פיעדעלע אין דער דאָזיגער ליכטיגער זומער־נאַכט: די לבנה מיט די שטערען, די ווייכע, פרישע לופט, די גאַנצע נאַטור מיט אַלע איהרע בעשעפענישען האָבען ווי אויפגעוואַכט פון זייער דרימלען, זיך אויפגעשטעלט אויף אַ רגע׳לע, בכדי צו הערען, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געזאַנג אים האַלבע נאַכט? וואָס איז דאָס פאַר קולות אים האַלבע נאַכט? דער נאַכט־משורר, דער פערשפע־טיגטער סאָלאָוויי אינ׳ם מאָנאַסטירסקען גאָרטען, דערהערט אַזאַ מין מוזיק, האָט זיך געפּרובירט פערקאַטשען אויפ׳ן העלזעל, בע־וויזען זיינע שטיקלעך, ווי זיין שטייגער איז; נאָר עס איז איהם אַצינד, אין סוף תמוז, נישט געראָטען איבערשטשעגאָליאַיען סטעמ־פעניו׳ם פיעדעלע, מחמת באַלד נאָך וועסנע האָט ער נעבאַך, ווי אַלע מאָל, אָנגעוואָהרען די כלי, און פון זיין זים קול איז איהם נאָר געבליבען אַ קוויטש, ווי ביי אַ חזן נאָך ימים נוראים, להבדיל... דער האָהן, דער שרייער, דערהערט דאָס שפּיעלען פון די כלי־זמר און גערעכענט, אַז ס׳איז שוין טאָג, איז אַראָפּ פון דער סידעלע, האָט אַ פּאַטש געטהאָן מיט די פליגעל, האָט געזאָגט דעם פּסוק, אויסגעלאָזט דעם געוועהנליכען „קוקוריקו“ מיט אַ „מונח־אתנחתא“ און איז זיך אַוועק צוריק אין זיין רוה אריין אַ ברוגז׳ער, וואָס מע האָט איהם מטריח געווען אומזיסט און אומנישט... אפילו די הינד, די כלבים, פון ווייטענס, פון דער מאָנאַסטירסקער גאַס, דערהערט די אידישע כלי־זמר אין מיטען נאַכט, האָבען אָנגעהויבען לכתחילה, ווי זייער מנהג איז, צו בילען און צו וואָיען, און זענען אויך אַנ־שווייגען געוואָרען, געזוכט זיך איין אָרט וואו צו לעגען זיך אָפּרוהען.

אויך די קוה, דוואָסי־מלכה'ס בורע בהמח ביי דער שטוב, האָט אויפגעהערט צו מעלה־גרה'ן, האָט אויפגעשטעלט די אויהערען, ארויסגעלאָזט פונ'ם בויך אַ טיעפען קרעכץ, ווי אַ זינדיגער מענש. און דעם שכנ'ס צוויי ציעגען האָבען זיך פון גרויס התפעלות מיט אַ מאָל אויפגעהויבען פון דער ערד, זיך געביטען מיט די ערטער, בעוויזען דערוויַיל איינס דאָס אנדערע, אַז זיי האָבען הערנער. הכלל, אַלץ האָט אויפגעלעבט, בעוויזען, אַז עס הערט דאָס שפּיעלען אין דער דאָזיגער שטילער, ליכטיגער, וואַרעמער כישופ'דיגער זומער־נאַכט.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אונזער עהרליכע רחל'ע געשטאַנען ביי'ם פענסטער, ווי צוגעקאָוועט מיט אייזענס. זי שטעהט, ווי שטאַרק פערוואונדערט, ריהרט זיך ניט מיט קיין אבר, ווי צוגעשרויפט, און ווייסט גאָר ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז. „נו, אַ נאַכט! אַי, אַ נאַכט! טאַטעניו!“... זי שטעהט און הערט זיך איין מיט אַלע חושים. זי שלינגט די פרישע לופט מיט'ן פולען מויל. זי איז אינגאַנצען פער'כישופ'ט. זי קוקט אין בלויען הימעל אריין און דערמאַנט זיך אָן יענע זומער־נעכט, ווען זי פלעגט מיידעלוויַיז זיצען אין דער היים אויף דער פריזבע (זאַוואַלענקע), קוקען־ארויף, אויף די ווייסע פאַסען, געשפּיעלט בשעת מעשׂה אין צייכענס (מיילעשקעס) און געזונגען דאָס בעקאַנטע ליעדעל:

די לבנה שיינט אין מיטען דער נאַכט,
און פערעלע זיצט ביי דער טיר,
זי זיפצט, זי קרעכצט, זי איז שוין פערטראַכט —
אוי, אַ וועהטיג איז איהר!
זי זיפצט, זי קרעכצט, זי איז דאָך פערטראַכט —
אוי, אַ וועהטיג איז איהר!...

דאָס ליעדעל האָט זי דעמאָלט געזונגען, נאָר זי האָט דאָס ניט פערשטאַנען; אַצינד פערשטעהט זי דאָס יאָ, אפילו נישט אינ־

גאַנצען, דאָך פאַרשטעהט זי דאָס, זי פיהלט עס. זי פיהלט, אַז עס ציהט זי עפּיס אַהין, אין דרויסען ארויס, אויף דער פרייער לופט. זי פיהלט, אַז ס'איז איהר דאָ ענג, היים און נמאס, נמאס!... רחל'ע דערמאַנט זיך נאָך אַ ליעדעל פון יענע ליעדלעך, וואָס זי פלעגט זינגען מיידעלוויי, זומער־לעבען, אין דרויסען ביי דער טיר.

ביי'ם ברעג וואַסער טהו איך שטעהן,
און קאָן צו דיר ניט קומען;
אוי, פון ווייטענס רופסט דו מיך —
איך קאָן אָבער נישט שווימען!
אוי, פון ווייטענס רופסט דו מיך —
איך קאָן צו דיר ניט שווימען!...

„פון ווייטענס?" — ער איז דאָך שוין גאָר נאָהענט! אָט איז ער, סטעמפּעניו, מיט זיין פיעדעלע, מיט זיינע לאַנגע האָר, מיט זיינע שוואַרצע, ברענענדיגע פייערדיגע אויגען, וואָס קוקען אויף איהר תמיד און וואַרעמען זי מיט זייער גלאַנץ, מיט זייער פייער. און עס ווילט זיך איהר אין דער מינוט אייביג שטעהן נאָהענט נעבען איהם, שטעהן און אייביג הערען זיין שפּיעלען, און אייביג זעהן זיינע שענע אויגען... נאָר איין זאַך קאָן רחל'ע נישט פאַר־שטעהן: ווי קומט ער אַהער, סטעמפּעניו, אים האַלבע נאַכט, מיט זיין פיעדעלע?

ווי אַרום קומט אַהער סטעמפּעניו מיט די מחותנים? — אָט דאָס האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטעהן, וויפיעל זי האָט זיך ניט געבראָכען דעם מוח. רחל'ע האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגיץ אויף דער שוהלגאַס איז היינט געווען אַ חופּה. ווי זשע קומען אַהער די מחותנים? ערשט דעמאָלט האָט זי פאַרשטאַנען דעם סוד, אַז זי האָט דערזעהען שוין גאָר נאָהענט, טאַקי כמעט נעבען זייער שטוב, די כלי־זמר מיט די מחותנים. ערשט דעמאָלט האָט זי געטראָפען דאָס רעטעניש, אַז זי האָט דערזעהען, ווי סטעמ־

פעניו האט זיך פונקט נעבען זייער שטוב, גראדע אקעגען איהר פענסטער, אפגעשטעלט און האט אנגעהויבען צו שפיעלען נאך מיט מעהר פרישקייט, מיט מעהר חשק. ערשט דעמאלט האט רחל'ע פערשטאנען, וואס סטעמפעניו האט דא אויפגעטהאן: ער האט געשלעפט מיט זיך די גאנצע חברה, אלע מחותנים מיט'ן גאנצען עולם, פון דער צעהנטער גאס אהער, פארביי זייער שטוב, און צוליעב וועמען? — לכתחילה איז דאס איהר אפילו געווען זעהר אנגענעהם, און דאס הארץ האט זיך איהר אזוי געפריידט, אז עס איז שיער נישט ארויסגעשפרונגען פון דער ברוסט. און נישט ווילענדיג, האט זיך רחל'ע צעלאכט צו זיך אליין מיט אזא פריילינ געלעכטער, אז זי האט זיך איבערגעשראקען פאר איהר קול, האט א קוק געטהאן אויף זיך, ווי זי שטעהט דא האלב־נאקעט, מיט'ן האלז אין דרויסען, מיט די אייגענע האר, — און איז געשווינד אפגעשפרונגען פונ'ם פענסטער, אין דער גיך עס צוגעמאכט, און האט זיך אריינגעווארפען אין בעט אריין.

„וועה איז מיר, וואונד איז מיר! — האט זיך רחל'ע געטראכט. — צו וואס מע קאן קומען, אז מע בעקלערט זיך נית פריהער, וואו מען איז אין דער וועלט! שטעלען זיך אין מיטען נאכט א נאקעטע אין פענסטער פאר אזא־נ־עולם מאנסבילען; אין זינען האבען אזעלכע פוסטע נארישע זאכען, ארומגעהן מיט אזעלכע מיאוס'ע מחשבות וועגען א סטעמפעניו... און סטעמפעניו — מע דארף זיין א בעלן פיהרען א גאנצע עדה אידען איבער צעהן גאסען — צוליעב וואס? צוליעב וועמען? מע דארף האבען, פון דעסטוועגען, איין עזות אזעלכעס צו טהון! פון וואנען נעמט זיך עס ביי איהם אזא...? איך מוז עס איהם פרעגען. מע דארף זעהן, ס'זאל האבען אמאל א סוף. ער וויל מיך אומגליקליך מאכען!... איין מאל פאר אלע מאל, מע דארף זיך מיט איהם אויסשמועסען, ווי זאגט מען: „בעסער דער ערשטער רוגז"... ער דערצעהלט דיך א מעשה: „ליעב־שמיעב"! גאנץ ליטיש, כלעבען... שבת־צונאכטס, זאגט ער, אויף דער מאנאסטירסקער גאס, דארט וועט ער

מיר שוין קלאָר מאַכען אינגאַנצען זיין מיין... איך וואָלט שוין געהרען, דעם ליעבער שבת-צו-נאַכטס זאָל שוין קומען גיכער. לאָם מיר שוין הערען וואָס און ווען? איך וועל געווים ארויסגעהן, וואָס האָב איך מורא? פאַר וועמען? מורא דאַרף מען האָבען נאָר פאַר גאָט!... עס איז דיר נאָר איין אָנשיקעניש, איין אָפּגעטהאָנענע זאַך, און געגנוג!... ניט אומזיסט דערצעהלט מען זיך אָן אַזוי פיעל מעשיות... נאָר וואָס האָט ער צו מיר? צו מיינע יונגע יאָהרען?... און ווער איז שולדיג, ווען ניט איך אליין? מע טאָר ניט וויזען יענעם קיין וועג... משה-מענדעל זאָל אַצינד זיין, וואָלט איך איהם אַלסדינג דערצעהלט. נאָר וואו איז ער? ער הערט מיך זעהר? וואָס געהט דאָס איהם אָן, וואָס איך מוטשע מיך, ווי איינער פאַר'ן טוידט?... אָך, מע דאַרף לייענען קריאת-שמע. נישט גוט, אז מע לייענט נישט קיין קריאת-שמע!"...

„לישועתך קויתי ד',
קויתי ד' לישועתך,
ד' לישועתך קויתי"...

רחל'ע בעהאַלט זיך טיעף-טיעף אין די קישענס אריין, דעקט זיך איבער שטאַרק מיט דער קאָלדרע, זי זאָל נישט הערען דאָס שפּיעלען פון די כלי-זמר, און לייענט קריאת-שמע אויף אַ קול: „לישועתך קויתי ד'"... נאָר דורכ'ן פענסטער גנבה'נען זיך אריין די זיסע געזאַנגען פון סטעמפּעניו'ס פיעדעלע, וואָס ווערען אַלע מינוט שטילער, זעלטענער און ווייטער. און רחל'ע לייענט קריאת-שמע:

„לישועתך קויתי ד',
קויתי ד' לישועתך,
ד' לישועתך קויתי"...

און סטעמפּעניו'ס פיעדעלע קוים-קוים וואָס עס הערט זיך שוין פון ווייטען, און די לעצטע קולות ווערען ווי פערשטאָרבען. און

רחל'עם אויגען ווערען ביסלעכווייז צוגעשלאָסען, און איהרע ליפּען שעפּטשען נאָך, קוים־קוים וואָס מע הערט:

„לישועתך . . . . . .
קויתי . . . . לישועתך
. . . קויתי . . . ."

און רחל'ע ווערד אנשלאָפען.

* * *

רחל'ע ווערד אנשלאָפען, און עס חלומ'ט זיך איהר, אז סטעמפּעניו טהוט איהר אָן א בייטש קאָרעלען... אין איין זייט שטעהט דער שוועהר אין טלית־ותפילין, און פריידעל שלאָגט איהם, פּאַטשט איהם אויף וואָס די וועלט שטעהט... משה־מענדעל איז טוידט־שכור, פאָהרט רייטענדיג אויף א קאָטשערע, מאַכט משוגענע העויות, און סטעמפּעניו טהוט איהר אָן א בייטש קאָרעלען... אין דער אנדערער זייט שטעהט חיה־עטעל, אָנגעטהאָן שבת'דיג, אויסגעציערט, ווי א בת־מלכה, שמייכעלט אַזוי פריינדליך, אַזוי ליעבליך, און צינדט־אָן א סך ליכט.

„וואָס טהוסט דו, חיה־עטעל? — פרעגט זי רחל'ע. — למאי צינדסט דו אָן אַזוי פיעל ליכט?"

„וואָס פאַר א שאלה? — ענטפערט איהר חיה־עטעל מיט א געלעכטער. — עס איז דאָך ערב שבת: שוין צייט ליכט בענטשען!"...

רחל'ע קוקט אויף די ליכט, ווי העל זיי ברענען און זיי לייכטען, און סטעמפּעניו טהוט איהר אָן א בייטש קאָרעלען... ער שטעהט נעבען איהר אַזוי נאָהענט, אז זי הערט, ווי ער אָטהעמט. ער שטעהט און קוקט איהר גלייך אין די אויגען אריין און וואַרעמט זי מיט זיין קוקען אויף איהר. רחל'ע קוועלט, לאַכט און זיננט, און סטעמפּעניו טהוט איהר אָן א בייטש קאָרעלען...

פלוצים ווערען די ליכט פערלאָשען. חיה־עטעל און אַלע אַרום און אַרום ווערד פערשוואונדען. עס ווערד פינסטער־חושך און שטאַרק קאַלט, ווי אין אַ קעלער, ווי אין אַ קבר... דער ווינד בלאָזט און פייפט, און עס הערט זיך אַ געזאַנג, אַ טרויעריג געזאַנג: עס הערט זיך, ווי אַ פיערעל שפּיעלט, שוין ווידער אַ בעקאַנט פיע־דעלע, סטעמפּעניו'ס פיעדעלע. סטעמפּעניו אַליין איז שוין ניטאָ, נאָר זיין פיעדעלע לאָזט זיך הערען, אָבער אַזוי טרויעריג, אַזוי אומעטיג, ווי דער נוסח פון „נעילה". און עס הערט זיך עפּיס, ווי עמיצער וויינט, חליפעט. דאָס וויינט חיה־עטעל אויף איהרע יונגע יאָהרען, וואָס זענען איבערגעלאָפען, ווי אַ חלום, אויף איהר ליעבהאַרציגען בנימינ'ען, וואָס ער האָט זי פערביטען אויף איין אַנדערע, פערגעסען חיה־עטל'ען, פערגעסען...

„אוי, מאַמעניו!" — שרייט־אויס רחל'ע און האַפּט זיך אויף, קעהרט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט, ווערד אַנשלאָפען און זעהט ווידער אַלערליי חלומות. אַ גאַנצע נאַכט פּלאָנטעט זיך איהר, און עס דאַכט זיך איהר, אַז זי פיהלט, ווי סטעמפּעניו שטעהט נעבען איהר און טהוט איהר אָן אַ בייטש קאַרעלען... נאָכדעם קומט ווידער חיה־עטעל מיט שוואַרצע ליכט, וויינט, טרויערט, לייענט אויף אַ קול תחינות פון מענה־לשון: „אַלמעכטיגער פאָטער אין הימעל, דו שטאַרקער גאָט! הערר איבער אַלע הערען, דו מלך איבער אַלע מלכים, וואָס פון אייביג ביז אייביג ביזט דו נאָר גאָט! צו דיר זאָל קומען און פון דיר זאָל בעווילינט ווערען אונזער היים געבעט. דו זאָלסט פערנעמען די תפלות פון די ריינע נשמות, וואָס מהוען שטעהן פאַר דיין כסא־הכבוד און בעטען רחמים פון פאַר דיר פאַר אונז, און פאַר די לעבעדיגע, וואָס אויף דער ערד, וואָס זענען פול מיט זינד, ווי אַ מילגראַם, און די אָבות אבותינו..."

חיה־עטעל זאָגט די תחינות הויך. זי וויינט, זי יאָמערט, זי קלאָגט — און ווערד פערשוואונדען.

XXII

עס צינדט זיך אן א פייער.

אין דער שטאָדט מאַזעפּעווקע איז דאָ א מאָנאַסטיר, וואָס איז געבויט, ווי מע דערצעהלט, נאָך פון מאַזעפּע'ן. א הויכע, א ווייסע געמויערטע וואַנד רינגעלט אַרום דעם מאָנאַסטיר פון אַלע פיער זייטען און פערנעמט דריי חלקים פון דער שטאָדט. אין איהר, אין דער וואַנד, פון איין זייט געפינען זיך די געוועלבען (די גרעס־טע קלייטען), פון דער אַנדערער זייט — טיעפע קעלערס, וואו עס איז אמאָל געוועזן בעהאַלטען, ווי מע זאָגט, דאָס גאַנצע געוועהר (כלי־זין) פון די היידאַמאַקעס, און אַצינד לעגט מען דאָרט אָפּ עפּעל און אַנדערע מינים סחורות. די דריטע וואַנד איז בעוואַכסען מיט דערנער און בעשיצט מיט די הויכע טאָפּאָלים און אַנדערע בוימער, וואָס געפינען זיך פון יענער זייט וואַנד אינ'ם גרויסען מאָנאַסטירסקען גאָרטען. די פיערטע וואַנד איז הויל און גלאַט. אין פיעל ערטער אָפּגעקאַלופּעט און אָפּגעפאַלען די לעהם מיט די ציגעל, אַזוי אַז עס בעט זיך פערריכטען שוין לאַנגע יאָהרען. אַקעגען געפינען זיך הייזער מיט הייזעלעך, הויפען מיט הויפעלעך, אידישע און גוישע, און די שמאַלע גאַס, וואָס איז צווישען דער הוילער מאָנאַסטירסקער וואַנד און צווישען די הייזלעך, ווערד אָנ־גערופען די מאָנאַסטירסקע גאַס.

דאָרט, אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס, אין ווינקעל, וואו עס הויבען זיך אָן די בוימער, איז פאָרגעקומען דאָס ערשטע זעהעניש פון אונזערע ליעבענדע — רחל'ע און סטעמפּעניו.

די לעזער, וואָס זענען געוואָהנט געוואָרען צו די „העכסט־אינ־טערעסאַנטע ראָמאַנען“, האָבען נעבאָך געווּס אָנגעליטען זיך ביז אַהער פונ'ם דאָזיגען ראָמאַן, וואָס ס'איז נישטאָ אין איהם קיין שום ריהרענדיגע סצענעס און טרעפעונישען. קיינער שיסט זיך

ניט, קיינער סמ׳ט זיך ניט. מע בעגעגנט זיך ניט מיט קיין גראַפּעז און מיט מאַרקיזען. מע זעהט זיך אַלץ מיט פּראָסטע מענשלעך, מיט כלי־זמר גאָר און מיט געוועהנליכע אידישע ווייבלעך. די דאָזיגע לעזער קוקען שוין אוּדאי אַרוים אויף דעם שבת־צו־נאַכטס; זיי וואַרטען אויף אַ ציקאַווע־פּיקאַנטע סצענע אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס... איך מוז אָבער פאָראוים זאָגען, אַז זייער אַרויסקוקען איז אומזיסט: קיין שום ציקאַווע־פּיקאַנטע סצענעס וועט דאָ נישט זיין, וואָרום אונזער רחל׳ע איז געקומען אהער נישט חלילה ווי אַ בעל־עבירה׳ניצע, נישט ווי איין אויסגעלאַסענע וואָס לויפט זיך קושען אין דער פינסטער מיט איהר ליעבענדען... חס ושלום! רחל׳ע האָט נאָר געוואָלט פרעגען ביי איהם, ווי אַזוי האָט ער, סטעמפּעניו כלי־זמר, געהאַט אַ העזה, אַזאַ עזות, צו שרייבען איהר, רב אייזיק־נפתלי׳ס שנור, משה־מענדעל׳ס ווייב, אַ בריוועל, און נאָך אַזאַ בריוועל?!...

„איך מוז דאָס איהם פירהאַלטען! — האָט זי געטראַכט. — איך מוז דאָס איהם זאָגען איין מאָל פאַר אַלע מאָל! ווי זאָגט מען: „עס איז בעסער דער ערשטער רוגז“...

דער דאָזיגער געדאַנק איז איהר ניט געקומען פּלוצים. רחל׳ע האָט געהאַט צייט אַ גאַנצע וואָך, און נאָך מעהר — דעם גאַנצען טאָג שבת. אויף צו קלערען וועגען דעם, און אוי־וועה, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אינ׳ם דאָזיגען איינעם טאָג! וואָס פאַר אַ שרעקליכע מלחמה האָט זי אויסגעהאַלטען מיט׳ן יצר־הרע... ניין, דאָס וואָרט „יצר־הרע“ פּאַסט לחלוטין נישט אהער: ווי קומט דאָס צו איהר, צו אַזאַ אידיש ווייבעל, צו אַזאַ עהרליך ווייבעל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלעזען קיין ראָמאַנען און האָט נישט געוואוסט פון קיין ליעבעס, חוץ די מעשה מיט איהר חבר׳טע חיה־עטעל, עליה השלום, וואָס מיר האָבען וועגען איהר אויבען געשמועסט, — ווי קומט דאָס צו איהר יצר־הרע, ליעבע? — נאַרישקייטען! זי זאָל תּאַטש זיין אַ מיידעל, איז עפּים אַנדערש. פאַרט, ווי זאָגט מען, אַ פריי פויגעלע, נישט צוגעדעקט דעם קאָפּ, אַ מענשעל פאַר זיך.

אָבער אַ ווייבעל, און אַ פרום ווייבעל פון שענעם גראַד, פון הוילע יחוס! זי איז געווען אויף זיך אַליין להרוג ולאבד, פלאַם־פייער, און האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. אַט האָט זי זיך צו־געלעגט ביי זיך אויפ'ן בעט, אַט האָט דאָס זי אויפגעטראָגען, ווי איינעם, וואָס ליגט אויף אַ היציגער שלאַפקייט, עס ווערד איהם „מלאַסנע" אויפ'ן הארצען און עס נודעט איהם אַרוים די נשמה, — ער וואָלט נאָר געלאָפען אין דער וועלט אַריין... רחל'ע חאַפּט זיך אויף און נעמט זיך גאָר צום טייטש?חומש. זי עפענט?אויף די סדרה „וישלח", און — מערקווירדיג! איהרע אויגען שטעלען זיך אָפּ אויפ'ן פסוק: „ו ת צ א ד י נ ה ב ת ל א ה, איז דינה די טאָכטער פון לאה אַרויסגעגאַנגען זעהן די טעכטער פונ'ם לאַנד, האָט זי שכם דער זוהן פון חמור גענומען מיט גוואַלד. ו ת ד ב ק נ פ ש ו ב ד י נ ה, און שכם האָט זיך בעהעפט אין דינה. דער בחיי שרייבט: שכם האָט איהר איינגערעדט..."

אַזוי האָט רחל'ע אַריינגעקוקט אין איהר טייטש־חומש, וואָס די שוויעגער האָט איהר געשענקט נאָך בשעת זי איז געווען אַ כלה, און ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבען צו פערגעסען, אַז זי זיצט איבער'ן טייטש־חומש, און איהרע געדאַנקען האָבען זי פערטראָגען אַהין, צו סטעמפעניו'ן, אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס, אונטער די בוימער, וואו ער האָט איהר צוגעזאָגט וואַרטען — און ער וועט אודאי דאָרטען וואַרטען... נאָר קוים איז סטעמפעניו געקומען איהר אויף דער מחשבה, אַזוי האָט עס זי געצויגען צו איהם, ווי אַ מאַגניט, און זי האָט נישט פערשטאַנען וואָס דאָס איז.

„איך וואָלט איהם נאָר געוואָלט פרעגען, וואָס האָט ער צו מיר און וואָס וויל ער פון מיין לעבען האָבען?"...

און דאָ דערמאָנט זיך רחל'ע אין איהר חבר'טע חיה־עטעל, עליה השלום, ווי זי האָט נעבאָך געליטען איבער איהר בנימינ'ען... נאָר חיה־עטעל איז אָבער געווען בנימינ'ס איין אייגענע און איז געווען אַ מיידעל; אָבער זי, רחל'ע, איז דאָך איין „אשת־איש" (אוי־אוי, וואָס פאַר אַ הארב וואָרט דאָס איז פאַר אַ אידישער

טאַכטער!). און ער — ווער איז ער? אַ כלי־זמר! וואָס קעהר ער זיך מיט איהר אָן? וואָס פאַר אַ שמעלקע איז ער מיט איהר, וואָס ער שרייבט צו איהר בריוולעך? אַ פּאַטעפּאַלנאַסט פון אַ כלי־זמר'וק, אַ העזה אַביסעל פון אַ יונגאַטש!

„די וועלט זאָל זיך קעהרען — האָט זי ביי זיך אָפּגע'פּסק'עט — די וועלט זאָל זיך קעהרען, מוז איך דאָס איהם זאָגען! וואָס האָב איך מורא פאַר איהם? איך וועל זיך זעהן מיט איהם, איך וועל דאַרטען זיין. נישקשה, קיינער וועט מיך נישט זעהן. איך וועל זיך ארויסחאַפּען אויף אַ מינוט, ס'איז נישט ווייט, אַט באַלד אַט דאָ אָקעגען"...

און רחל'ע קוקט דורך דעם אָפענעם פענסטער אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס ארויס און זעהט די בוימער, די הויכע טאָפּאָליס, ווי זיי שטעהען שטאָלץ, און זי הערט די פויגעל, ווי שען זיי זינגען פון'ם גאָרטען ארויס. און איהרע מחשבות טראָגען זיך אינגאַנצען איבער אהין, וואו שפּעטער מיט אַ שעה, אָדער נאָך ווינציגער, וועט זי זיך זעהן מיט איהם און וועט רעדען מיט איהם אויג אויף אויג. און זי פיהלט, ווי דאָס הארץ הויבט איהר אָן צו קלאַפּען און צו צאַפּלען, און (דעם אמת, דעם אמת מוז מען זאָגען!) עס איז איהר גרוים די מינוטען — זי וואָלט שוין געהרען, עס זאָל שוין זיין נאכט. דער שוועהר מיט'ן מאַן וועלען קומען פון שוהל און וועלען אָפּמאַכען הבדלה, די שוויעגער וועט זיך נעמען איבערטהון און ליאַרעמען מכח דעם סאַמאָוואַר און מכח דעם באָרשט צו דער מלוה־מלכה — און אָט דעמאָלט וועט זי חאַפּען אויף זיך די שאַל און ארויסגעהן פּאַמעליך, אויף דער טיר, אַביסעל אויף דער גאַס, אַזוי, מעשה שפּאַציער, — ווער וועט זיך דאָס ארומקוקען אויף איהר? ביז זי וועט קומען אהין, וואו... אָך, עס ציטערט אויף איהר דאָס לייב, די בעקלעך פלאַמען איהר, און דאָס הארץ — אוי, דאָס הארץ! עס פאַלט איהר אָקערשט נישט ארויס, און וואָס ווייטער ציהט דאָס זי אַלץ מעהר אהין, אַזוי, אַז זי האָט שוין מעהר קיין זאַך נישט אין זינען. זי זעהט פאַר זיך קיין זאַך נישט, נאָר די בוימער פון'ם

מאנאסטירסקען גארטען, נאר סטעמפעניו׳ן מיט זיינע פלאם־פייערדיגע אויגען. זי הערט קיין זאך נישט, א חוץ דאס שענע זינגען פון די פויגעל, וואס דארט אין גארטען, און דאס געטליכע שפיעלען — סטעמפעניו׳ס. אין דער מינוט איז רחל׳ע אינגאנצען איבערגעגעבען צו איין געדאנק — אהין, צו סטעמפעניו׳ן, מיט סטעמפעניו׳ן, און קיין זאך אין דער וועלט איז נישט אימשטאנד זי איינצוהאלטען אין דער דאזיגער צייט...

XXIII.

דאס פייער ברענט און ווערד באלד פערלאשען.

און סטעמפעניו, קוים איז געווארען נאכט, אזוי האט ער די חברה כלי־זמר ארויסגע׳משלח׳ט אויף א „זמירות“,* האט קלאמפערשט גענומען דאס פידעלע אונטער׳ן ארעם, בכדי פריידעל זאל מיינען, אז ער איז אויך אויף דער חתונה. נאר ארויסגעגאנגען פון שטוב, האט ער דאס פידעלע איבערגעגעבען מעכטשי׳ן, און אליין האט עס איהם אוועקגעטראגען אין דער מאנאסטירסקער גאס אריין, און ארומגעגאנגען הין און צוריק אונטער דעם שאטען פון די בוימער, האט ער זיך אלע מינוט אפגעשטעלט, געקוקט אהין, פון וואנען עס האט בעדארפט אנקומען רחל׳ע די שענע. אז זי וועט זיין — דאס איז פאר איהם קיין ספק ניט געוועזן. דאס הארץ האט איהם געזאגט, אז יא. ער האט עס גוט ארויסגעזעהן נאך איהרע

---

* דעם שבת־צו־נאכטס, וואס פאר דער חופה, קלויבען זיך צענויף מיידלעך צו דער כלה טאנצען — און דאס הייסט „זמירות“; אין אנדערע ערטער הייסט עס גלאט „שבת־צו־נאכטס“.

אויגען דעמאָלט, אַז זיי האָבען זיך געזעהן ביי פריידל'ען בעת מעסטען די קאַרעלען.

און סטעמפעניו האָט נישט געהאַט קיין טעות: עס איז נימ אוועקגעגאַנגען קיין פופצעהן מינוט, האָט ער דערזעהען פון יענער זייט גאַס שוועבט איינע מיט אַ ווייס טיכעל אויפ'ן קאָפּ. זי געהט געשווינד און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטען. דאָס ווייסע טיכעל איז איהר אַנגערוקט ביז כמעט איבער די אויגען, און עס ציטערען איהר די הענד, די צייהן אין מויל, דאָס האַרץ אין דער ברוסט און דאָס גאַנצע לייב. זי קוקט זיך גוט איין, זי בלייבט שטעהן, זי דערזעהט סטעמפעניו'ן און טהוט זיך אַ לאָז צו איהם מיט די ווערטער:

— מיט וואָס פאַר אַ העזה, פרעג איך אייך...

— זאָג מיר ניט „איהר", רחל'ע, זאָג מיר „דו"... — האָט איהר סטעמפעניו געענטפערט און האָט זי אָנגענומען ביי ביידע הענד און האָט איהר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגען אַריין. רחל'ע האָט דערזעהן אין זיינע אויגען פונקט דעם זעלבען גלאַנץ פון די שטערען, וואָס האָבען אַראָפּגעקוקט אין דער דאָזיגער שענער זו־מער־נאַכט פונ'ם טונקעל־בלויען הימעל... אַלע מאַזעפּעווקער אידען האָבען אָפּגעמאַכט הבדלה און האָבען געזונגען, ווי דער שטייגער איז, די „אליהו'ס", געזיפצט און געטראַכט, געדאַרט דעם מוח אויף דער וויסטער פּרנסה, זיך געוויינשעוועט דעם זכות פון יענעם חסיד, וואָס האָט געטראָפען דאָס גליק צו בעגעגענען זיך מיט אליהו הנביא און אָפּגעבען איהם שלום און אָפּנעמען ביי איהם שלום. די מאַזעפּעווקער ווייבער וואַרפען־אַראָפּ די שלייערס פונ'ם קאָפּ, טהוען־אויס די שבת'דיגע קליידער, די ציערונג, און נעמען זיך צו דער וואָכעדיגער אַרבייט. מיט איינעם וואָרט, מאַזעפּעווקע איז פערנומען אַרויסצובעגלייטען דעם ליעבען שבת־קודש — און קיינעם קומט גאָר ניט אויף די געדאַנקען, אַז אין דער צייט שטעהט רחל'ע דוואָסי־מלכה'ס שנור מיט סטעמפעניו דעם כלי־זמר אויף דער מאָ־נאַסטירסקער גאַס און האָבען צווישען זיך אַ שמועס מכח עפּיס

גאָרנישט קיין אידישע זאכען... נאָר דער בלויער הימעל, די העלע שטערען, וואָס זוקען־אראָפּ מיט זייער גלאַנץ, נאָר די הויכע מאָנאַסטירסקע טאָפּאָלים, נאָר די נאַכט־פויגלען אינ'ם גרויסען מאָנאַסטירסקען גאָרטען, וואָס רופען זיך איבער אויף זייער לשון, — נאָר זיי הערען און זעהן דאָס אַלץ צו; נאָר זיי ווייסען, אַז אין דער דאָזיגער שענער צויבערליכער נאַכט, אונטער די מאָנאַסטירסקע בוימער, אויף דער גוישער גאַס, און אָט דאָ נעבען סטעמפעניו'ן, האָט זיך רחל'ע געפונען אין אַזאַ מין נייער לאַגע, אַז זי האָט זיך גאָר פערגעסען, ווער זי איז און וואָס זי איז. דאָ, אויף דער שענער פרעכטיגער נאַטור, האָט זיך רחל'ע געפיהלט אַזוי, ווי נאָך קיינמאָל ניט אין איהר לעבען. דער פּחד, וואָס איז אויף איהר געפאַלען בשעת זי איז אַהער געגאַנגען, האָט פּלוצים אָפּגעטראָטען פון איהר, און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז עס זענען ביי איהר אויסגעוואַכסען פליגעל און זי איז פריי, ווי אַ פויגעלע, און קאָן פליהען, פליהען... סטעמפּעניו האָט זיך צוגערוקט צו איהר נעהענטער און האָט אַנידערגעלעגט זיינע הענד ביי איהר אויף די אַכסלען. רחל'ע האָט אַ ציטער געטהאָן. זי האָט געוואָלט אָפּטרעטען פון איהם, נאָר זי האָט דאָס ניט געטהאָן. זי האָט נאָר אַ קוק געטהאָן אויף סטעמפּעניו'ן, און פון איהרע ליכטיגע בלויע אויגען האָבען אראָפּגערונען צוויי טרערען.

— וואָס וויינסט דו, רחל'ע? — האָט סטעמפּעניו אַ פרעג געטהאָן, אָפּווישענדיג איהר די טרערען מיט זיינע הענד.

— אַך, סטעמפּעניו, עס איז מיר אַזוי גוט אָט דאָ, נעבען... אייך... נעבען... דיר, סטעמפּעניו! פאַר וואָס בין איך... פאַר וואָס בין איך ניט...

— מיינע, ווילסט דו זאָגען? ביזט מיינע, רחל'ע, ביזט מיינע!

— וואָס הייסט, איך בין דיינע, סטעמפּעניו? ווי אַזוי קאָן דאָס זיין?

— דו ביזט מיינע, פארשטעהסט דו מיך, הארץ מיינס, ווייל איך בין דיינער אויף תמיד, אויף אייביג, ביז'ן פינסטערען גרוב, ביז'ן קבר אריין בין איך דיינער, לעבען מיינס!

— בנימין האט אויך אזוי געזאגט, האט זיך געשווארען — און צום סוף...

— וואסער בנימין? — האט זי סטעמפעניו פערוואונדערט א פרעג געטהאן, געקוקט רחל'ען אין די אויגען אריין, ווי מע קוקט אויף א קליין קינד, ווען עס זאגט א ווילדע נארישקייט. — פון וואס פאר א בנימין רעדסט דו, נשמה מיינע?

— בנימין, חיה־עטעל'ס געשוועסטער־קינד. מיין חבר'טע חיה־עטעל די יתומה האט געהאט א געשוועסטער־קינד, וואס האט גע־הייסען בנימין, האבען זיי אפגערעדט פון לאנג, אז זיי זאלען זיך נעמען; ער האט איהר צוגעזאגט, געשווארען ביי זיינע הייליגע נאמנות — און צום סוף... אך, האט זי געהאט א מיאוס'ען סוף, חיה־עטעל נעבאך, זי איז שוין לאנג געשטארבען, עליה־השלום, לאז זי מיר מוחל זיין... נאר בנימין איז ביי איהר געווען דאס חיות, זי איז אויסגעגאנגען נאך זיינע טריט. זי האט דאס מיר אליין דער־צעהלט... זי שטעהט מיר פאר די אויגען, און עס ווייזט זיך מיר אויס, אז אט זיצט זי ביי'ם פענסטער, איך זינג איהר ליעדלעך, און זי וויינט און זאגט אלץ: „אי, גלויב זיי ניט, מע טאר זיי ניט גלויבען, די מאנסבילען!"...

רחל'ע דערצעהלט פון איהר חבר'טע חיה־עטעל די יתומה, און סטעמפעניו קושט רחל'ען די הענד, גלעט זי, האלזט זי, קוקט איהר אין די אויגען אריין — און רחל'ע דערצעהלט אלץ פון חיה־עטל'ען, ווי אזוי זי איז שטילערהייד אויסגעגאנגען, ווי א ליכט, נאך איהר ליעבען טייערען בנימינ'ען...

חיה־עטעל איז שוין געווען פון עטליכע יאהר טוידט, נאר רחל'ע האט זי גוט געדענקט. חיה־עטעל איז איהר אפטמאל גע־קומען צו חלום. אצינד האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז חיה־עטעל שטעהט פון יענער זייט וואנד, אנגעטהאן אין תכריכים, און קוקט־

אריבער אהער און ווינקט צו איהר, אָנוויזענדיג איהר אויף סטעמ־פעניו'ן און שאַקלענדיג מיט'ן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „וואָס טהוסט דו דאָ?“...

— צו וואָס טויג עס דיר, רחל'ע מיין לעבען, צו וואָס טויג דיר רעדען, דערמאָנען אזעלכע זאַכען, און נאָך אַקעגען נאַכט? טהו בעסער אַ קוק אויף מיר מיט דיינע שענע ליכטיגע אויגען, וואָס לייכטען און בלישטשען, ווי צוויי שענע ברילּיאַנ...

סטעמפעניו האָט נאָך ניט אויסגערעדט דאָס לעצטע וואָרט, האָט זיך רחל'ע ארויסגעריסען פון זיינע הענד מיט אזא שטאַר־קייט, אז סטעמפעניו האָט זיך איבערגעשראָקען פאַר איהר.

— גאָט איז מיט דיר, רחל'ע, וואָס איז דיר אזוינס געשעהן?

ער האָט זי געוואָלט חאַפּען ווידער אַ מאָל, נאָר זי האָט זיך ניט געלאָזט. זי האָט געציטערט און געשעפּטשעט: „דו זעהסט? אָן איז זי!... אָן שטעהט זי!... אָן קוקט זי אהער, אהער“...

— ווער שטעהט? וואו שטעהט? וואָס רעדסט דו דאָס, רחל'ע? נשמה מי נע, קום צו מיר, נאָ דיר אַ האַנד...

— אי! לאָז מיך, לאָז מיך, סטעמפעניו, לאָזט מיך! איהר זעהט, אָן שטעהט עפּיס אַ ווייס? אָך, ס'איז זי, ס'איז חיה־עטעל! חיה־עטעל!... אוי, לאָזט מיך, לאָזט מיך!... מיט וואָס פאַר אַ העזה פרעג איך אייך... אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע...

און רחל'ע איז פערשוואונדען געוואָרען אינ'ם שאָטען פון די בוימער. סטעמפעניו האָט נאָר געקאָנט זעהן, ווי צוויי עקען פון דער ווייסער שאַל, וואָס האָבען זיך צעלאָזט פונ'ם ווינד, האָבען אויסגעוויזען, ווי צוויי ווייסע פליגעל. אָט אזוי ווערד אַנטרונען אַ גוטער מלאך, אָט אזוי ווערד פערשוואונדען אַ גוטער חלום...

אַ, אידישע טאָכטער! אָט דאָ האָסט דו זיך בעוויזען מיט דיין עהרליכקייט, מיט איינגאַנצען דיין ריינקייט. אַ, אידישע פרוי! אָט דאָ האָסט דו זיך בעוויזען מיט דיין גאַנצער געטריישאַפט, מיט דיין גאַנצער איבערגעבענהייט!...

געקומען אהיים, האָט רחל'ע געוואָלט פאַר אַלע אויסזאָגען, אויסשרייען, וואו זי איז געווען און מיט וועמען זי האָט זיך גע־זעהן. נאָר זי האָט געטראָפען דאָס גאַנצע הויזגעזינד זיצען ארום טיש מיט נאָך עטליכע געסט ביי א גרויסען סאַמאָוואַר, פערטיעפט אין א וויכטיגען שמועס פון געשעפט, ווי דער שטייגער איז שבת־צו־נאַכטס ביי אידען צענויפקלויבען זיך ערגיץ, און נאָך דעם גאַנ־צען מעת־לעת, וואָס מע האָט גערוהט, שמועסען אביסעל וועגען מסחר, וועגען מאָרגענדיגען יריד, און גלאַט אַזוי וועגען וועלט־זאכען.

— איך וועל זיך ניט „טאַשען“.* — האָט געזאָגט א גראָב אידעל, א שניט־קרעמער. — לאָז דאָס געהן אין דער ערד אריין! איך בין קלאָר אין די ירידים גאַנץ גענוג! נאָר גריזאַטע מיט הארצ־וועהטיג קאָן מען פון אזעלכע ירידים האָבען!

— פאַר וואָס? — רופט זיך אָן דוואָסי־מלכה, האַלטענדיג די הענד צענויפגעלעגט אונטער'ן האַרצען. — איך ווייס ניט פאַר וואָס, רב יודעל, איהר זענט אַזוי ברוגז אויפ'ן יריד? פאַראַכטאָגען האָב איך ביי אייך געזעהן, קיין עין־הרע, א שפע, אויף אַלע אידען גע־זאָגט געוואָרען! איהר האָט, דאַכט זיך, א גאַנצען טאָג געלייזט געלט?

— ביי דיר הייסט אַלסדינג געלייזט געלט! — האָט זיך אָפּ־גערופען אייזיק־נפתלי, נישט קוקענדיג אויפ'ן ווייב און וואַרפענ־דיג אויף ביינדלעך פון די „שטשאָטעס“.

— און איך וואָלט זיך געוואונשען ניט קיין ערגערען יריד, ווי פאַראַכטאָגען זונטאָג. — האָט זיך אָנגערופען משה־מענדעל, געקוקט אין די חשבונות אריין. — וואָס דאַרף מען דאָ לייקענען, פאַר־שטעה איך ניט?

---

* „טאַשען“ הייסט אויף קרעמער־לשון — זיך שטעלען אויפ'ן יריד מיט א קראַם.

— אָט דאָס איז טאַקי די מעשה, — זאָגט יודעל — אַז איהר ווילט ניט גלויבען יענעם. ביי איך, אַז מע דערזעהט צעהן ערלים געהען זיך צענויף און מע צעטראָגט מיר שיער די קראָם, הייסט דאָס שוין געלייזט געלט, און מע פאַרגינט שוין נישט.

— ווייסט איהר וואָס, רב יודעל? — רופט זיך אָן אַ יונגער־מאַן, אַ קאַסאָקער אויף ביידע אויגען. — לאָמיר אָוועקוואַרפען דעם יריד, עס איז נאָך דאָ מאָרגען אַ גוטער טאָג, און מע וועט זיך נאָך מיט איהם גוט אָנעסען; לאָמיר בעסער שמועסען פון עפּיס אַנדערש.

און דער עולם הויבט אָן צו שמועסען וועגען וועלט־זאַכען, וועגען אתרוגים, וועגען בית־המדרש־עניִנים, געוועהנליך, אויך וועגען מלחמה. אַלע רעדען, אַלע רויכערען, דער סאַמאָוואַר זידט און פּאַרעט און די שטוב איז פול מיט רויך. אין אויווען הייצט זיך: עס קאָכט זיך אַ באָרשט מיט געגזענע פריידקעס צו דער מלוה־מלכה.

— וואו ביזט דו געווען, רחל'ע? — האָט זיך דוואָסי־מלכה געווענדט צו דער שנור.

— אָט דאָ... אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס...

— ווי אַזוי איז אין דרויסען? שען? גאָט זאָל העלפען, עס זאָל חאָטש האַלטען ביז נאָך אַלע ירידים... וואָס איז דיר, טאָכטער, דער קאָפּ טהוט דיר וועה, וואָס דו ביזט אַזוי בלייך? טאָמער וואָלסט דו זיך אַביסעל צוגעלעגט ביי זיך אויפ'ן בעט?

ביי די ווערטער האָבען זיך אַלע אומגעדרעהט און אַ קוק געטהאָן אויף רחל'עס בלייך פּנים און האָבען אַלע אין איין קול בעשלאָסען, אַז זי איז פערטשאַדעט געוואָרען פונ'ם סאַמאָוואַר. רחל'ע איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין חדר אַריין זיך צולעגען אויפ'ן בעט.

און דאָ האָט דער עולם געמאַכט אַ שמועס וועגען טשאַד. וואָס אַ טשאַד, אַזאַ קלייניגקייט, אַ גאַלע גאָרניט, דאַכט זיך, — וואָס, משטיינס געזאָגט? אַ רויך! — קאָן קוילען אַ מענשען אויף טויט. און איינער האָט דערצעהלט, אַז ביי זיין זיידען עליו השלום איז אַמאָל שיער דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון דער וועלט נישט געגאַנגען

פון א טשאַר. דער אַנדערער האָט דערצעהלט נאָך א שענערע מעשה, ווי אַזוי ביי זיין פעטער האָט זיך דאָס גאַנצע הויזגעזינד שיער געסמ'ט פון א מין פיש, וואָס הייסט „מארינקע", אַזוי, אַז מע האָט זיי קוים מציל געווען פונ'ם טוידט. דער דריטער האָט דער־צעהלט אויך זעהר א שענע מעשה פון א לץ, פון א דאָמאָוויק, פון א עולם־התוהו'ניק... אַזוי לאַנג, ביז מען איז אַרויף אויף דעם טוידט.

— וואָס מע זאָל נים רעדען, אויפ'ן טוידט מוז מען דאָך אַרויפ־קומען! — האָט זיך אָנגערופען איינער.

— אליהו הנביא, מע דאַרף א קוק טהון, אליהו התשבי, וואָס טהוט עפּיס מיין פּלונית'טע? אליהו הגלעדי... — האָט זיך משה־מענדעל פּלוצים שטיל א זאָג געטהאָן, צוגעזונגען די אליהו'ס פון שבת־צו־נאַכטס. ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש און איז גע־גאַנגען געוואָהר ווערען צו רחל'ען.

XXIV.

רחל'ע קעהרט זיך אום אויפ'ן גלייכען וועג.

— גוואַלד, אידען, ראַטעוועט! — האָט דער עולם דערהערט א קול פונ'ם זייטיגען חדר, און אַלע האָבען זיך געלאָזט לויפען אַהין, אין חדר אריין, וואו רחל'ע איז געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן בעט, דעם קאָפּ פערוואָרפען אַרויף, און נעבען איהר איז געשטאַ־נען משה־מענדעל האַלב־טוידט.

— וואָס איז? ווער איז? גע'חלש'ט? וואסער! גיכער!

— וואסער! וואסער! — האָבען אַלע אידען געשריגען און קיינער האָט זיך נישט גערוהרט פונ'ם אָרט.

— אוי, אַ מכה דער מאַמען! — האָט דוואָסי־מלכה אויסגעשריגען און האָט געבראַכט אַ קוואָרט וואַסער, אַנגענומען אין מויל־אריין און בעשפּריצט רחל'ען דאָס פּנים, וואָס איז געווען טוידט, ווי די וואַנד.

— לאָז מען רופען דעם דאָקטאָר! — האָט משה־מענדעל געשריגען ניט מיט זיין קול.

— דעם דאָקטאָר! דעם דאָקטאָר! — האָבען ווידער אַלע אידען געשריגען, געקוקט איינער אויפ'ן אַנדערען.

— מע באַדאַרף איהר בינדען די הענד מיט אַ פּאַטשיילע און קוועטשען די נאָז!

— די נאָז! די נאָז! — האָבען אַלע אידען געשריגען און געשטאַנען אויף איין אָרט.

— אָט אזוי, דוואָסי־מלכה, שטאַרקער, שטאַרקער! — האָבען די געסט אונטערגעגעבען חשק דער בעל־הבית'טע, וואָס האָט געאַרבייט מיט אַלע כלים: געריבען, געקוועטשט, געגאָסען וואַסער, געריסען די אויגען — אזוי לאַנג, ביז מע האָט די פער'חלש'טע רחל'ע אָפּגעמינטערט און אויפגעזעצט. רחל'ע האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען, ווי אַ פערשלאָפענע, און האָט געפרעגט: „וואו בין איך? עס איז מיר הייס, הייס!"...

— צעגעהט זיך אביסעל, עולם! צעגעהט זיך! — האָט דוואָסי־מלכה געזאָגט און האָט משלח געווען דעם גאַנצען עולם אין זאַל־אריין און איז אַליין מיט משה־מענדל'ען איבערגעבליבען נעבען רחל'ען, וואָס האָט ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון משה־מענדל'ען.

— וואָס איז דיר, טאָכטער, געשעהן? — האָט די שוויגער געפרעגט.

— וואָס איז דיר, רחל'ע? — האָט זי משה־מענדעל געפרעגט, אַנגעבויגען זיך שטאַרק איבער איהר קאָפּ.

— לאָז די מאַמע ארויסגעהן פון דאַנען, — האָט איהם רחל'ע געענטפערט שטילערהייד.

— מאמע, גנעה, זיי מוחל, ארוים פון דאנען, — האט איהר משה־מענדעל געזאגט. ער האט בעגלייט די מוטער פונ'ם חדר און צוגעגאנגען צוריק צו רחל'עס בעט.

— זאג מיר, וואס איז דיר? — האט זיך צו איהר משה־מענ־דעל געווענדט דאס ערשטע מאל מיט גרויס ליעבשאפט.

— אוי, משה־מענדעל, שווער מיר, אז דו וועסט קיינעם ניט זאגען... שווער מיר, אז צווישען אונז וועט דאס בלייבען... זאג מיר צו, אז דו וועסט מיר מוחל זיין, וואס איך האב זיך אקעגען דיר... ווען ניט חיה־עטעל, עליה השלום, זאל מיך דערמאנען... אך, ווען ניט חיה־עטעל... אך, משה־מענדעל, טייערער מיינער!

— באטראכט זיך, רחל'ע, וואס דו זאגסט. דו רעדסט פון היץ! וואסער חיה־עטעל?

— מיינע א חבר'טע, חיה־עטעל, עליה השלום, חיה־עטעל די יתומה, זי איז שוין לאנג אויף דער אמת'ער וועלט! זי איז מיר שוין עטליכע מאל געקומען צו חלום. נאר היינט, נאר איצט... אך, משה־מענדעל, בויג זיך צו מיר צו נאהענט, נאהענט... אט אזוי... איך האב מורא... איך האב חרטה... אוי, איך האב חרטה!

און רחל'ע האט זיך וואס ווייטער אלס נעהענטער צוגערוקט צו משה־מענדל'ען ביז זי איז אינגאנצען געלעגען ביי איהם אויף די הענד. אין חדר איז געווען פינסטער. נאר איין ליכטיגער פאס האט זיך אריינגעצויגען דורך דער טיר פון זאל, און רחל'ע מיט משה־מענדל'ען האבען קוים־קוים געקאנט זעהן איינס דאס אנדערע. זייערע אויגען האבען זיך בעגעגענט, און א פייערעל האט זיך אין זיי אנגעצונדען, אט דאס פייערעל, וואס איהר קאנט זעהן נאר ביי די גליקליכע געליעבטע צום ערשטען מאל, ווען דאס הארץ רעדט, בישט דאס מויל, ווען מיט די אויגען שמועסט מען זיך דורך, ניט מיט'ן מויל.

— זאג מיר, משה־מענדעל געטרייהער, בין איך טאקי ביי דיר אזוי טייער?

— אַ שאלה אביסעל? — ענטפערט איהר משה־מענדעל. — ביזט ביי מיר איינגעבאַקען אין הארצען, ווי אַ... איך ווייס אַליין ניט וואָס...

אויף איין אנדער אופן האָט משה־מענדעל ניט געקאָנט ארויס־זאָגען זיין ליעבע צו רחל׳ען. נאָר מע מעג איהם גלויבען, אז ער האָט עס געמיינט מיט׳ן גאַנצען הארצען, אזוי ערנסט (און אפשר נאָך ערנסטער), ווי דער פיינער בחור, וואָס האָט פיעל מעהר שטאָף אויף ארויסצוגעבען זיינע געפיהלען דורך ווערטער.

נאָר לאָמיר זיי לאָזען, דאָס גליקליכע פּאָרפאָלק, אָט דאָ אינ׳ם האלב־פינסטערען חדר, וואו אין אַ יאָהר ארום נאָך דער חתונה האָבען זיי דאָס ערשטע מאָל געהאט די געלעגענהייט אויסצורעדען זיך אביסעל דאָס הארץ איינער פאַר דעם אנדערען, זיצען ווי די טייבעלעך. דאָס, וואָס איז אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר געווען פער־באָרגען טיעף אין הארצען, איז פּלוצים ארויסגעשוואומען ארויף, ווי בוימעל אויפ׳ן וואסער.

* * *

אבי רחל׳ען איז געוואָרען אביסעל גרינגער, זיצט זיך משה־מענדעל נעבען איהר און זינגט זיך שטילערהייד, אונטער דער נאָז, די „אליהו׳ס“, ווי פריהער:

— אליהו הנביא... אליהו התשבי... אליהו הגלעדי...

און רחל׳ע רופט זיך אָן צו איהם:

— איך האָב צו דיר אַ בקשה, משה־מענדעל. זאָג, איך וועל ביי דיר פועל׳ען, צי ניין?

— דהיינו? וואָסער אַ בקשה? זאָג, רחל׳ע, וועסט אַלץ ביי מיר פועל׳ען. אפילו דאָס טעלערעל פונ׳ם הימעל וועסט דו ביי מיר פועל׳ען.

— געגוג שוין, משה־מענדעל, צו זיצען אויף קעסט. קיין בית־המדרש׳ניק ביזט דו ניט, עטליכע קערבלעך האָבען מיר, דאַנקען

גאָט, — לאָמיר אַרויספאָהרען אין אַ גרויסער שטאָדט אַריין, קיין יעהופּעץ. דאָרטען, צווישען מיינע פריינד, מיין משפחה, און מיט דיר — וועט מיר זיין גוט ווי די וועלט. מיר וועלען שוין זיין אליין. גענוג שוין עסען קעסט, כלעבען, ס׳איז מיר שוין אַזוי נמאס, אַזוי טריף, אַז סע געהט מיר ניט איין גאָרניט... מיר זענען דאָ צווישען דייגיגע עפּיס ווי פרעמדע, ווי ווילד־פרעמדע...

משה־מענדעל בלייבט זיצען און בעטראַכט אַביסעל רחל׳ען פערוואונדערט. נאָכדעם צעשאָקעלט ער זיך, ווי פריהער, און זינגט זיך ווייטער די אליהו׳ס.

— אָך, זעהר פיין, איש זעף, פון מיינעטוועגען? אליהו הנביא... אפילו נאָך־שבת׳דיגע וואָך!

— אַלסדינג פיהר איך ביי דיר אויס, משה־מענדעל, אַלס־דינג! — זאָגט צו איהם רחל׳ע מיט גרויס ליעבשאַפט. — איאָ? מיר וועלען זיך זיצען אַליין, איך וועל מיר זיין אַ בעל־הבית׳טע און וועל דיך אָפּהיטען, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון׳ם אויג... אָך, משה־מענדעל, ביזט אַזאַ צעטראָגענער, אַז מע הערט פון דיר קיינ־מאָל קיין גוט וואָרט! נאָר היינט ביזט דו עפּיס גאָר אַנדערש, גאָר אַנדערש...

— אליהו הנביא... — זינגט משה־מענדעל שטילערהייד. — אליהו התשבי... אליהו הגלעדי...

און דאָרט, אין זאַל, צווישען די מאַנסבילען, געהט איין אַנדער שמועס: דער עולם פאַלט אויף פערשיעדענע המצאות, פאַר וואָס האָט דאָס אייזיק־נפתלי׳ס שנור פּלוצים געקאַנט חלש׳ען? איינער זאָגט, אַז דאָס איז פון אַ גוט אויג; דער אַנדערער דרינגט פער־קעהרט, אַז ס׳איז אַ מין ווינטעל געהאַפּט; און דער דריטער, אַ בעטאָגטער איד, וואָס האָט שוין אויסגעגעבענע קינדער, זאָגט זיך זיין המצאה:

— פאָלגט זשע מיך, איך האָב אַליין דריי שניר, בין איך שוין קלאָר אין דעם ענין; איך זאָג אייך, ס׳איז „פּאָסטעוועקעס“. איי־זיק־נפתלי, גרייט זיך אויף אַ לעקאַך־און־בראָנפען, אָדער אַ ברית...

דוואַסי־מלכה, מזל־טוב אײַך! אײַער שנור — נו־נו, מהכתיתי!... וואָס שעהמט איהר זיך דאָ אַזוי, דוואַסי־מלכה? נישקשה, ס'איז אַ אידישע זאַך...

דוואַסי־מלכה שמעלצט זיך פון גרויס פערגעניגען; זי קוקט שוין לאַנג דערויף אַרויס.

— נו־נו! — זאָגט זי כלומרשט מיט אַ בייזער. — געהט שוין געהט מיט אײַערע קאַטאָוועסלעך! מע דאַרף בעסער אַ קוק טהון, וואָס הערט זיך מיט'ן באָרשט? עפּיס געדויערט ער היינט ביי איהר מעהר ווי אַלע שבת־צו־נאַכטס!...

XXV.

אין אַ יאָהר אַרום.

„אַ שטילע וועטשערע!“ — זאָגט דער לעזער, אַפּנים, שטאַרק ניט צופריעדען, מחמת ער איז דערצויגען געוואָרען אויף יענע „העכסט־אינטערעסאַנטע“ ראָמאַנען, וואו מע הענגט זיך און מע טרינקט זיך, וואו מע סמ'ט זיך און מע שיסט זיך, אָדער וואו פון אַ מלמד ווערד אַ גראַף, פון אַ דיענסטמיידעל — אַ בת־מלכה, און פון אַ בעהעלפער — אַ פּיפּערנאָטער... וואָס זאָל איך טהון, אַז ביי אונז איז נישטאָ קיין גראַפען מיט קיין בת־מלכה'ס? ביי אונז זענען פאַרהאַן פּראָסטע אידען, פּראָסטע ווייבלעך, אידישע טעכטער און אידישע כלי־זמר... נאָר צו וואָס טויג דאָס פערענטפערען זיך? אַצינד מעג שוין דער לעזער זאָגען וואָס ער וויל; קוים האָב איך איהם שוין צוגעפיהרט ביז אַהער, וועט ער שוין געהן מיט מיר ווייטער און וועט וועלען וויסען דעם סוף, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט רחל'ען? וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט סטעמפּעניו'ן?

מיר לאָזען איבער אַ גאַנץ יאָהר (וואָס איז אַ יאָהר אין'ם מענשען'ס לעבען?) און מיר קומען צו אײַזיק־נפתלי'ן שבת־צו־נאַכטס

אויף מלוה־מלכה און טרעפֿען דאַרטען די אייגענע פֿאַרשווינען, וואָס פֿאַר אַ יאָהרען, און הערען די זעלבע שמועסען, וואָס פֿאַר אַ יאָהרען, נישט געמינערט אַ האָר. מע רעדט אַזוי לאַנג וועגען ירידה, פּרנסה, פּדיון, קינדער, — ביז מע קומט אַרויף אויף משה־מענדל׳ען מיט רחל׳ען, וואָס זיצען איצט אין יעהופּעץ.

— ווייז נאָר אהער, דוואָסי־מלכה, דאָס בריוועל, וואָס די קינדער שרייבען פֿון יעהופּעץ? — רופֿט זיך אָן אייזיק־נפֿתלי צום ווייב. — נאָט, לייענט, רב יודעל.

— לאָז ער לייענען! — זאָגט יודעל, אָנווייזענדיג אויפ׳ן קאַסאַקען יונגענמאַן.

דער קאַסאַקער נעמט דאָס בריוועל און לייענט עס, ווי אַ וואַסער:

„שלום וכל טוב סלה לאהובי אָבי החכם המפורסם המופלג מופלא מוהר״ר אייזיק־נפתלי ב״ר משה יוסף ז״ל, ולאמי הצנועה החסידה והמפורסמת אשת חיל כאסתר וכאביגיל כש״ת מרת דוואָסי־מלכה בת משה־מענדעל ז״ל, עם כל ב״ב שלום...

„כזוהר השמש בערפלי חושך בתכלת הרקיע, שם בעליונים בגבהי שחקים מבין מחרכי אור יקרות וקפאון לטוהר...“

— ניין! — שרייען אַלע. — ניין, נים דאָס! דאָס איז גלאַט אַזוי, ווייס איך, מליצה, יונגעלשע זאַכען. זייערע נאַרישקייטען! לייענט ווייטער, אויף יענער זייט.

דער קאַסאַקער קעהרט־איבער דאָס בריוועל און לייענט:

„און אודות, וואָס דו פֿרעגסט מיך, אָבי היקר, איך זאָל דיר שרייבען מכח פּרנסה והמסחרים דפה יעהופּעץ, בין איך דיר מודיע...“

— אָ, אָט דאָס מיינט דער פּסוק! — זאָגט דער עולם צופֿריעדען. — לייענט, לייענט ווייטער!

„...בין איך דיר מודיע, אַז ביותר געהט דאָ אָן שניט־סחורה, גם צעלניק, רק צעלניק נישט אַזוי, כמו שניט־סחורה. גם באַקאַליע איז גם כן נים שלעכט, נישט ערגער ווי אצליכם במאַזעפּעווקע.

וואָל־צייג איז דאָ ביוקר, טאַקי מיט גאָלד גלייך. צוקער, קמח וקלייען איז דאָ גם כן אַ מסחר, עס געהט לזאַגראַניצע, און אידען פערדיענען דערביי אַ שען קערבעל. הכלל, יעהופעץ איז איין ארץ מבורכת, די שטאָדט גופא איז מורא׳דיג גרויס, ס׳איז כדאי זי אָנצוקוקען. עס איז כלל איין אַנדער וועלט בפה יעהופעץ, איהר קאָנט בפה בעגעגענען אַזאַ אידען, וואָס איהר וועט אין לעבען ניט זאָגען, אַז ס׳איז אַ איד. גם איז דאָ אַ מסחר פּאַפּיער. פּה איז אַלם־דינג אַ מסחר. און אידען דרעהן זיך דאָ אויף דער בערזע, קויפען און פערקויפען אַלערליי אַקציעס, און מעקלערס פערדינען געלד לרוב. גם זוגתי מרת רחל׳ע לאָזט אייך אַלעמען גריסען גאָר פריינד־ליך. זי שרייבט אייך בעצמה. יעזור השי״ת, מיר זאָלען הערען פון אייך גם כן בשורות טובות — אָמן. גם אודיעכם, אַז הקלייט, וואָס איך האָב געדונגען, איז איין סאַמע פראָנט באַלעכסנדראָווסקי אולי־צאַ, און הפדיון איז, ברוך השם, גאָר ניט שלעכט. זוגתי מרת רחל׳ע שתחיה האָט זיך שוין אויסגעלערענט די מלאכה און קאָן שוין רעדען עם הקונה. רק על ירידים איינקויפען פאָהר איך בעצמי, איך האָב קרעדיט אצל הסוחרים במאָסקווע ובלאָדז. מיט מאָסקווע איז ניט שלעכט צו האַנדלען, מאָסקווע פערקויפט על סאָוועסט און האָט ליעב אַ אידישען קונה. אַפילו אַז עס מאַכט זיך איין אַנ־זעץ, האַלט מאָסקווע אונטער און לאָזט ניט פאַלען. דירות איז פּה ביוקר גדול. פאַר צוויי אַלקערס מיט אַ קיך צאָהל איך דאָ הונדערט פינף און זיעבעציג רובעל אַ משך, חוץ האָלץ און וואַסער, און דאָ איז אַלסדינג טייער מיט גאָלד גלייך. און צום מיינסטענס פערנעמען זיך דאָ אידען מיט מעקלעריי און אידישע מעקלערס זענען בפה פאַרהאַן לרוב, און אַ איד האָט דערפון אַ קערבעל בכבוד. הכלל, יעהופעץ איז אַ מקום פרנסה. געב גאָט געזונד און שטאַר־קייט און צו הערען דאָס נעמליכע פון אייך, ווי עס ווינשט אייך

ממני בנכם דורש שלומכם והצלחתכם כל הימים משה־מענדעל בלא״א מוהר״ר אייזיק־נפתלי ממאַזעפּעווקע.

גריסען לדודי היקר ולדודתי היקרה עכב״ב.

גריסען להנגיד ר׳ יודעל עכב״ב.
גריסען להנגיד ר׳ שמחה הערש עכב״ב.
גריסען להנגיד ר׳ דובער עכב״ב.
גריסען להנגידה מרת סטיסי־ביילע עכב״ב.
גם בני יוסף נ״י גריסט אייך אלעמען גאר פריינדליך.

הנ״ל״.

„אויך איך לאז גריסען מיין האכגעשעצטען שוועהר און מיי־נער ליעבער שוויעגער, לעבט וואהל! איך מעלד אייך פון מיין געזונט, געב גאט אויף ווייטער ניט ערגער. אויך מיין יוסעלע לאזט אייך גריסען און דאנקט דער שוויעגער לעבען פאר׳ן העמדעל פיעל מאל. ער זאגט אייך צו דערפאר, אז גאט וועט שענקען דאס לעבען און ער וועט, אם ירצה השם, אין דריי־פיער יאהר ארום אנהויבען צו געהן אין חדר, וועט ער, אם ירצה השם, לערנען מיט חשק און וועט זיין, אם ירצה השם, איין עהרליכער איד, געב גאט מיט לאנגע יאהר, אמן. שוויעגער לעבען, אויב איהר קאנט אצינד אויסארבייטען פון יוסעלע׳ס וועגען א יארמעלקעלע מיט א פאר שי־בעלעך פון בליטשקע, וואלט איך אייך זעהר געדאנקט, מחמת איך בין זעהר פערנומען אין געשעפט, און קיין אם וויל איך ניט צונעמען צו יוסעלע׳ן, עס איז נישט כדאי. איך האב נאר געדונגען א מיי־דעל און צאהל איהר פיער קערבלעך אויף מיין גאנג, וויעגט זי מיר דאס קינד און טרייבט די קוה אין טשערעדע — איהר וואלט גע־דארפט זעהן וואס פאר א קוה איך האב געקויפט! זי גיט גאנצע פיער קווארט מילך, זעהר טייערע מילך, און איך האב, ברוך־השם, פון איהר קעז און פוטער. נאר משה־מענדעל לעבען האט פלוצים פיינט בעקומען מילכיגס. שטראפט איהם אויס, איך בעט אייך, ער היט זיך כלל נישט אפ! יוסעלע רייסט זיך איצט אויף א קול, ער וויל נעבאך עסען, מיר זאל זיין פאר איהם! איך שליס מיין בריעף און לאז גריסען אלע אונזערע פריינד און ליעבע פריינד נאר הערצליך, און בעט אפשרייבען ענטפער, למען השם, און פער־

בלייב אייער גליקווינשענדע און איבערגעבענסטע שוויגער־טאַכ־טער כ ל ת כ ם ר ח ל".

— נו? — זאָגט בערעל דער גראָבער. — הלואי אויף מיינע קינ־דער געזאָגט געוואָרען נישט ערגער!

— איהר זינדיגט, דוואָסי־מלכה, איהר זינדיגט! — זאָגט יו־דעל. — כלעבען, איהר זינדיגט!

— אודאי, אַ דאַנק זיין ליעבען נאָמען, וואָס ס'איז זיי, קיין עין־הרע, גוט. נאָר זי טהוט מיר באַנג — איך קאָן זי ניט פאַר־געסען, רב יודעל, איך קאָן זי ניט פאַרגעסען!

און דוואָסי־מלכה רעכענט־אויס יודל'ען אַלע מעלות פון איהר שנור מיט אַלע איהרע פּאָסטעמקעס און בעווייזט איהם, פאַר וואָס זי קאָן זי נישט פערגעסען. דער גאַנצער עולם רעדט, שמועסט מכח יעהופּעץ און מכח יעהופּעצער מסחרים. נאָכדעם נעמט מען צו קאַפּעלעך, מע טרינקט לחיים, האַלטענדיג דאָס קעלישעקעל אין דער האַנד גאַנץ לאַנג, און מע ווינשעוועט איינער דעם אַנדערען אַלדאָס גוט'ס, און אויף דעם כלל ישראל בשורות טובות מיט ישועות ונחמות. ביז דער באָרשט קומט אַרויף אויפ'ן טיש און צעשפּרייט אַ מחיה'דיגען ריח איבער דער גאַנצער שטוב, און דער עולם ווערד פריילאַך. מע פערגעסט זיך און מע פערגעסט זיך אָן משה־מענדל'ען, מיט רחל'ען, מיט דער שטאָדט יעהופּעץ און מיט אַלע מיט איין אַנדער.

XXVI.

ס ט ע מ פ ע נ י ו פ ע ר ז ו כ ט ד ע ם א מ ת ' ע ן ט ע ם פ ו ן ג י ה נ ם .

נאָר איין מענש קאָן ניט פערגעסען די שענע רחל'ע.

דער לעזער שטויסט זיך, אז דאָ שמועסט מען מכח סטעמ־פעניו'ן.

יאָ, מכּה סטעמפּעניו'ן שמועסט מען. ווער איז אימשטאַנד איבערצוטראָגן זיינע גרויסע יסורים? ווער קאָן פּיהלען זיין האַרץ און פערשטעהן זיין גרויס פּערדראָס?

„סטייטש, פּערדראָס! סטייטש, דאָסאָדע! — טראַכט זיך סטעמפּעניו. — אפילו ניט מזכיר געווען, נישט איבערגעקעהרט די צונג, קיין צוויי צעבראָכענע ווערטער נישט אויפגעשריבען, האָטש פון יוצא וועגען: נאַ, ווייס האָטש, אַז איך פאָהר אוועק — פּע, בזיונות!"...

סטעמפּעניו'ן האָט זיך נאָך אַזעלכעם קיינמאָל ניט געטראָפען, האָטש טרעפען האָבען זיך איהם געטראָפען פערשיעדענע טרעפּע־נישען, און אמאָל — נאָך זעהר מיאוסע, מיט אַ בייזען סוף, ווי מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט. נאָר אַזאַ שלאַק, אַזאַ מפּלה, ווי מיט רחל'ען, האָט זיך איהם אפילו ניט גע'חלום'ט. סטעמ־פּעניו, וואָס איז געווען אַזאַ חשוב ביי'ם רבי'ן אין הויף, אַז אפילו דעם רבינ'ס טעכטער האָבען מיט איהם געטריבען קאַטאָוועס, סטעמפּעניו, וואָס אפילו די גראַפינע ברעזשעזשקאַ מיט אַלע „פּאַנעס" זענען געווען נאָך איהם די כּפּרה, ארויסגעשיקט נאָך איהם די קאַרעטע, גערעדט מיט איהם אויף פראַנצויזיש, — הכּלל, סטעמפּעניו זאָל האָבען אַזאַ נאַז, און נאָך אַזוי מיאוס, פון אַ פּשוט אידיש ווייבעל!

— זי טהוט מיר האַרציג באַנג! — האָט זיך סטעמפּעניו מודה געווען פאַר זיין קאָמפּאַניע כלי־זמר. — זי טהוט מיר האַרציג באַנג, אַט דאָס ווייבעל, און איך וואָלט איהר נאָכגעפאָהרען ביז יעהופּעץ, ווען ניט... — סטעמפּעניו קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, און חברה ווייסען שוין, וועמען ער זוכט דאָ מיט די אויגען.

די גאַנצע חברה כלי־זמר האָבען ליעב געהאַט סטעמפּעניו'ן, ווי דאָס לעבען, און זענען קאַפּאַבל צו געהן פון זייערטוועגען אין פייער און אין וואַסער. און ווי ליעב זיי האָבען געהאַט סטעמ־פּעניו'ן, אַזוי האָבען זיי פיינט געהאַט פריידל'ען. זיי האָבען זי

נישט געקאָנט אָנקוקען פאַר איהר קאַרגשאַפט, פאַר איהר זשערנעקייט צום געלד און פאַר אַלע איהרע מיאוסע תנועות.

— כל־זמן ער איז געווען אַ בחור, — האָבען חברה געשמועסט צווישען זיך, — איז אַ סמאַליער[1] געווען ביי איהם הפקר, און מע האָט זיך געקאָנט אָרום איהם פּאָזשיווען, אַמאָל חאַפּען אויף אייביג אַ גמילות־חסד אַ סטראָמערעל[2], צי אַ שפּענערעל[3], און אַמאָל אַזוי אַ מתנה. אַצינד, זינט די מרשעת, ימח־שמה, האָט איהם צוגענומען צו זיך אין די לאַפּקעס אַריין, פּגר'ט ער אַליין נאָך אַ גראָשען, חאַטש הענג איהם אויף. ניטאָ אַמאָליגע יאָהרען מיט די אַמאָליגע וועטשערעס ביי סטעמפּעניו'ן, מיט די אַרומפּאָרעבצען! היינט ליג אין דער קרענק, דאַר און קוואַר און ווער געשוואָלען ווי אַ באַרג פאַר הונגער. דאָס גאַנצע יאָהר זיץ אָהן אַ שטיקעל קרעל[4] און קוק־אַרויס אויפ'ן ראש־חודש אלול! זאָלסט זאָגען, זי זאָל עס פון יוצא ווענען מכבד זיין אַ גאַש־בראָט מיט אַ גלעזעל טיי, רופען אַמאָל פון דרך־ארץ ווענען עסען — עסען זאָלען ווערעם איהר לייב!

— גלויבט מיר, עס מאַכען זיך איצט אָפט צייטען, ווען עס דאַקאַרעט זיך בעריען[5], אַז ס'איז אַ שרעק, נאָר זי זאָל מיר אָנידערלעגען געלד, וואָלט איך ביי אַזאַ שלאַק נישט פאַרזוכט קיין שטיקעל קרעל.

— ווי אַזוי לעבט ער מיט איהר, מיט אַזאַ יאַשטשערקע, מיט אַזאַ נבלה? איך וואָלט שוין לאַנג אַזעלכעס גע'סמ'ט אָדער געהאַנגען, צו אַלדי שווארצע יאָהר, ווי איהר זעהט מיך לעבען!

— אַי, סטעמפּעניו, סטעמפּעניו, ליגסט דו נעבאַך אין דער ערד, ווי אַ באַרג, און באַקסט בייגעל!...

---

[1] סמאַליער — קערבעל. — [2] סטראַמערעל — דרייערעל. — [3] שפּענערעל — פינפערעל. — [4] קרעל — ברויט. — [5] דאַקארעט זיך בעריען — עס ווילט זיך עסען.

אַט אַזוי שמועסען זיך אויס וועגען סטעמפּעניו'ן זיין קאַמ־פּאַניע כלי־זמר, וואָס זעהען זיינע צרות, פּיהלען זיינע וועהטיגען, חאָטש ער רעדט מיט זיי ניט וועגען דעם.

אַז פריידעל איז אין מאַרק, אָדער זי איז פערנומען מיט איהרע משכונות און מיט איהרע קונים, איז נאָך ווי עס איז: סטעמפּעניו איז מכבד די חברה מיט פּאַפּיראָסען, מע זיצט, מע לצ'עוועט, מע דערצעהלט מעשיות פון אַמאָל און מע רייבט די פּאַפּיראָסען אויף וואָס די וועלט שטעהט. נאָר אַט קומט־אַריין פריידעל, ווערד אַלעמען קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען, און חברה הויבט זיך אָן אַרויסרוקען איינציגווייז.

— זעהט נאָר זעהט, ווי מע האָט דאָ אָנגעקורעט, ווי אין אַ קרעטשמע! — זאָגט פריידעל, שמאַרענדיג מיט דער נאָז און קו־קענדיג אויף דעם פּעקעל טאַבאַק, וואָס טאָגט שוין. — נאָר גע־רויכערט, נאָר געקורעט און גענוג! עס טהוט מיר שוין וועה מיין קאָפּ פון אייערע ציגאַרען, איהר וועט מיך קראַנק מאַכען! דו מיינסט, סטעמפּעניו, ס'איז אַ מעלה, וואָס דו רויכערסט אַזוי פיעל? פאָלג מיך, סטעמפּעניו. הער־אויף צו רויכערען, נשמה מיינע! גלויב מיר, עס שאַדט דיר צום געזונט.

— וואָס טויג דיר, פריידעל, געזונט־נעשמונט? זאָג בעסער, אַז דו זשאַלעוועסט מיר אַ גילדען אויף פּאַפּיראָסען — און גענוג. צו וואָס טויג דיר אָנשטעלען?

— וואָס זאָגסט דו אויף זיין טאַטען? נאַ דיר גאָר אָנשטע־לען! איך מיין זיין טובה, און ער קומט דיר מיט זיינע אָנשטעלען! נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג צום שענעם פריהמאָרגען, וואָס איך האָב היינט געהאַט, זיך אָנגעהאַריקעט, אויסגעקאָכט דאָס וואַסער, אָפּגעגעסען דאָס האַרץ, נישט געלייזט אַ גראָשען, און דערצו נאָך גענוידעלט געוואָרען, ווי אַ דיענסט, ערגער ווי אַ דיענסט, געשוואַרצט דאָס פּנים, געמאַכט מיט בלאָטע גלייך — און סחורה ליגט און פוילט...

— איך וואָלט אַ בעלן זיין וויסען, פּריידעל־סערדצע, וואָס פּראָטעסטו דו אַזוי? וואָס קאָרגסטו דו? די קינדער דיינע האָבען דיך באַפאַלען?

— קוק איהם נאָר אָן אביסעל, איך בעט דיך, אַ נעבאַכעל! ער ווייסט נישט, מע דאַרף איהם פּיקען די צונג דאַרף מען איהם. איך זאָג דיר! מסתמא טראָג איך דאָך דאָס אָפּ דער מאַמע מיי־נער, — איאָ, סטעמפּעניו? אָדער איך עס דאָס אַליין אויף, אַזאַ פרעסערין, אַ זויפערין, ווי דיין ווייב איז, מע זאָל גאָר באַהיט און באַוואָהרענט ווערען, — איאָ, סטעמפּעניו? אַנו, קוק מיר גלייך אין די אויגען אריין, סטעמפּעניו, איאָ?

— איך זאָג דען, אַז דו עסט־אויף? אדרבה, איך זאָג פאַר־קעהרט. איך זאָג...

— דו זאָגסט, דו זאָגסט — איך ווייס וואָס דו זאָגסט! דו האָסט נאָך צו זאָגען, איאָ, סטעמפּעניו? דו דאַרפסט נאָך האָבען טענות צו גאָט, וואָס האָט דיר צוגעשיקט אַזאַ אויסברענגערין, ווי איך, וואָס איך קאָן דיר מאַכען פון אַ גראָשען צוויי און דיך אין זינען האָבען טאָג ווי נאַכט. אדרבה, זאָג, וואָס פעהלט דיר, וואָס געהט דיר אָפּ? דו שווייגסט? איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען, וואו וואָלסט דו שוין אַצינד אָנגעשפּאַרט מיט דיין פיעּ־דעלע, ווען דו זאָלסט מיך ניט האָבען, סטעמפּעניו, פאַר אַ ווייב?

— או — וואַ!

— זאָלסט דו טאַקי וויסען, אַז „או — וואַ!“ עס ווייזט־אויס, אַז דו האָסט פאַרגעסען, וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט געהאַט צו דער חתונה — אָהן אַ העמד אויפ׳ן לייב, קיין גאַנצע פּאָר זאָקען, קיין קישעלע, קיין ציכעלע, קיין לייב און לעבען, און פאַרדיענט האָסט דו שטיקער גאָלד — וואו איז דאָס אַהינגעקומען?

— אָט פליה איך דיר אָפּגעבען דין וחשבון פון מיינע פאַר־דיענסטען בחור׳ווייז.

— אַ! אָט דאָס איז דאָך די מעשה מיט דיר, סטעמפּעניו! דו קאָנסט ניט ליידען, אַז מע זאָגט דיר דעם ריינעם אמת, און

האסט נאך טענות צו יענעם, דערפאר, וואס יענער שלאגט זיך קאפ אין וואנט פאר דיר, הארעוועט, קריכט אין דער ערד, פארגינט זיך נים קיין שטיקעל ברויט אויף צו עסען, פאראומערט זיך דאס לעבען, און אלץ צוליעב וועמען? צוליעב איהם! אלץ פון זיינעטוועגען, טאמער ווייסט דו, פאר וואסערע מעשים טובים? ער וועט מסתמא שטעלען א גילדענע מצבה נאך מיין קאפ — אז אך און וועה איז מיר...

— וואס האב איך דיר געטהאן? און ווער טשעפעט דיך?

— וואס זאלסט דו מיר טהון? האסט מיר גענוג געטהאן! האסט מיר פארוויסט מיין וועלט! האסט גענומען א יונג קינד, א מיידעל א ניונקעלע, און האסט מיט דיין צינגעלע מיך איבער־גערעדט, צוגעזאגט גאלדענע בערג, אפגעלינגערט פונ'ם קאפ ביז די פיס. וואס וואלט מיר שלעכט געווען, איך זאל דיך נישט געווען קענען? איך וואלט מיר אפגעזוכט מיין גלייכען און וואלט נישט געווען סטעמפעניו'ס ווייב — א גליק האט מיך געטראפען!

— נו, אפשר האסט דו חרטה אויפ'ן שידוך, פריידעל? ס'איז דא א רב אין מאזעפעווקע, און א טייך, און מע קאן שרייבען גט...

— א־א־א? אט דאס איז דיין מיין? קוים א מאל זיך אויס־געקוועטשט! דו מיינסט, איך וויים נים, אז דו קוקסט דערויף ארוים? דו ווילסט פון מיר פטור ווערען! איך וויים, סטעמפעניו, איך וויים, מיך ווערסט דו נים נארען! איך בין דיר גרוים אין די אויגען! נאר פאר וואס קומט דאס מיר, סטעמפעניו? איך פרעג דיך, אדרבה, זאג מיר, פאר וואס קומט דאס מיר? לאם איך אויך וויסען!

— עט! — ענטפערט איהר סטעמפעניו, טהוט א מאך מים דער האנד, געהט־אוועק צו זיך אין חדר אריין און נעמט זיך אראפ דאס פיעדעלע פון דער וואנד.

דאס פיעדעלע — דאס איז אינגאנצען זיין טרייסט, זיין איינ־ציגער חבר אויף דער וועלט. מיט'ן פיעדעלע קאן ער פערגעסען זיינע יסורים, דערמאנען זיין יוגענד, זיין פרייהייט, וואס ער האט

אַנגעוואָרען אויף אייביג, אויף אייביג! פיעל פערשיעדענע פאַר־שוינען רופט איהם ארוים דאָס געזאַנג פון זיין פיעדעלע; פיעל שענע, ליכטיגע, פרייליכע בילדער פון אַמאָל שטעלען זיך איהם פאַר, ווען ער הויבט־אָן צו שפּיעלען; זיי בעווייזען זיך — און אנטלויפען!...

צווישען די אַלע אַמאָליגע בילדער ריהרט איהם אָן מעהר פון אַלע איין בילד, וואָס ער קאָן גאָר נישט פערגעסען: דאָס שענע ליעבע בילד פון רחל'ען מיט איהר ליכטיג פּנים, מיט איהרע בלויע אויגען, מיט די לאַנגע ברעמען, מיט איהר ווייסען האַלז און מיט איהר זיס, גוט שמייכעלע, פאַר וועלכעס ער איז גרייט אַלץ, אַלץ אוועקצושענקען!

סטעמפעניו שפּיעלט און שפּיעלט; ער שפּיעלט לאַנג, כּדי דער שאָטען פון רחל'ען זאָל ניט פערשוואונדען ווערען, ווי תּמיד. ער וויל חאָטש זעהן איהר שאָטען. די מחשבה אפילו וועגען רחל'ען איז ביי איהם טייער, זעהר טייער.

* * *

אין יענער צייט האָט סטעמפעניו געשפּיעלט אַזוי, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געשפּיעלט. אין יענער צייט, קאָן מע זאָגען, האָט ער געגרויכט אין זיין שפּיעלען ביז דער העכסטער מדרגה. ווער עס האָט איהם אין יענער צייט נישט געהערט שפּיעלען, דער האָט נאָך קיין גוטס נישט געהערט.

אַזוי קוועלען מיר אָן, ווען דאָס פויגעלע זינגט זיך אין שטיי־געלע: עס חלומ'ט זיך דעם פויגעלע גרינע בלעטלעך, בליהענדיגע קוויטען, פרייע לופט, אַ פרייע וועלט, איין אָפענע וועלט, אַ גרויסע ברייטע וועלט, און עס בעקומט חשק צו זינגען, אויסצוגיסען דאָס בימערע הארץ — און עס זינגט, עס וויינט, עס צעגיסט זיך! און מיר קוועלען־אָן, קלויבען דערפון תּענוג, האָבען אמת פערגעניגען.

— זי טהוט מיר האַרציג באַנג! — זאָגט סטעמפעניו צום הונ־דערטען מאָל פאַר זיין קאָמפּאַניע כּלי־זמר. — איך בענג נאָך איהר

באמת, ווי נאָך אַיין אייגענער. איך וואָלט איהר נאָכגעפאָהרען ביז יעהופּעץ, ווען ניט...

און סטעמפּעניו קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען און דער־זעהט פריידל׳ען, ווי זי שטייט און טענה׳ט איבער אַ קונה׳טע פון קאַרעלען, פון זיידענע טיכלעך און פון בליטשקע...

אונזער פריידעל האָט ביסלעכווייז אײנגעפיהרט אַ גאַנצע קראָם ביי זיך אין שטוב און איז געוואָרען אַ רעכטע סוחר׳טע, גלייך מיט אַלע מאַזעפּעווקער קרעמערקעס.

גאַנץ אָפטליך קומט צו איהר צו־גאַסט איהר מוטער, צפורה די גראָבע. זי זאָגט, אַז ישעיה׳קע בענגט זעהר נאָך דער טאָכטער און שיקט זי געוואָהר ווערען, וואָס פריידעל מאַכט. נאָר פריידעל ווייסט, אַז ס׳איז אַ ליגען; זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז די מאַמע איז זשעדנע אין דער היים אַ שטיקעל ברויט, קומט זי אַהער אַביסעל זיך אָפּפאַסטען און מאַכט זיך דאָ גאָר אַ גאַנצען קימפּעט.

— ווייסט דו וואָס טאָכטער? מאַך אַ־עלכע פּוטערבולקעס, ווי איך פלעג אמאָל מאַכען, געפלאָכטענע און גוט אויסגעטרי־קענט. דאָס מיט ציקאָריע איז זעהער געזונט, און ווער עס קאָן פּאַרדייען מיט אַ סך פּוטער — איז גאָר גוט, און אויף אָנבייסען הייס צופּרעגלען די פלאָסטערען פון די גענז מיט אַ ציבעלקע. דער טאַטע, אויב דו געדענקסט, האָט דאָס ליעב פון תמיד אָן. געזונט, טאָכטער, זאָל מען זוכען אין שיסעל...

און צפורה בעלעקט זיך אַזש און טראַכט־צו אַלע טאָג אַ נייעם אָנבייסען מיט אַ נייעם וואַרמעס מיט אַ מיטאָג און מיט אַ וועטשערע, — און מע קאָן ניט זאָגען, אַז פריידעל. איז דערפון שטאַרק צופריעדען. די ערשטע וואָך טראָגט זי דאָס ווי עס איז איבער, נאָר אויף דער אַנדערער וואָך הויבט זי זיך אָן צו בלאָ־זען אויף דער מאַמע׳ן, די מאַמע — אויף איהר, ביז מע צעאַמ־פּערט זיך און מע לאָזט־אויס דעם גאַנצען כעס צו סטעמפּעניו׳ן, וואָס וויל זיך אַריינמישען און מאַכען שלום צווישען ווייב מיט דער שוויגער.

— ס'איז נישט דיין עסק! — זאָגט צו איהם פריידעל. — דו האָב נאָר קיין יסורים ניט. איך וועל מיין מאַמען דיין ירושה ניט אוועקגעבען. זיי רוהיג, סטעמפעניו!

— א שענער געניידעם! — זאָגט די שוויגער פון איהר זייט מיט א שטאָך. — איין אָכס האָט א לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר ניט בלאָזען! ביי לייטען א שוויגער האָט כבוד גלייך ווי איין אייגענע מאַמע. ער זעהט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, וואָס פאַר א כבוד איך האָב פון מיין טעכטערעל, ווי זאָגט מען: שנייץ די נאָז און שמיר דאָס פנים, — און ער זאָל עס איהר אפילו איבערקעהרען די צונג. אויך מיר א מאַן, משטיינס געזאָגט, אבי געריטפעלט אויפ'ן פיעדעל. איך פארשטעה דאָס גאָר ניט, ווי אזוי ווערד דאָס איהם ניט נמאס, טאַטעניו! וואָס מיין טאָכטער נעמט זיך אזוי איבער — וויים איך ניט: אז דאָס מזל געהט, קעלבט זיך איין אָכס אויך. מע האָט שוין געזעהן אזעלכע בריות, ווי דו! דיין שוועהר איז אמאָל געווען אזא שענער פיעדלער, ווי דו, נאָר גאָר ניט, ווי זאָגט מען: א נייער בעזעם קעהרט ריין. צו אלסדינג דאַרף מען האָבען מזל, און אז גאָט וויל, שיסט א בעזעם. ברוגז, סטעמפעניו, דאַרפסט דו אויף מיר ניט זיין, וואָס איך זאָג דיר דעם ריינעם אמת, און חאָטש יעדער הונט איז אודאי א בעל־הבית אויף זיין שוועל, נאָר קיין פרעמדע בין איך דיר ניט, פאַרט א שוויגער, און אז מע שפּיעלט זיך מיט דער קאַץ, נעמט מען פאַר ליעב איהר קראַץ...

און צפורה שיט מיט ווערטלעך, ווי פון א זאַק, ווי איהר שטייגער איז, אז זי צערעדט זיך. נאָר סטעמפעניו הערט נישט אוים ביז'ן סוף: ער נעמט זיך צו דער פיעדעל, ווי תמיד, ווי אלע מאָל, ווען ס'איז איהם שוין גוט אָנגעזאָלעט אויפ'ן הארצען — און דעמאָלט פערגעסט ער דאָס ווייב מיט דער שוויגער מיט אלע צרות. און עס שטעלט זיך איהם פאַר אלץ יענע רחל'ע מיט די בלויע אויגען...

„זי טהוט מיר הארציג, הארצעדיג באנג!" — טראכט זיך סטעמפעניו און קלערט אלץ תחבולות, ווי ארום קומט מען צו איהר, ווי אזוי און וואו קאן מען זי זעהן נאך א מאל...

פוסטע מחשבות! ער ווייסט ניט, אז זיין ליעדעל האט ער שוין אט באלד־באלד אפגעזונגען, אז זיין וועלטעל האט ער שוין במעט אפגעקומען: ער זעהט ניט, ווי זיינע שענע שווארצע לאקענס ווערען וואס ווייטער שיטערער, ווי זיינע פייערדיגע אויגען ווערען־אן ביסלעכווייז דעם גלאנץ, אזוי ווי אויף זיין ווייסען שטערן לעגען זיך שוין קנייטשען.

נארישער גבור! פערגעס זיך נישט. זעה, ווי ביי דער זייט שטעהט דיין דלילה, דיין ווייב פריידעל. די דאזיגע דלילה האט דיך פערוויעגט, פערשלעפערט ביי זיך אויפ'ן שויס, שטילערהייד אפגעשוירען דיינע לאנגע האר און צוגענומען ביי דיר דעם כח, איינגאנצען דיין כח, ווי יענע דלילה ביי שמשון הגבור... דיר איז געבליבען איצטער איין טרייסט אויף דער וועלט — די פיעדעל.

שפיעל, סטעמפעניו, שפיעל אויפ'ן פיעדעל! שפיעל, און מיר וועלען הארכען...